STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00445

# DRAMEN

## David Pinski

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Ida Lew Barron*
*in memory of*
*Velvul & Shaina Lev*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דוד פינסקי
# דראמען

פערלאַג „פּועלי ציון"
ניו יאָרק
1919

Copyright by David Pinski
1919.

PINSKI - MASSEL PRESS
NEW YORK

# דריטער באנד

## אינהאלטספערצייכניס פון דעם דריטען באנד

דער פרעמדער, טראגעדיע אין איין אקט.

דער שטומער משיח, טראגעדיע אין דריי אקטען.

די פאמיליע צבי, טראגעדיע אין פיער אקטען.

אייזיק שעפטעל, דראמע אין דריי אקטען.

# דער פרעמדער

(דער אייביגער איד.)

טראגעדיע אין איין אקט

(אוגוסט, 1906.)

דער איינאַקטער „דער פרעמדער"
איז ערשינען צום ערסטן מאָל
אונטער דעם טיטל „דער אייביגער
איד" אין דער ניו יאָרקער וואָכענ־
שריפט „דער ארבייטער" אין 1906,
און אין דער ווילנא'ער וואָכענשריפט
„דאָס איד. פאָלק" אין 1907.

דער פאָרליגענדיגער איינאַקטער, כאָטש אַן און פאַר זיך אַ זעלבסטשטענדיג ווערק, איז די ערסטע אָבטיילונג פון אַ טעטראַלאָגיע — פון אַ טראַגעדיע אין פיער אָבטיילונגען, וועלכע בעהאַנדעלט אייניגע מאָמענטען פון דער משיח־זוכענים פון דעם גלות־פאָלק. דער „אייביגער איד" פון מיין טעטראַלאָגיע איז נישט דער אייביגער „וואַנדער־איד" אהאספער פון דער קריסטליכער לעגענדע. דער לעצטער איז פערשאָלטען פאסיוו ארומצולויפען און קיין רוה ניט געפינען, ביז דער קריסטליכער משיח וועט וויעדער קומען. מיין „אייביגער איד" איז אקטיוו. ער מוז זוכען. ער מוז ארומגעהן, ביז ער וועט משיח'ן געפינען.

„דער פרעמדער", וועלכער איז בעגרינדעט אויף אַ מדרש (איכה רבתי, א. נז.), איז דער אויסגאַנגספונקט, נאָך וועלכען עס וועלען נאָכקומען די דריי וויטערע טראַגעדיעס: „רב עקיבא", „שלמה מולכו" און „נתן העזתי".

און מיט דאנק דערמאָן איך דאָ מיין ליעבען פריינד דוב אבערסאָן, וועלכער האָט מיך אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם אויבען דערמאָנטען מדרש.

# דער מדרש

(איכה רבתי נ״ז).

ר׳ יודן בש״ר איבו אמר מנחם שמו שנאמר כי רחק ממני מנחם... והדא מסייע להדא דר׳ יודן בש״ר איבו. עובדא הוה בחד בר נש דהוה קא רדי געת חדא תורתי עבר עלוי חד ערבי א״ל מה את א״ל יהודאי אנא א״ל שרי תורך ושרי פדנך א״ל למה א״ל דבית מקדשון דיהודאי חרב א״ל מנא ידעת א״ל ידיעת מן געייתא דתורך. עד דהוה עסיק עמיה געת זימנא אחריתי. א״ל אסר תורך אסר פדנך דהאתייליד פריקהון דיהודאי. א״ל ומה שמיה. א״ל מנחם שמיה. ואבוי מה שמיה. א״ל חזקיה. א״ל והיכן שריין. א״ל בבירת ערבא בדבית לחם יהודה. זבין ההוא גברא תורוי זבין פדניה והוה מזבין לבידין דינוקין על לקרתא ונפק לקרתא על למדינה ונפק למדינה, עד דמטא לתמן. אתיין כל כפריא למיזבן מיניה וההיא איתתא אימיה דההוא ינוקא לא זבנית מיניה. א״ל למה לית את זבנת לבידין דינוקין. אמרה ליה דחשייה קשיי לינוקי. א״ל למה. אמרה ליה דעל ריגלו חרב בית מקדשא. א״ל רחיצין אנן במריה עלמא דעל ריגלוי חרב ועל רגלוי מיתבני. א״ל את הוי נסיבא ליך מן אילין לבידין דינוקין ולבתר יומין אנא אתי לביתך ונסב פריעיך. נסבה ואזלה. לבתר יומין אמר האי גברא איזיל ואיחמי ההוא ינוקא מאי קא עביד. אתא לגבה א״ל ההוא ינוקא מאי קא עביד. אמרה ליה לא אמריתי לך דחשייה קשיי אפילו על רגליה נחשיה. דמין ההיא שעתא אתיין רוחין ועלעולין טענוניה ואזלין להון. א״ל ולא כך אמרית לך דעל ריגלוי חרב ועל ריגלוי מתבני.

## די איבערזעצונג:

רב יודן דער זוהן פון רב איבו האט געזאגט: מנחם איז זיין נאָמען ווי עס שטעהט אין פסוק: ווארום עס איז ווייט פון מיר מנחם. — — און דאָס איז א ראיה צו רב יודן דעם זוהן פון רב איבו: עס איז געוועזען א מעשה מיט איינעם א מאן, וועלכער האט געאקערט. האט זיך צושריען איינער פון זיינע אָקסען. איז פארבייגעגאנגען אן אראבער און איהם געזאָגט: ווער ביזטו? האט ער איהם געזאָגט: א איד בין איך. האט ער איהם געזאָגט: בינד אָב דיינע אָקסען און בינד אָב דיין געשפאן. האט ער איהם געזאָגט: פארוואס? האט ער איהם געזאָגט: ווייל דער בית המקדש פון די אידען איז חרוב געוואָרען. האט ער איהם געזאָגט: פון וואנען ווייסטו? האט ער איהם געזאָגט: איך וויים עס פון דעם געשריי פון דיין אָקס. ווי ער עוסקט זיך מיט איהם, האט זיך דער אָקס נאָך אמאָל צושריען. האט ער איהם געזאָגט: שפאַן איין דיין אָקס, שפאַן איין דיין געשפאן, ווייל עס איז געבאָרען געוואָרען דער אויסלייזער פון די אידען. האט ער איהם געזאָגט: און וואָס איז זיין נאָמען? האט ער איהם געזאָגט: מנחם איז זיין נאָמען. און ווי איז דער נאָמען פון זיין פאָטער? האט ער איהם געזאָגט: חזקיה. האט ער איהם געזאָגט: און וואו וואוינט ער? האט ער איהם געזאָגט: אין דעם אראבער־פיערטעל פון בית לחם יהודה. האט דער מאן פערקויפט זיינע אָקסען און זיין געשפאן און אָנגעקויפט לייווענט פאר קינדער, און איז געגאנגען שטאָדט־איין שטאָדט־אויס, מדינה־איין מדינה־אויס, ביז ער איז אָנגעקומען אהין. זיינען זיך צונויפגעקומען אלע דאָרף־טעכטער צו קויפען פון איהם און יענע פרוי, די מוטער פון דעם קינד, האט פון איהם נישט געקויפט. האט ער צו איהר געזאָגט: פאר וואָס קויפסטו נישט קינדער־לייווענט? האט זי איהם געזאָגט: ווייל דורך זיין געבורט איז חרוב געוואָרען דער בית־המקדש. האט ער איהר גע־

זאָגט: מיר זיינען בטוח אין דעם האר פון דער וועלט, אז דורך איהם איז ער חרוב געוואָרען און דורך איהם וועט ער אויפגעבויט ווערען. האָט ער איהר געזאָגט: דו נעם דיר פון דעם קינדער־לייוועגט און אין טעג ארום וועל איך צו דיר קומען און נעמען געצאָהלט. האָט זי גענומען און איז אוועקגעגאנגען. אין טעג ארום האָט דער מאן געזאָגט, איך וועל געהן און געוואָהר ווערען, וואָס דאָס קינד מאכט. איז ער אוועק צו איהר און איהר געזאָגט: וואָס מאכט דאָס קינד? זאָגט זי איהם: האָב איך דיר נישט געזאָגט אז זיין מזל איז א שווערער און פערפאָלגט איהם, וואָרום פון יעמאָלט אָן זיינען אָנגעקומען ווינטען און שטורמס און האָבען איהם אוועקגענומען. האָט ער איהר געזאָגט: האָב איך דיר נישט געזאָגט, אז דורך איהם איז ער חרוב געוואָרען און דורך איהם וועט ער אויפגעבויט ווערען?

## פערזאָנען:

דער פּרעמדער.
די יונגע פרוי.
איהר דיענסט.
גוריון,
טרפון,
גמליאל.
דריי זקנים.
ברכיה.
ערסטער שומר.
צווייטער שומר.
דריטער שומר.
ערסטע פרוי.
צווייטע פרוי.
דריטע פרוי.
פיערטע פרוי.
אן אלטער מאן.

פערשיעדענע קלאסען פון דער בעפעלקערונג;
מענער, פרויען און קינדער.

דאָס שטיק שפּיעלט אין דער שטאָדט בירת ערבא
אין דער צייט פון דעם חורבן בית שני.

דער מאַרקפּלאַץ אין בירת ערבא. רעכטס און לינקס און אין הינ־טערגרונד קראָמען — הילצערנע צעלטען, אָבגערוקט איינע פון די אנדערע און אויסגעלעגט מיט פערשיעדענע סחורות, ווי קליידערוואַרג, געשיר, וואָלענס. אין מיטען פּלאַץ שטעהען צושטרויט דריי צעדער־בוימער. פון הינטער די צעלטען־קראָמען זעהט מען אַ רייהע הילצערנע הייזער מיט בוימער פאר זיי.

רעכטס פון מאַרק אַ גערויש פון אַ גרויסען עולם. די קרעמער — אַלע עלטערע מענשען — שטעהען אין איין גרופּע ביי דער רעכטער רייהע קראָמען און קוקען דערשראָקען אין די זייט פון דעם רעש. פון די הייזער אין הינטערגרונד און פון לינקס העבען אָן ארויסצושיטען מענער, פרויען און קינדער, דערשראָקענע, צורודערטע. דער גערויש ווערט נעהנטער, מען הערט דייטליך: „וועה אונז! וועה אונז! אַ שלעכטע בשורה איז געבראכט געוואָרען! וועה אונז! וועה אונז!" — גוריון, טרפון און גמליאל, דריי שנײ־ווייסע זקנים, קומען ארויף אויפ'ן פּלאַץ, און הינטער זיי אַ גרויסער עולם, וועלכער שפּארט זיך דורך פון צווישען די צעלטען. די מענער אין דעם עולם זיינען אַלע אין די מיטעלע יאָהרען און עלטער; די עטליכע יונגע, וועלכע געפינען זיך דאָ, זיינען קאַליקעס.

**ג ו ר י ו ן** (מיט אַ וויינענדיגען קול). שטעלט אָן אייערע אויערן, אידישע קינדער, און גרייט אייך צו צו הערען. ציון גוסס'ט און ירושלים האלט אין פאַלען.

**א ן א ו י ס ב ר ו ך פ ו ן ג ע ו ו י י ן א י ן ע ו ל ם.** אוי וועה! אוי וועה!

**ג ו ר י ו ן.** אן אורח האָבען מיר יעצט געהאט, א דורכגעהער

פון ירושלים, און שרעקליך איז דאָס, וואָס ער האָט דערצעהלט. אייערע הערצער װעלען צוגאנגען װערען װי װאקס, און אייערע אויגען װעלען ארויסשווימען פון אייערע לעבער דורך פיעל טרערען.

דער געוויין (ווערט שטאַרקער). וועה אונז! וועה אונז!

גוריון. טריט ביי טריט האָבען די בעלאגערטע געמוזט אבטרעטען פאַר די רוימער. ווי די לייבען האָבען זיי זיך געשלאָגען און ווי די ווילדע אָקסען. הונגעריגע, מידע, נישט אויסגעשלאָפענע, האָבען זיי דאָך לאנג אויסגעהאלטען, און יעדער טריט פאָראויס האָט אָבגעקאָסט די רוימער א סך בלוט. אָבער, וועה! — די רוימער האָבען דאָך געזיעגט, און יעצט איז געבליבען ביי אונזערע שטרייטער נאָר איין פעסטונג — דער בית המקדש. זיי האָבען זיך איינגעשלאָסען אין דעם בית המקדש, און די רוימער בעלאגערען זיי. אוי און וועה, די רוימער בעלאגערען דעם בית המקדש! די רוימער זיינען שוין אונטער די וואנד פון דעם בית המקדש!

(צואווייִנט זיך, דער געוויין אין עולם ווערט שטאַרקער.)

יאָמערגעשרייען. וועה צו אונז! וועה צו אונז!

גמליאל (וויינעריש). און דער הונגער האָט זיך נאָך געשטארקט אין שטאָדט. מען שטארבט אין די גאסען, מען פאַלט ווי די פליגען. מען געהט ארום ווי די שאָטענס און מען קוקט אוים די אויגען נאָך א זאך, וועלכע מען זאָל קאָנען געניסען. מרים די טאָכטער פון ביתוס, די פרוי פון דעם כהן גדול יהושע...

טרפון. איינע פון די רייכסטע פרויען אין ירושלים. אויף טעפיכער פלעגט זי געהן פון איהר הויז ביז צום בית המקדש, אויף טייערע טעפיכער פון פרס. איך האָב זיי אליין געהאלטען אין מיינע הענד, טעפיכער, וועלכע האָבען אָבגעקאָסט א שלל...

גמליאל. און צוויי הונדערט מאָס וויין פלעגט זי פערברויכען א טאָג, צוויי הונדערט מאָס וויין — קאָנט איהר שוין פערשטעהן איהר עסען! — אָט אָ די מרים געהט יעצט ארום איבער די גאסען פון ירושלים און לעגט אין איהר מויל די עקעלסטע

זאכען, וועלכע זי געפינט, און זעטיגט איהר הונגער מיט אלץ, וואס זי קאן נאר אראבשלינגען. מרים די טאכטער פון נקדימון...

טרפון. איז נאך אפשר רייכער געוועזען פאר מרים די טאכטער פון ביתוס. פינף הונדערט גאלדענע דינר פלעגט זי אויסגעבען א טאג אויף בשמים!

גמליאל. זי געהט ארום איבער די גאסען פון ירושלים און קלייבט צוזאמען דעם האבער, וועלכער פאלט אראב ביי די פערד. (וויינענדיגער.) אי, די תוכחה האט זיך אויסגעגאסען אויף אונז! מוטערם קוילענען זייערע קליינע קינדערלעך, אום אנצוזע־טיגען זיך מיט זייער פלייש... (דער געוויין פון עולם שלאגט אויף אין גייע כוואליעס.)

טרפון (ברעכט פלוצלונג אוים מיט א יאמער). וועה צו אונ־זערע קעפ! דער בית המקדש איז א ודאי שוין חרוב געווארען און ירושלים איז געפאלען!

שטימען. וועה צו אונזערע קעפ! וועה צו אונזערע קעפ! דער בית המקדש איז א ודאי שוין חרוב געווארען.

גמליאל (מיט געוויין). אוי צו אונז, וועה צו אונז!

א פרוי (העבט אן צו רייסען אויף זיך דאס האר מיט א ביטערען געשריי). וועה! וועה! וועה!

גוריון (קעמפפענדיג מיט זיין שוואכקייט). שווייגט, איהר שוטים! (צו טרפון.) ווי האסטו געקאנט אזוינס ארויסרעדען? אלט ביזט דו און גרוי, און ווייסט נאך אלץ נישט, וועלכע וואונדער גאט קאן בעווייזען. איז עס נישט א וואונדער, אז הונגעריגע זיי־נען אונזערע טאג־טעגליך מנצח איבער די רוימער און טרייבען פון זיך אוועק זייערע זאטע לעגיאנען? איז עס נישט א וואונדער, וואס א סך פון די רוימער, געריהרט דורך דער אידישער גבורה און דעם אידישען מוט, פערלאזען זייערע פאהנען און זייערע געטער און געהען אריבער צו אונזער גאט און צו אונזער פאלק? (בעוועגונג.)

שטימען. טוען זיי עס? טוען זיי עס?

גורין. טאָג אין טאָג טוען זיי עס! (בעוועגונג.)

שטימען. גאָט, ווי גרויס דו ביזט!

גורין. וועט ער, אונזער גרויסער גאָט, לאָזען חרוב מאכען זיין הויז? ווי האָסט דו דאָס געקאָנט אַרויסרעדען, טרפון?

טרפון. גורין, האָט ער דען נישט געלאָזען חרוב מאכען זיין ערסטען בית המקדש? איך האָב מורא! איך האָב מורא!

שטימען. ווער אונז! וועה אונז!

גורין. זאָל דיין צונג אָבדארען, טרפון! דו לעסטערסט גאָט, און מיט דיינע ווערטער גיסט דו נאָר מוט דעם שטן. און איך זאָג אייך, דער בית המקדש איז נישט חרוב געוואָרען. מיינט איהר, אַז גאָט'ס הויז וואָלט פערניכטעט געוואָרען, און מיר און די גאַנצע וועלט וואָלטען עס נישט גלייך דערפיהלט? וואָלט די זון נישט שווארץ געוואָרען, און דער הימעל וואָלט זיך נישט פערצויגען מיט טרויער און געגאָסען מיט ביטערע טרערען? וואָלטען אונזערע הערצער נישט געוויינט אין אונז, און מיר וואָלטען אפילו נישט געוואוסט, פון וואנען די טרערען קומען? און נישט בלויז מיר, נאָר אפילו חיות אין וואלד און בהמות אין פעלד וואָלטען עס דערשפירט. זינדיגט נישט מיט אייערע רעד, און אייערע טרערען ניצט אוים נישט אויף צו בעוויינען, נאָר אויף צו בעטען און תפלה צו טאָן. אין זעק לאָמיר אונז אָנטאָן, מיט אַש בעדעקען אונזערע קעפּ און פּייניגען אונזערע לייבער אין תענית. אז גאָט זאָל רחמנות האָבען, זאָלען מיר בעטען, און אָבטאָן זיין שווערע האנד פון זיין פאָלק און ראטעווען זיין היילינגטום. קומט אלע און לאָ'מיר פערברייננען דעם טאָג אין געוויין און געבעט. (בעוועגונג, נייער אויסברוך פון געוויין.)

שטימען. ברייננגט זעק! ברייננגט אַש!

אַ מענערשטימע (לינקס הינטער די קראָמען). וויקעלעך פערקויף איך. ווינדעלעך פאר ערסט געבאָרענע קינדער! וויקעלעך פערקויף איך, ווינדעלעך פאר ערסט געבאָרענע קינדער! (אלע אויגען ווענדען זיך אין דער זייט פון דער שטימע.)

גוריון. ווער קאָן דאָס אַזוי רוהיג אויסרופען זיינע סחורות, און אונזער פאָלק פערגעהט אין געוויין?

דער פרעמדער (מיט אַ פעדלער־קאַסטען אויף זיך, קומט אַרויס פון צווישען ביידע פאָרדערסטע קראָמען לינקס). דאָס רוף איך מיין מזל. פערקליבען דאָ זעה איך אויף איין מאָל גאַנץ בירת ערבא, און איך וועל לייכטער געפינען, וועמען איך זוך. זאָגט, וואוינט ביי אייך נישט איינער מיט'ן נאָמען חזקיה, ביי וועמען עס איז געבאָרען געוואָרען אַ זוהן אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, און ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבען מנחם? (בעוועגונג.)

שרעק־געמורמעל. אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען?

גוריון, טרפון און גמליאל (מיט שרעק). אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען?

גוריון. איז דער בית המקדש חרוב געוואָרען?

דער פרעמדער (פערוואונדערט). איהר ווייסט עס נישט? איז דען דער... (מיט בעשטימטהייט.) יאָ, חרוב געוואָרען איז אונזער בית המקדש, אָבגעטאָן געוואָרען די קרוין פון אונזער קאָפּ.

קלאָגשטימען. חרוב געוואָרען איז אונזער בית המקדש, אָבגעטאָן געוואָרען די קרוין פון אונזער קאָפּ!

טרפון (מיט אַ ציטעריגער שטימע). גוריון, זעהסט דו...

גוריון (צום פרעמדען מיט אַ פערשטיקטען קול פון טרערען). קומסט דו פון ירושלים אָדער פון איהר אַרום?

דער פרעמדער. איך קום נישט פון ירושלים און נישט פון איהר אַרום. בירת ערבא ליגט אין מיטען וועג צווישען ירשלים און מיין היים.

גוריון (העבט אויף איהם אויף אַ פערוואונדערטען בליק). און דאָך ווייסט דו, וואָס מיר ווייסען נאָך נישט? האָסט דו אָנ־

געטראָפען אויף דיין וועג מענשען פון ירשלים אָדער פון איהר אַרום?

דער פרעמדער. איך האָב קיינעם נישט אָנגעטראָפען אויף מיין וועג. די וועגען זיינען יעצט וויסט און פער'אָבל'ט. אָהן א דורכגעהער. נאָר מחנות פרעהליכע רוימער ציהען אַפט דורך, און זיי זיינען געפעהרליך, ווייל זיי טויטען אָדער נעמען געפאנגען יעדען אידען, וועלכען זיי טרעפען אָן. דורך וואלד און נאכט האָב איך מיך גע'גנב'עט אהער, און צעהן טעג האָט מיר גענומען דער וועג, וועלכען איך וואָלט געקאָנט דורכמאכען אין צוויי.

גוריון. דו קומסט נישט פון ירשלים און האסט קיינעם נישט בעגעגענט, און דאָך זאָגסט דו...

דער פרעמדער. און דאָך זאָג איך, אז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, און אין יענעם טאָג איז געבאָרען געוואָרען מנחם, וועלכער וועט אונז טרייסטען אין אונזער אונגליק און אויסלייזען אונז פון אונזערע פיינד, און ער געפינט זיך ביי אייך אין בירת ערבא. (בעוועגונג.)

געמורמעל. א נביא? — א פאלשער נביא אפשר! — א פאלשער נביא!

גוריון (שטרענג). ווער ביזט דו, וואָס דו ווייסט זאכען, וועלכע דו האָסט נישט געזעהן און נישט געהערט? האָט גאָט דיר א צייכען געשיקט? האָט ער דיר דאָס דורך א חלום ענטפלעקט?

דער פרעמדער. דיין מויל האָט עס געזאָגט. גאָט האָט עס מיר דורך א צייכען ענטדעקט.

געמורמעל. א נביא! — א פאלשער נביא!

גוריון. רעד און לאָ'מיר וויסען, צו דאַרפען מיר דיר גלויבען. ווער ביזט דו, זאָג אונז, און ווי האָט זיך גאָט צו דיר ענטפלעקט.

דער פרעמדער. אין זאָג עס דיר גלייך, אָבער צוערסט וועל איך מיך אוועקזעצען און פייכט מאכען מיין פערטריקענטען האלז (נעמט אראָב פון זיך דעם קאסטען, זעצט זיך אויף דער ערד, טוט

אַ טרונק וואַסער פון זיין לאָגעל און נעמט אריין אין מויל אַ שטיק באָקסער.) אן ערדארבייטער בין איך געווען אין א דאָרף ווייט אין גליל, און טייערער איבער אַלץ איז מיר געווען מיין שטיקעל ערד. ווען די מלחמה מיט די רוימער האָט זיך אָנגעהויבען, בין איך דער איינציגער פון אַלע לענדענשטארקע מענער אין מיין דאָרף געבליבען אין פעלד ביי מיינע אָקסען און נישט געגאַנגען העלפען אונזער פאָלק און אונזער לאַנד.

אַ קריפּעל (אין דער פאָרנסטער רייהע). ער דערצעהלט'ס און ווערט נישט רויט.

דער פרעמדער. איהר הערט נאָר ווייטער. נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען מיין בלייבען. איך האָב אַ שטאַרקע מלחמה אויסגעהאַלטען אין מיין בוזים. פון איין זייט האָט מיך גערופען מיין פאָלק, פון דער אנדער זייט מיין ערד, ביז די ערד האָט מיך אראָבגעצויגען צו זיך. פאר מיין פאָלק בין איך נאָר איין איינציגער, האָב איך מיר געזאָגט, אָבער פאר מיין ערד בין איך אַלץ, און בין געבליבען אויף מיין ערד. ארום און ארום איז אונזער לאַנד פערוויסט געוואָרען, שטאָדט נאָך שטאָדט און געגענד נאָך געגענד איז איינגענומען געוואָרען פון די רוימער, ביז ענדליך האָבען זיי בעלאַגערט ירושלים. און אַלץ נויטיגער האָט אונזער פאָלק געברויכט זיינע שטאַרקע קינדער. און איך האָב עס געוואוסט, און האָב מיך נישט גערירט פון אָרט. איך האָב מיך געשעמט צו קוקען רעכטס און לינקס, און בין דאָך געגאַנגען הינטער מיינע אָקסען. ווי צוגעוואַקסען וואָלט איך געווען צו מיין ערד און נישט געקאָנט מיך אָברייסען פון איהר.

גוריון (האַרט). רעד קורץ. גאָט'ס צייכען ווילען מיר וויסען.

דער פרעמדער (שטעלט זיך אויף). דאָס דערצעהל איך גלייך. מיט צעהן טעג צוריק בין איך געשטאַנען אין פעלד ביי מיינע אָקסען. פּלוצלונג זיינען זיי אַזוי אונרוהיג געוואָרען און האָבען זיך צושריען מיט אימה'דיגע קולות, ווי זיי וואָלטען פאר

עפּעס זיך דערשראָקען. איך האָב מיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען, אונטער די אָקסען און איבער די אָקסען און נישט געזעהן גאָרנישט, וואָס האָט זיי געקאָנט דערשרעקען. און ווייל זיי האָבען אַלץ נישט אויפגעהערט צו שרייען, האָב איך אויפגעהויבען אויף זיי מיין שטאָק און געשלאָגען זיי און צו זיי גערעדט: „וואָס האָט איהר אייך אזוי צושריען, איהר נארישע אָקסען!" און זעה מיט אמאָל — פאר מיר שטעהט אן אַלטער־אַלטער מאַן, שניי־וויים דער קאָפּ און שניי־ווייס דער באָרד, און אָנגעטאָן איז ער ווי אן אראבער, און ער זאָגט צו מיר: „שלאָג דיינע אָקסען נישט. שפּאַן זיי ליעבער אויס און לעג אוועק דיין ארבייט, ווארום בזו הרגע איז חרוב געוואָרען דער בית המקדש". איך האָב אויפגעשריען פאר שרעק און מיט אַ קלאַפּענדיגען הארץ און מיט ציטערדיגע הענד האָב איך געטאָן, ווי ער האָט מיר געזאָגט. אָבער די אָקסען האָבען זיך ווידער צושריען. גאנץ אנדערס זיינען געוועז זייערע קולות דאָס מאָל; עס איז געוועזען, ווי ווען אַ שמחה האָט זיי אָנגעפילט. און דער אַלטער מאַן האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן: „שפּאַן איין דיינע אָקסען און קאָנסט ווידער געהן צו דיין ארבייט, ווארום בזו הרגע איז משיח געבאָרען געוואָרען, וועלכער וועט אויסלייזען די אידען פון זייערע פיינד און צוריק אויפבויען דעם בית המקדש." (ווערט אויפגערעגט.) און עפּעס האָט זיך אין מיר אַ בעוועג געטאָן און איך האָב געפרעגט דעם אַלטען מאַן, ווי הייסט דאָס ניי־געבאָרענע קינד. און ער האָט מיר געזאָגט: „מנחם איז זיין נאָמען." און ווי הייסט זיין טאַטע? זאָגט ער מיר: „חזקיה." וואו וואוינט ער? און ער האָט מיר געענטפערט: „אין בירת ערבא וועסט דו מנחם'ס מוטער געפינען." (בעוועגונג.)

געמורמעל. האָסט דו געהערט? — האָסט דו געהערט? — חזקיה — מנחם —

דער פרעמדער. און ווי ער האָט דאָס אויסגערעדט, איז ער גלייך פערשוואונדען געוואָרען פאר מיינע אויגען, און איך האָב געוואוסט, אז דאָס האָט איהם גאָט געשיקט צו מיר. (ווערט

נאָך אויפגערעגטער.) צוערסט איז אויף מיר אָנגעפאלען א שרעק און מיט ציטערנים אין יעדען אבר האָב איך מיך ארומגעקוקט ארום מיר, און מיר איז געוועזען, ווי עמיצער וואָלט געוועזען לעבען מיר און וואָלט מיר איינג געמאכט דעם פלאץ. איך האָב מיך געוואָלט נעמען צו מיין ארבייט און האָב נישט געקאָנט. און פלוצלונג זיינען מיינע אויגען געוואָרען צו צוויי קוואלען, און טרערען האָבען זיך אָנגעהויבען צו גיסען אין צוויי שטראָמען. און איך האָב זיך א וואָרף געטאָן אויף דער ערד און געוויינט וועה און ביטער. און אז די טרערען האָבען זיך ביי מיר אויסגענומען, האָט א געדאנק אָנגעפילט מיין קאָפּ און מיין הארץ. פאר וואָס האָט גאָט מ י ך אויסגעקליבען צו ענטפּלעקען מיר אזא זאך? און עס איז מיר געוועזען, גלייך עמיץ האָט א זאָג געטאָן לעבען מיר: „דו ערד־וואָרים, דו צוגעקלעבטער צו דער ערד, גאָט וויל דיך בעשטראָפען פאר דיין גלייכגילטיגקייט צו דיין פאָלק'ס צרות, פאר דיין הארץ פון שטיין, וואָס די אונגליקען פון דיין פאָלק האָבען נישט געקאָנט ריהרען!" איך האָב מיך ארומגעקוקט, אָבער איך האָב קיינעם נישט געזעהן לעבען מיר. און עס איז מיר געוועזען, ווי גאָט האָט מיט מיר גערעדט, און ווידער האָט מיך אָנגעפילט דער גרויסער שרעק, און איך האָב מורא געהאַט צו קוקען רעכטס און לינקס. און איך בין געזעסען מיט צוגעמאכטע אויגען און מיט מיין גרויסען שרעק אין מיר, און מיין קאָפּ און מיין הארץ האָבען געזוכט, וועלכע שטראָף האָט גאָט דאָ אויסגעקליבען פאר מיר. און מיט א מאָל האָט מיך אָנגעפילט א דונקעל געפיהל, פון וועלכען א שוידער איז מיר דורך איבער'ן גאַנצען קערפּער. פאר די אויגען האָט מיר אָנגעהויבען צו שווינדלען, און עס איז מיר געוועזען, ווי איך הער א שטימע זאָגענדיג מיר: „דו ערדוואָרים, דו צוגעקלעבטער צו דער ערד, האָסט נישט געוואָלט העלפען דיין פאָלק אין זיין מלחמה פאר זיין פרייהייט און נישט געוואָלט ביי־שטעהן זיין היילינגטום, געה און זוך אויף זיין בעפרייער און דעם אויפבויער פון זיין קומענדיגען בית־המקדש און זיי ביי איהם אן

אייביגער קנעכט.״ און פול מיט שרעק האָב איך מיך געפרעגט: פאר וואָס, אויב גאָט וויל דאָס פון מיר, פאר וואָס האָט מיר דאָס זיין שליח נישט געזאָגט? און איך האָב מיך פערטיעפט אין גע־דאנקען און געזוכט אן ענטפער און געווארט אויף א צייכען פון גאָט. און עס איז מיר ווידער געוועזען, ווי עמיץ האָט א זאָג געטאָן: „גאָט האָט דיר פריהער געגעבען די בחירה און גיט זי דיר יעצט. פריהער האָסט דו אויסגעקליבען דאָס נישט־ריכטיגע, יעצט קלייב דיר אויס דאָס ריכטיגע.״ און מיט א קלאפּענדיגען הארצען בין איך אויפגעשטאַנען פון דער ערד, האָב אוועקגעטריבען די אָקסען אין שטאָדט אריין, פארקויפט זיי און דעם שפּאן און פאר דאָס אויסגעלייזטע געלד געקויפט לייווענד אויף וויקעלעך און ווינדעלעך, כדי אויסצורופען דאָ אין בירת עיבא מיינע ווי־קעלעך און ווינדעלעך, און וועלכע פרוי עס וועט קומען צו מיר, וועל איך זי פרעגען, ווי הייסט איהר מאן און ווען האָט זי איהר קינד געהאט. יעצט אָבער זייט איהר אַלע דאָ פערזאַמעלט...

ג ו ר י ו ן. איז דאָס דיין גאנצע געשיכטע? וועלכען מופת ווילסט דו אונז געבען, אז מיר זאָלען דיר גלויבען?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. איז דאָס נישט מופת גענוג, וואָס פון ווייטען קום איך צו אייך אָנצוזאָגען אייך, אז אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז געבאָרען געוואָרען אונזער אויסלייזער און ער געפינט זיך דאָ ביי אייך?

ג ו ר י ו ן. מיט צעהן טעג צוריק, זאָגסט דו, איז דאָס גע־שעהן, און ער הייסט מנחם, און זיין פאָטער חזקיה? (צום עולם.) קענט איהר ווער א חזקיה, ביי וועלכען מיט צעהן טעג צוריק איז געבאָרען געוואָרען א זוהן, וועלכען ער האָט א נאָמען געגעבען מנחם?

ג ע מ ו ר מ ע ל. קענסט דו אזא מאן? קענסט דו א חזקיה?

ש ט י מ ע (גאַנץ הינטען). איך אליין בין א חזקיה, אָבער

ביי מיר איז קיין קינד נישט געבאָרען געוואָרען שוין דאָס צוועלפ־טע יאָהר.

ש ט י מ ע (פון דער זייט). חזקיה דער זוהן פון חלפי, אָבער ער איז שוין פון פיער יאָהר אַן אלמן.

א פ ר ו י ע נ ש ט י מ ע. איך האָב נישט געהערט, אז ביי אונז זאָל געבאָרען ווערען א קינד שוין אָט א חדש צייט, און איך בין דאָך א באָבע.

ג ו ר י ו ן (צום פרעמדען). האָסט דו דאָס געהערט? דיין מופת איז קיין מופת נישט.

ג ע מ ו ר מ ע ל. דער מופת איז קיין מופת נישט! — א פאלשער מופת! א פאלשער נביא!

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. וואָס איהר ווייסט נישט, איז נאָך קיין ראיה נישט, און איהר וועט זעהן, אז איך וועל דאָ געפינען די מוטער פון מנחם.

ג ו ר י ו ן. יעצט וועל איך דיר אָבער זאָגען, ווער דו ביזט. א נאר ביזט דו און א פאלשער נביא...

ש ט י מ ע ן. א פאלשער נביא! א פאלשער נביא!

ג ו ר י ו ן. איינער פון יענע ביזט דו, וועלכע פארפלייצען יעצט אונזער לאנד.

ט ר פ ו ן. א פשוט'ער שווינדלער ביזט דו, וועלכער וויל נאָר מאכען א גוט געשעפט מיט זיינע וויקעלעך און ווינדעלעך. אָבער מען דארף דאָ נישט דיינע וויקעלעך און ווינדעלעך. פאראַן דאָ וואו צו קויפען זיי אָהן דיר אויך. איך האָב זיי גענוג אין מיין קראָם.

ל מ ל י א ל. א ליגנער ביזט דו, וועלכער קימערט זיך גאָר־נישט, וואָס מיט זיינע ליגענס קאָן ער מאכען דאָס בלוט שטעהן ביי זיינע הערער און פערדארבען זיי די לוסט צו עסען און צו טרינקען.

ג ו ר י ו ן. א זינדיגער ביזט דו און א לעסטערער, וועלכער

לאָזט ארויס א בייזען קלאנג, אום אָבהענדיג צו מאכען די גלויבער אין גאָט.

ט ר פ ו ן. זיינע סחורות וויל ער אויסשרייען וואָס העכער, האָט ער אויסגעפונען א מעשה. ממית'ן דארף מען דיך, דו שווינדלער!

ש ט י מ ע ן. ממית'ן! שטייניגט איהם! שטייניגט איהם! (דער קרייז ארום דעם פרעמדען ווערט איינגער, הענד הערען זיך אויף אויף איהם.)

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. ווארט! (דער גערויש לעגט זיך.) גיט מיר דריי טעג צייט, און אויב אין די דריי טעג וועל איך נישט געפינען דעם מנחם אָדער איהר וועט אויסגעפינען, אז דער בית המקדש איז נישט חרוב געוואָרען, דאן מאָגט איהר מיך פערשטיי־ניגען. אָבער אויב איהר וועט אויסגעפינען פאר די דריי טעג, אז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, און איך וועל נאָך נישט געפינען דעם מנחם, דאן לאָזט מיך זיצען אין אייער שטאָדט און ווארטען, וואָרום איך וועל איהם געוויס געפינען.

ג ו ר י ו ן. זאָל זיין ווי דו זאָגסט, און נאָך מעהר. מיר וועלען גלייך ארויסשיקען שלוחים אויף פערשיעדענע וועגען צו ירושלים, זיי זאָלען אויסגעפינען, ווי שטעהט עס דאָרטין, און דו וועסט דאָ אזוי לאנג בלייבען, ביז זיי וועלען קומען צוריק. און אויב זיי וועלען ברייגנען, אז ליגען האָסט דו געזאָגט, וועלען מיר מיט דיר טאָן, ווי עס דארף געטאָן ווערען צו א פאלשען נביא. אָבער אויב זיי וועלען ברייגנען, אז אמת האָסט דו געזאָגט און דער בית המקדש איז חרוב, וועסט דו דאָ קאָנען בלייבען אזוי לאנג ווי דו ווילסט, און מיר וועלען אלע ווארטען, וואָס די צייט וועט דיר ברייגנען. אונזער זאמעל־הויז שטעהט אָפען פאר דיר. דאָרטין וועסט דו קאָנען ביי דער נאכט שלאָפען און בייטאָג געפינען דיין אָברוה.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. איך דאנק דיר פיין. דער הימעל

איבער מיין קאָפּ איז מיר שטענדיג געוועזען גענוג דאך. איך וועל בלייבען דאָ אויף דעם פּלאַץ און אויסרופען מיין סחורה, ביז מנחם׳ס מוטער וועט קומען צו מיר.

ט ר פ ו ן. גלויבט איהם נישט. ער וועט אויספּערקויפען זיין סחורה און נאָכדעם וועט ער אוועקגעהן, ווייטער צו פער־שפּרייטען זיינע ליגענס און לעסטערן גאָט.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. איך וועל קיין איין פּרוי גאָרנישט נישט פערקויפען.

ג מ ל י א ל. מען וועט איהם דארפען היטען, ער זאָל נישט אנטלויפען.

ג ו ר י ו ן. איהר לאָזט שוין מיך, עס וועט אלץ שוין רעכט זיין. (ווענדט זיך צו עטליכע פון די ארומיגע.) דו, ברכיה, און דו, און דו, און דו, איהר אלע געהט גלייך נאָך דרום און צושפּרייט זיך פּאַרווייז אויף די וועגען, וועלכע פיהרען קיין ירושלים. וועט איהר בעגעגענען עמיצען, וועלכער קומט פון ירושלים, איז א ודאי גוט. וועט איהר פון איהם גלייך וויסען, וואָס טוט זיך דאָרטען. איהר זאָלט איהם אָבער גוט אויספּרובען, נישט גלויבען איהם אויף דאָס ערסטע וואָרט, וואָרום ווער ווייס, ווער דער דערצעהלער איז. בעסער זעהט אָנצוטרעפען נאָך איינעם און אויך א דריטען, און אויב זיי אלע וועלען אייך דערצעהלען די זעלבע זאך, מאָגט איהר גלויבען. און דאן זאָלט איהר אונז גלייך בריינגען די בשורה ווי זי איז. צו גוט, צו שלעכט, זאָלט איהר זי אונז בריינגען מיט דער זעלבער שנעלקייט. און אויב אָבער איהר וועט קיינעם נישט בע־געגענען, ווייל די וועגען זיינען יעצט וויסט און פעראָבל׳ט, זאָלט איהר געהן ביז ירושלים, גנב׳עט זיך דורך דורך די מחנות פון די רוימער, אויב דאָס וועט זיין נויטיג, דרינגט אריין אין שטאָדט און ווערט געוואָהר פון אלץ. און בריינגט אונז ווידער די ידיעה אזוי שנעל ווי מעגליך.

ב ר כ י ה. מיינסט דו נישט, אז דאָס לעצטע איז זעהר געפעהרליך?

גוריון. דאָס ווייס איך גוט, מיין פריינד. אָבער איך האָב נישט געוואוסט, אז אין בירת ערבא זיינען פאראן בערדיגע מענער, וועלכע וועלען זיך אָבזאָגען פון א שליחות, ווייל זי איז געפעהרליך.

שטימע. דאָס האָסט דו גוט געזאָגט, גוריון.

ברכיה. גוט, מיר געהען גלייך. (טרעט אָב מיט די אַנדערע דריי. מיט זיי געהען אָב עטליכע פרויען און קינדער בעגלייטען זיי ארויס נאָך רעכטס. די פרויען ווישען זיך די אויגען.)

גוריון (צו אנדערע דריי פון די ארומיגע). און איהר דריי בלייבט דאָ מיט דעם פרעמדען און שטעהט שמירה ביי איהם, ער זאָל קיין געשעפטען דאָ נישט מאכען און נישט אויסדרעהען זיך פון זיין פערדיענטער שטראָף.

איינער פון די דריי. מיר וועלען איהם שוין גוט היטען.

גוריון. און מיר אַלע אַנדערע לאָ'מיר געהן אין דאָס זאמעלהויז, אין געבעט צו פערברייינגען די צייט און אין פאסטען, מיט זעק אויף אונזערע לייבער און מיט אַש אויף אונזערע קעפּ. (געהט אוועק אין דער לינקער זייט גאס, טרפון און גמליאל נאָך איהם און דער גאַנצער עולם. די קרעמער פערפּאַקען שנעל זייערע סחורות, שליסען צו די קראָמען און איילען אוועק נאָך דעם עולם. עס בלייבען נאָר די דריי שומרים און עטליכע ווייבער פון די ארומיגע הייזער. אייניגע האָבען זייערע קינדער לעבען זיך. זיי צושטעלען זיך לעבען די קראָמען קופּעסווייז און בעטראכטען דעם פרעמדען.)

דער פרעמדער (זעצט זיך, עפּענט אויף זיין קאַסטען און בעטראכט די לייוווענד, רעדענדיג פאר זיך). מנחם דער זוהן פון חזקיה... מנחם דער זוהן פון חזקיה...

ערסטער שומר. חזר גוט איין, חזר גוט איין, דו זאָלסט דיין ליגען נישט פערגעסען.

צווייטער שומר. דאָס וועט איהם נישט נוצען. ער וועט זיין ליגען פון דאנען שוין נישט ארויסטראָגען.

ד ר י ט ע ר ש ו מ ר. אונטער א בארג מיט שטיינער וועט ער בעגראבען ווערען צוזאמען מיט זיין ליגען.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר (שטעהט אויף און רופט אויס). וויקעלעך פערקויף איך, ווינדעלעך פאר ערסט געבארענע קינדער! וויקעלעך פערקויף איך, ווינדעלעך פאר ערסט געבארענע קינדער!

ע ר ס ט ע ר ש ו מ ר. שריי העכער, דיין חזקיה'ס ווייב איז טויב אויף א פוס און געהט שלעבט אויף אן אויער.

צ ו ו י י ט ע ר ש ו מ ר. היט־היט זיך, זי פאלט דיר גלייך אראב אויפ'ן קאפ.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. וויקעלעך פערקויף איך, ווינדעלעך פאר ערסט געבארענע קינדער!

ד ר י ט ע ר ש ו מ ר. ער שרייט און ווערט גאר נישט הייזעריג. צו האבען מיר דא נישט צו טאן גאר מיט א משוגענעם?

א פ ר ו י (קומט צו צום קאסטען). מיר מאגען דאך דערווייל די סחורה זיך אנזעהן. (עס קומען צו נאך עטליכע פרויען און העבען אן צו בעטאפען דאס לייווענד.)

ע ר ס ט ע פ ר ו י. דאס לייווענד איז גוט.

צ ו ו י י ט ע פ ר ו י. גאר אויסגעצייכענט.

ד ר י ט ע פ ר ו י. דעם טרפון'ס איז האלב נישט אזוי גוט.

פ י ע ר ט ע פ ר ו י. און אויך גמלא'ס איז פיעל ערגער.

ע ר ס ט ע פ ר ו י. איך בין א בעלן באלד צו קויפען. ווי טייער קאסט אן איל?

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. מאך דיך נישט נאריש, פרוי. הייסט דיין מאן נישט חזקיה און דיין זוהן נישט מנחם, קריגסט דו נישט פון מיין סחורה.

ע ר ס ט ע פ ר ו י. האסט מורא געווים פאר די שומרים? נישט קשה, זיי וועלען צומאכען די אויגען און מאכען זיך נישט זעהן.

צווייטע פרוי. און ווען מיין קינד איז גאָר א טאָכטער און הייסט תמר, דאַרף זי נישט האָבען פון דיין גוטען לייוועגד?

דריטע פרוי. און אז מיין זוהן הייסט נחמן, מאָג ער עס אויך האָבען. ווי ווייט איז נחמן פון מנחם?

ערסטע פרוי. ווי טייער קאָסט אַן אייל? דאָס מאָנסט דו אונז דאָך זאָגען?!

דער פרעמדער (מאכט צו דעם קאסטען).

פיערטע פרוי. זעה, ער מאכט דעם קאסטען צו און קוקט גאָר נישט אין אונזער זייט.

ערסטער שומר. וועה, וואָס פאר א מפלה! אונזערע שענסטע פרויען האָבען בעלאַנגערט איין מאַן און האָבען איהם נישט איינגענומען.

ערסטע פרוי. ווען איהר וואָלט בלויז נישט געוועזען.

ערסטער שומר. וואָס גיסט דו מיר, איך מאַך די אויגען צו?

צווייטער שומר. און איך וויל אויך א חלק.

ערסטער שומר. פאר דרייען איז איהר בעט צו שמאָל.

דריטער שומר. איהר זאָלט דאָך דאָס נישט רעדען, ווען אין געבעט און טרערען איז אונזער פאָלק פערזאמעלט.

דריטע פרוי. דאָס איז שוין דער מענער־וועג. די תאוה קומט זיי נישט ארוים פון זין אין דעם גרעסטען אונגליק אפילו. דער האָן נאָך פאר דער שחיטה כאפט זיך פאר דער הון.

דער פרעמדער. וויקעלעך פערקויף איך, ווינדעלעך פאר ערסט געבאָרענע קינדער!

פיערטע פרוי. וואָס שרייסט דו אזוי? מיר זיינען נישט טויב. מאַך נאָר דיין קאסטען אויף.

דער פרעמדער. איך פערקויף אייך נישט. דאָס ווייסט איהר שוין.

א יונגע פרוי (מיט סמנים פון א לאנגען וועג אויף איהרע קליידער, קומט ארויס רעכטס אין הינטערגרונד פון צווישען צוויי קראמען און בלייבט שטעהן פון קיינעם נישט בעמערקט).

ערסטע פרוי. זעה, ער מיינט דער'אמת'ן, מיר געהען נאך זיין סחורה אויס.

צווייטע פרוי. זי איז גאר נישט אזוי גוט, ווי ביים ערסטען קוק. זי איז נישט שטארק.

דריטע פרוי. זי וואלט צופאלען ווערען ביים ערסטען וואש. (בעמערקען די נייע אנגעקומענע און בעקוקען זי פערוואונדערט.)

ערסטע פרוי (צו דער צווייטער). ווער איז דאס, וועל-כע שטעהט דארט?

צווייטע פרוי. זי איז מיר אונבעקאנט.

דריטע פרוי. אויך איך האב זי קיינמאל נישט געזעהן.

פיערטע פרוי. איך וואלט שווערען, זי איז א פרעמדע.

ערסטע פרוי. זי זעהט אויך אויס נאך איהרע בגדים, ווי זי וואלט ערסט אנגעקומען.

דער פרעמדער (ווערט אויפמערקזאם אויף די נייע אנגעקומענע).

די יונגע פרוי (בעמערקט, אז מען בעטראכט זי פון אלע זייטען, און מאכט א פאר טריט צוריק אין גרויסער פערלעגענהייט).

ערסטער שומר. ווען זוכסט דו דא, מיין שיינע?

דער פרעמדער. טרעט נאר נעהענטער צו. וואס שטעהסט דו גאר פון ווייטען? בעקוקען מיין סחורה וועט דיר אויך ערלויבט זיין.

די יונגע פרוי (קומט צו אונענטשלאסען, גאנץ רויט פאר פערלעגענהייט. די אנדערע פרויען טרעטען ווידער צו).

ערסטע פרוי. בעקוקען בלויז. פערקויפען וועט ער דיר זיין סחורה נישט.

די יונגע פרוי (קוים וואָס זי רעדט אַרויס). איך האָב מיך דאָס געריכט. מיין האַרץ איז אויך נישט ביים קויפען.

דער פרעמדער. אויף וואָס האָסטו דו זיך געריכט?

די יונגע פרוי. אַז דו וועסט מיר נישט וועלען פערקויפען. מיין אונגליקס־קינד פערדיענט עס אויך.

ערסטע פרוי. דיין אונגליקס־קינד?

די יונגע פרוי (מיט טרערען). יאָ, אַ קינד פון אונגליק איז מיין קינד. עס איז...

ערסטער שומר. וואָס איז דיין קינד? דו רעד דאָך קלאָר.

די יונגע פרוי (מיט געוויין). דאָס איז מיר געבאָרען געוואָרען אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען! (גרויסע בעוועגונג. אויסרופונגען פון גרויסער איבעראַשונג.)

דער פרעמדער. האַ?! וואָס האָסטו דו געזאָגט?

די יונגע פרוי. איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט אַלע איבעראַשט זיין. מיין קינד און איך פערדיענען פעראַכט צו ווערען.

ערסטער שומר (אין גרויסער אויפרעגונג). פון וואַנען קומסטו, זאָג!

די יונגע פרוי. פון ירושלים.

דער פרעמדער. ווען האָסטו דיין קינד געהאַט? זאָג עס נאָך אַ מאָל.

די יונגע פרוי. דו האָסט עס געהערט. איך קאָן עס נישט נאָך אַ מאָל אַרויפבריינגען אויף מיינע ליפּען.

צווייטער שומר. ווי לאַנג — ווי לאַנג איז דאָס געשעהן?

די יונגע פרוי. דאָס ווייסט איהר דאָך געוויס. מיט צעהן טעג צוריק. (בעוועגונג און ווידער אויסרופונגען פון איבעראַשונג.)

דער פרעמדער (מיט א פערכאפטען אטעם). ווי הייסט דיין קינד?

די יונגע פרוי. ער טראגט א פאלשען נאמען, דאס אונגליקס־קינד. זיין פאטער האט עס געוואלט. ער הייסט מנחם. (די בעוועגונג ווערט שטארקער. מען הערט אן אבצוטרעטען מיט מורא פון דעם פרעמדען און דער יונגער פרוי.)

דער פרעמדער (גאנץ אהן אטעם). אה!... און ווי הייסט דיין מאן?

די יונגע פרוי. וואס שרייסט דו אזוי? (קוקט זיך אין איהם איין און כאפט זיך צו איהם צו מיט אן אימפעט.) קענסט דו פיליכט מיין מאן? קענסט דו מיך? ווייסט דו פיליכט, וואס מיט מיין מאן איז געשעהן? דו האסט מיר וואס שרעקליכעס צו דערצעהלען. איך זעה אן דיר. דו ביזט דערשראקען, דו ביזט מבולבל. (היסטעריש.) דערצעהל! האבען די רוימער איהם גע־הרג'עט? האבען זיי איהם פערקויפט פאר א קנעכט? דערצעהל, וואו! דערצעהל, צו וועמען! (היסטעריש מיט די הענד אין די האר.) מיין חזקיה! מיין חזקיה! (גרעסטע בעוועגונג.)

דער פרעמדער. אה! (ער כאפט זיך פאר'ן הארצען און פאר'ן קאפ, רייבט זיך די אויגען, גלייך ער וואלט געקעמפפט מיט א חלשות געפיהל.)

עטליכע פון די ווייבער (כאפען זייערע קינדער און ענטלויפען גאנץ דערשראקען און היסטעריש).

ערסטער שומר (צום צווייטען). לויף גלייך נאך גוריון'ען, נאך טרפון און גמליאל, דערצעהל זיי, וואס דו האסט געהערט, און רוף זיי גלייך אהער.

צווייטער שומר (געהט גלייך אוועק נאך לינקס).

דער פרעמדער (קומט צו זיך און רעדט נאך שוואך ארויס). בערוהיג דיך, איך קען ניט דיך און ניט דיין מאן, איך האב דיר גארנישט וועגען איהם געבראכט. דו זאג מיר בעסער...

(שרייט אויס אין התלהבות.) דו זאָג מיר בעסער, וואו איז דיין זוהן? וואו האָסט דו געלאָזען דיין מנחם?

די יונגע פרוי (קוים זי רעדט). איך האָב איהם געלאָזען אין א הויז אין עק שטאָדט. (געבראָכען.) וואָס פרעגסט דו זיך אזוי נאָך אויף מיין אונגליקס־קינד?

דער פרעמדער. שטיל, אידענע! דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט. נישט קיין קינד פון אונגליק איז דיין זוהן, נאָר א קינד פון גליק און טרייסט. א מנחם איז ער, א טרייסטער פון אונזער פאָלק. אין דעם טאָג פון זיין געבורט איז דער בית המקדש חרוב געוואָרען און אונזער פאָלק איז בעזיעגט געוואָרען, אָבער ער וועט אויפבויען אונז צוריק דעם בית המקדש און וועט פיהרען אונזער פאָלק צו נייע זיעגען.

די יונגע פרוי. וואָס רעדסט דו דאָרט? דו ווילסט מיך טרייסטען? אָדער מאכסט דו שפּאס פון אן אונגליקליכער?

דער פרעמדער. קום פיהר מיך צו דיין זוהן. פאר א קנעכט האָט מיך גאָט צוגעשטעלט צו איהם, און פון ווייטענס האָט ער מיך געשיקט אהער, איך זאָל איהם דאָ געפינען. קום! דו וועסט שוין אלץ הערען. קום, פיהר מיך צו דיין זוהן! אויף מיינע הענד וועל איך איהם טראָגען און היטען איהם, ווי די טרייעסטע אם. קום שנעל!

ערסטער שומר. שטעה! דו נעהסט פון דאנען נישט אוועק. יעצט פאלט מיר איין, דאָס איז אן אָנשטעל. די פרוי איז מיט דיר יד אחת און וויל ארויסהעלפען דיר פון אונזערע הענד.

דער פרעמדער. דו לעסטערער, דו בייזע צונג, דו מויל פון נבול, ווי וואגסט דו יעצט אזוינס צו זאָגען? ווי קאָנסט דו מיך אָבהאַלטען פון דעם, צו וואָס גאָט האָט מיך געשיקט?

ערסטער שומר. פיליכט בין איך אונגערעכט. דו וועסט אָבער ניט אוועקגעהן. אונז האָט מען דאָ אוועקגעשטעלט דיך צו היטען און מיר וועלען דיך נישט אָבלאָזען. אויך דו האָסט

געזאָגט, אז דו ווילסט נאָר בלייבען דאָ אויפ'ן פּלאַץ. האַלט דיין וואָרט.

דער פרעמדער. יאָ, איך האָב'ס געזאָגט: ביז זי וועט קומען, די מוטער פון מנחם.

ערסטער שומר. דו וואַרט נאָר אָב, ביז גוריון וועט קומען.

דער פרעמדער. דו זינדיגסט, איד, יעצט געגען דיין משיח.

ערסטער שומר. איך טו מיין פליכט.

דער פרעמדער. דאַן מוז איך וואַרטען, און דאָס איז אַ גרויסע זינד.

די יונגע פרוי. איך פערשטעה גאָרנישט פון דעם, וואָס איהר רעדט דאָ.

דער פרעמדער. דו וועסט פערשטעהן. מיר האָט גאָט ענטפּלעקט, איך זאָל געהן אהער און דיך געפינען, ווייל דיין זוהן איז געבאָרען געוואָרען צו זיין אונזער משיח.

די יונגע פרוי. דאָס אונגליקס־קינד?

דער פרעמדער. רופ איהם נישט אזוי, האָב איך דיר שוין געזאָגט. ווי קומסטו דו איבערהויפּט איהם אזוי צו רופען?
(די פרויען טרעטען נעהענטער צו און ריגגלען ארום די יונגע פרוי מיט'ן פרעמדען.)

די יונגע פרוי. ווי דען אנדערס, ווען ער איז אין אזא טאָג געבאָרען געוואָרען? אוי, ווי איך האָב איהם נישט געוואָלט האָבען אין דעם טאָג. איך האָב מיך געבעטען ביי גאָט, ער זאָל מיר נישט אויפעפענען מיין טראַכט, מיין קינד זאָל נישט ארומגעהן זיין גאַנץ לעבען מיט דעם בעוואוסטזיין, אז אין דעם טאָג, ווען ער איז געבאָרען געוואָרען, האָט געטראָפען זיין פאָלק דאָס גרעסטע און שווערסטע אונגליק, און מיר זאָל ער נישט זיין ווי אַן אייביגע מצבה אויף דעם קבר פון מיין פאָלק און זיין הייליגטום. און אז גאָט האָט מיך נישט דערהערט און עס האָבען

מיך שטארקער אַנגענומען די וועהען, האָב איך געוואָלט געהן גע־גען גאָט און אויספיהרען מיין ווילען. איך האָב פערביסען די ליפען און געצוויגען אין מיר די לופט. איך האָב געוואָלט איינהאַל־טען מיין קינד אויף זיין אָרט ביי מיר אין בויך. און אז די וועהען האָבען זיך נאָך מעהר געשטארקט, און איך האָב געראַנגעלט נאָך לופט און פערלאָרען די קראפט פון מיין ווילען, און אז איך האָב געזעהן, אז דאָס קינד וועט געבאָרען ווערען, האָב איך גע־בעטען ביי גאָט, אז דאָס זאָל זיין א טויט קינד. גאָט, האָב איך געזאָגט, דאָס וועט זיין דיין גרעסטער חסד. גאָט, האָב איך גע־וויינט, ווי וועל איך מיך קאָנען פרעהען מיט מיין קינד, ווען דאָס גאַנצע פאָלק פערגעהט פון געוויין און קומט אום? און איך האָב מיך איינגעהאַלטען נישט צו שרייען אין דער וועהענים און געבע־טען זיך ביי גאָט. גאָט, מיין מאַן איז אוועק מלחמה צו האַלטען פאַר דיין הייליגטום און פאַר דער פרייהייט פון דיין פאָלק. איהם האָט נישט אָבגעהאַלטען זיין גרויסע ליעבע צו מיר און נישט זיין גרויסע פריידיגע ערוואַרטונג אויף דאָס קינד אונטער מיין ברוסט. און איך אַליין האָב איינגעהאַלטען מיינע טרערען און אויסגעריכט איהם אין דער מלחמה. און ווען איך וואָלט נישט געהאַט דאָס קינד אונטער מיין ברוסט, וואָלט איך פון איהם נישט אָבגעשטאַנען און וואָלט געגאַנגען מיט איהם און וואָלט מיך געשלאָגען געגען דיינע פיינד מיט דיינע זיהן צוגלייך. דו ווייסט מיין הארץ, אז איך וואָלט דאָס געטאָן. טו מיר יעצט דעם חסד און לאָז מיך נאָך נישט געבאָרען מיין קינד, אָדער לאָז מיך עס געבאָרען א טויטס. אָבער גאָט האָט זיך אָבגעקערט פון זיין גאַנצען פאָלק און פון מיר אויך. איך האָב געבאָרען דאָס קינד און, ווי דו זעהסט, א לעבעדיגס.

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר. דאָס איז געוועזען די דריטע שעה נאָך מיטאָג.

ד י י ו נ ג ע פ ד ו י. דאָס ווייסט דו אויך? דאָס איז געוועזען, יאָ, די דריטע שעה נאָך מיטאָג. די לעצטע ווענד פון

בית המקדש זיינען איינגעפאלען אין דער שרפה און די לעצטע העלדען זיינען אומגעקומען, און אין דער זעלבער מינוט האט זיין שרייען אנגעפילט די גאנצע שטוב. ווי דערפרעהט וואלט איך גע־ווארען, ווען איך וואלט דערהערט זיין ערסטען געשריי אין אן אנ־דער צייט. יעצט אבער האב איך מיך נאר געקאנט צוואווייגען, און איך האב געוויינט שווער און ביטער, און פון דרויסען איז אריינגעדרונגען אין מיין שטוב דער וועהגעשריי פון אונזער פאלק. (צואווייגט זיך.)

דער פרעמדער. וויין נישט, דו פיהרסט איבער דיין מילך.

די יונגע פרוי. מיין מילך איז סיי ווי סיי ביטער ווי גאל. זעלטען פערגין איך איהם זי. גלייך ווי ער איז געבארען געווארען, בין איך אין כעס געווארען אויף גאט. איך האב אויפ־געהויבען מיין האנד געגען הימעל און געזאגט: „גאט, דו האסט געוואלט, ער זאל לעבען, טא גיב איהם צום לעבען, א י ך וועל איהם נישט זויגען.“ איך האב מיך אוועקגעדרעהט און נישט געוואלט איהם אפילו זעהן. אבער אז ער האט אנגעהויבען שטארק צו וויינען און שטארקער, האב איך מיך אויך צואווייגט און גע־נומען איהם צו מיין ברוסט — מיט צוגעמאכטע אויגען, איך זאל איהם נישט זעהן. (א געררויש פון א סך שטימען לינקס.)

דער פרעמדער. דא קומען זיי. א, איך וועל באלד דאך זעהן דיין זוהן! (גוריון, טרפון און גמליאל, דער צווייטער שומר און דער גאנצער עולם קומען אן, אין זעק אנגעטאן און מיט אש אויפ'ן קאפ.)

גוריון. וואו איז די פרוי? וואו איז זי? (די פרויען טרעטען פערנאנדער.)

גוריון (טרעט צו צו דער יונגער פרוי). דאס ביזט דו די פרוי פון ירשלים?

די יונגע פרוי. דאס בין איך די פרוי.

גוריון. און דו דערצעהלסט, אז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען?

די יונגע פרוי (מאַכט גרויסע אויגען). און איהר האָט עס נאָך נישט געוואוסט?

גוריון. מיר האָבען׳ס נישט געוואוסט און ווייסען עס נאָך נישט.

די יונגע פרוי (מיט טרערען). מיט צעהן טעג צוריק איז דאָס געשעהן. אין דער דריטער שעה נאָך מיטאָג זיינען זיינע לעצטע ווענד איינגעפאַלען.

שטימען. איהר הערט! איהר הערט! ציטערט איהר הימלען! (געוויין.)

גוריון. וואוהין געהסט דו יעצט און וואָסווילסט דו דאָ?

די יונגע פרוי. איך געה אויפזוכען מיין מאַן. ער האָט מלחמה געהאַלטען געגען די רוימער אונטער אלעזר׳ן און איז געפאַנגען געוואָרען. מען האָט מיר געזאָגט, אז ער איז יעצט אין סוריא. אהין־צו געה איך, און דאָ בין איך בלויז אויפ׳ן דורכגאַנג.

גוריון. זאָגסט דו אמת אונז? וועסט זיך דיינע ווערטער בעשווערען? (גערודער אין דער רעכטער זייט גאַס.)

ברכיה מיט א צווייטען פון די שלוחים (קומען געלאָפען מיט צוריסענע קליידער אויף זיך). וועה אונז! וועה אונז! דער בית המקדש איז חרוב! חרוב! חרוב!

די יונגע פרוי (ברעכט אויס אין א געוויין, בעגלייט פון אַנדערע פרויען).

גוריון. ווען איז דאָס געשעהן?

ברכיה. גראד ווי דער פרעמדער האָט געזאָגט: מיט צעהן טעג צוריק.

גוריון. ווי אזוי האָט איהר זיך עס דערוואוסט?

ברכיה. גלייך ווי מיר זיינען ארויס אויפ׳ן וועג, וועלכער פיהרט צו חברון, האָבען מיר אָנגעטראָפען אויף א מחנה אידען,

וועלכע תּעהען פון יענער געגענד נאָך גלעד, און זיי האָבען עס אונז דערצעהלט מיט טרערען אויף די אויגען און מיט פערבראָכענע הענד.

דער פרעמדער (צו דער יונגער פרוי אין התלהבות). יעצט פיהר מיך צו דיין זוהן! קומט אלע מיט מיר! פערגיסט טרערען אויף דאָס פערלאָרענע און פרעהט זיך אויף דאָס קומענדיגע. א זוהן איז איהר געבאָרען געוואָרען, און ער הייסט מנחם, א טרייסטער און בעפרייער, אן אויפבויער און אן אויפריכטער וועט ער אונז זיין! קומט מיט מיר מיט! קומט זעהן דאָס קינד! קום, דו גליקליכע, פיהר אונז צו דיין קינד — דיין קינד פון גליק, דיין קינד פון רעטונג! (בעוועגונג אין די הינטערסטע רייהען. די דיענסט און אן אלטער מאַן שטופּען זיך דורך צו דער יונגער פרוי.)

די דיענסט (פאַלט מיט א יאָמער אויף די קני פאר דער יונגער פרוי). טויט מיך, וועה!

די יונגע פרוי. וואָס איז געשעהן?

די דיענסט. טויט מיך! טויט מיך! דאָס קינד איז ניטאָ מעהר!

די יונגע פרוי (מיט שרעק). דאָס קינד איז טויט?

דער פרעמדער. מנחם איז טויט?!

געמורמעל (מיט פערצווייפלונג). טויט?!

די דיענסט (ראנגלענדיג מיט'ן אָטעם און מיט'ן געוויין). ניין, נישט טויט!

דער פרעמדער (ערלייכטערט). אָה!

געמורמעל. נישט טויט!

די יונגע פרוי. וואָס איז איהם דען געשעהן?!

די דיענסט. דו הער מיך אויס. האָסט מיך געלאָזען מיט דיין קינד דרויסען פאר דעם הויז, ביז דו וועסט קומען צוריק מיט די ווינדעלעך, און איך האָב דאָס קינד אוועקגעלעגט פאר מיר און אליין גענומען זיך דערענדיגען איהם דאָס העמדעל. מיט אמאָל ווערט עס פינסטער, ווי פאר א שטורם — איך האָב גאָר־נישט בעמערקט, ווי און ווען איז דאָס פינסטער געוואָרען — און

א גרויסער ווינד האָט זיך אויפגעהויבען. איך בויג זיך איין צום קינד, וויל עס אויפהעבען און אריין מיט איהם אין הויז: ווער איך אומגעוואָרפען פון דעם ווינד, מיינע אויגען ווערען פול מיט זאמד, און איך האָב געפיהלט, ווי עמיץ וואָלט ארויסגעריסען דאָס קינד פון מיינע הענד. און אז איך האָב אויפגעעפענט מיינע אויגען, איז שוין ווידער ליכטיג געוואָרען, אָבער דאָס קינד האָב איך נישט געזעהן. איך האָב מיך ארומגעקוקט, האָב אָנגעהויבען צו זוכען, און האָב דאָס קינד נישט געפונען. איך האָב געמאַכט א געוואלט, די שטוב־לייט זיינען ארויס, איך האָב זיי דערצעהלט דאָס אונגליק, זיי האָבען מיר געהאָלפען זוכען, און מיר האָבען געזוכט ווייט און ברייט, אָבער מיר האָבען נישט געפונען. זיי זיינען דאָ מיט מיר, זיי קאָנען דיר זאָגען עדות, אז איך זאָג דיר נישט קיין ליגען.

דער אלטער מאן (לעבען איתר). זי זאָגט דעם ריינעם אמת. איך בין געשטאַנען גראַד ביים פענסטער, און עס איז מיר געוועזען, ווי איך וואָלט געזעהן, ווי דער ווינד האָט אויפגעהויבען דאָס קינד אין דער הויך און אוועקגעטראָגען עס.

די יונגע פרוי. מיין קינד!

די דיענסט. טויט מיך, אויב איך בין שולדיג.

די יונגע פרוי. שטעה אויף, דו ביזט נישט שולדיג. דאָס איז דער מזל פון מיין קינד.

שטימען. וואָס שטעהען מיר? לאָמיר לויפען זוכען.

דער פרעמדער (ווי אויפגעוואַכט). שטעהט!

גוריון. וואָס האָסט דו פאַר?

דער פרעמדער (פערזינקט ווידער אין געדאַנקען).

די יונגע פרוי (דורך טרערען). האָב איך דיר נישט געזאָגט, אז דאָס איז אן אונגליקס־קינד?

דער פרעמדער (ציהענדיג זיינע ווערטער, מיט אן אָנגעשטעלטען בליק אין דער ווייטענס). רוף איהם נישט אזוי. נישט קיין אונגליקס־קינד איז ער, האָב איך דיר געזאָגט. אין דעם

טאָג פון זיין געבורט איז דער בית המקדש חרוב געוואָרען, אָבער ער איז געבאָרען געוואָרען אויפצובויען אונז א נייעם. איך געה איהם זוכען. גאָט האָט דאָס אַרויפגעלעגט אויף מיר. איך זעה עס קלאָר. (ווערט מיט א מאָל געעלטערט און זיין האָר און באָרד ווערען ווייס.)

שטימען. זעהט, ווי ער זעהט אוים! זעהט, ווי ער זעהט אוים!

גוריון (טרעט אָב מיט שרעק). און איהם האָבען מיר גערופען ליגנער און זינדיגער?

דער פרעמדער. זינדיגער, יא. איך האָב די גרעסטע זינד פערבראָכען. איך האָב נישט געוואָלט קעמפפען פאר דער פרייהייט פון מיין פאָלק. יעצט טרעפט מיך גאָט'ס שרעקליכע שטראָף. איך וועל מוזען די גאנצע וועלט אויסגעהן, איך זעה עס און לאנג, לאנג וועל איך מוזען זוכען, איך פיהל עס. איך געה טאָן, וואָס איך מוז. (העבט אויף זיך אויף דעם פעדלערקאסטען.) איך געה טאָן, וואָס איך מוז. (מיט אויפגעהויבענע הענד געהט ער אַוועק נאָך רעכטס.)

די יונגע פרוי (פאַלט אין איהר גאַנצער לוינג). מיין קינד! (דער עולם לאָזט זיך אַראָב אויף די קני.)

פאָרהאַנג.

# דער שטומער משיח

טראגעדיע אין דריי אקטען

(29 יולי — 3 אוגוסט 1911.)

## פערזאָנען:

מנחם פניני, הויף־דאָקטאָר און שאַצמייסטער.
רחל, זיין טאָכטער.
אביגדור דע קאָרבעי.
לאה, זיין ווייב.
הלל, זיין זוהן.
רב יוסף, דער רב.
רב שמואל שושן.
רב יחיאל.
דער בלינדער.
זיין זוהן.
זיין שנור.
לוי.
מרים, זיין ווייב.
משולם.
דער בעטלער.
בלאַנש, אַן עפענטליכע פרוי.
גראַף געסקלען.
ערסטער סאָלדאַט.
צווייטער סאָלדאַט.
א טראָמפּייטער.
פאָלק: מענער, פרויען און קינדער.

די האנדלונג קומט פאָר אין יאָהר 1306, אין דער צייט פון א גרויסען גירוש.

אונזער היינט — ווי אונזער נעכטען.
געהט דער מאָרגען צו דעם עהערנעכטען ?...

# ערסטער אַקט

אַ גרויסער פּלאַץ פאר'ן שטאָדט־טויער. רעכטס די שטאָדט־וואַנד מיט'ן טיעפען טויער. לינקס דער וועג. אין הינטערגרונד וויט ביים האָריזאָנט בלויען זיך הויכע בערג. צוויי סאָלדאטען מיט האַליבאַרדען ביים צוגעמאכטען טויער. זיי הערען זיך צו צום געמיש פון שטימען הינטער'ן טויער.

ע ר ס ט ע ר ס אָ ל ד א ט. הערסטו שוין עפּעס? זיי דאַרפען שוין דאָ זיין. ווען די זון שטעהט הויך איבער דער שטאָדט, מוזען זיי די שטאָדט פערלאָזען. הערסטו זייער געהן?

צ ו ו י י ט ע ר ס אָ ל ד א ט. איך הער אַ געמיש פון שטימען, אַ געוויין הארט ביים טויער און אויך ווייטער, און גאָר אין דער ווייטענס שטעהט אַ גערויש פון פייפען און געשרייען. דאָס בעגלייט מען זיי ארוים.

ע ר ס ט ע ר ס אָ ל ד א ט. איך האָב מיך נעכטען געבאָדען, און מיינע אויערען זיינען מיר נאָך פון דעם וואסער פול. אַ געוויין, זאָגסטו?

צ ו ו י י ט ע ר ס אָ ל ד א ט. האַ־האהא... אַ יאָמער און אַ קלאָג.

ע ר ס ט ע ר ס אָ ל ד א ט. פערפלוכטע אידען! דארף איך יעצט גראָד טויב זיין און נישט הערען זייער וויינען. זיסער וואָלט

עס מיר געוועזן ווי די טאַנץ־מוזיק אין דער אַלמנה׳ס שיינק. אָבער איך לאַך מיט דיין געלעכטער. האַהאַהאַ! זיי וויינען! דאָס איז זיי וואָס פאר די טרערען, וועלכע אונזער ערלייזער האָט אויף זיין קרויץ פערגאָסען. זיי וויינען! (קרימט נאָך אַ געוויין.) או־ו־ו! אָה, פערפלוכטע אידען! געקומען אויף אייך א צייט! זיי האָבען געמיינט, גאָט האָט זיי פערגעסען, און זיי האָבען זיך צולעגט אין אונזער שטאָדט און לאַנד, ווי ביי זייער טאַטען אין וויינגאָרטען. ניין, איהר טאָרט קיין רוה נישט האָבען! ארויס! אין די ווייטע וועלט אריין, וואוהין אייערע אויגען טראָגען אייך! פּראַצענטניקעס, בלוטזויגער, קינדערמערדער! גאָטמערדער! געבענשט זאָל זיין אונזער גוטער קעניג! ארויסגעטריבען האָט ער...

צווייטער סאָלדאַט. ששש... איך הער אויך וועהגעשרייען.

ערסטער סאָלדאַט. האַהאַהאַ, וועהגעשרייען! פיין! הערליך! וועהגעשרייען! האַהאַהאַ... עס טוט זיי וועה! אונזער גוטער, קלוגער קעניג! ער האָט געוואוסט, ווי זיי וועה צו טאָן. א שאָד בלויז, וואָס ער האָט בעפאָהלען, זיי נישט אָנצוריהרען, אָך, זיי נאָך צו בעהיטען!

צווייטער סאָלדאַט. אוהום! דאָס איז עטוואָס, וואָס פערדריסט מיך ביז אין דער נשמה טיעף. מיט פערגניגען וואָלט איך יעדען איינעם פון זיי, מאַן און ווייב און קינד, און גרויס און קליין, און גרוי און שוואַרץ, טראַקטירט מיט מיין האַליבאַרדע איבער׳ן קאָפּ און מיט מיין פוס אין הינטערן.

ערסטער סאָלדאַט (צוהערענדיג זיך צו יענער זייט טויער, מאַכט בעוועגונגען פון שלאָגען און שטויסען). איך אויך! איך אויך! ברררר... קררר... איינס און צוויי און דריי!... און מיך טוט נאָך שטארק פערדריסען, וואָס מען האָט מיך פון דער זייט טויער אוועקגעשטעלט. איך וואָלט אויך געוואָלט זיין ביים איבערקוקען זייער געפּעק און האָבען מיין האנד ביים נאַכזוכען,

צו טראָגנען זיי נישט אוועק מיט זיך גאָלד און זילבער און עדעל־שטיינער. מיינע קעשענעס שרייען נאָך זייער האָב און גוטס...

צווייטער סאָלדאַט. דער קעניג האָט די פערפלוכטע גוט שוין אויסגעלעדיגט.

ערסטער סאָלדאַט. דאָך, דאָך, עס וואָלט מיר זיין געננוג פון דעם, וואָס זיי האָבען ארום זיך בעהאַלטען. מיינע פוסטע קעשענעס וואָלטען...

צווייטער סאָלדאַט. שטיל! מען עפענט גלייך דאָס טויער אויף.

ערסטער סאָלדאַט (אויסציהענדיג זיך אין זיין גאַנצער הויך איבער דער וואַנד). ווער האַלט מיר מיינע הענד צו? ווער בינדט מיר מיינע פיס? איך מוז שטאַרקער זיין פאַר אייזען.

צווייטער סאָלדאַט. מיר ווילען מוזען איינער צו־האַלטען דעם צווייטען. מיינע הענד בייסען מיר אזוי, אז איך וואָלט זיי אין גאַנצען אוועקגעקראַצט און נישט פערשפּירט דערביי קיין שמערץ. אַ־אַ! דאָס טויער ווערט געעפענט!! (פון אינווייניג ווערט אויפגעעפענט דאָס טויער. עס הייבען אָן ארויסצו־קומען געבויגענע געשטאַלטען, מענער און פרויען פון יעדעם אַלטער, מיט גרויסע און קליינע קלומקעס אויף די רוקענס. זאַלבאַצווייט און זאַלבאַדריט טראָגט מען גרויסע און קליינע קאַסטענס. פרויען טראָגען קליינע קינדער אויף די אָרעמס; גרעסערע קינדער האָבען קלומקעלעך אויף די רוקענס. אַלע — מענער, פרויען און קינדער איבער צוועלף יאָהר — האָבען געלע לאַפּיקעס אויף זייערע אויבער־קליידער: אויף ברוסט און רוקען אַ זאַפּראַן־געל ראָד. פרויען און קינדער וויינען אויפ'ן קול; די מענער זיינען אַנגערוקט, פינסטער; ביי פיעלע גיסען זיך טרערען.)

ערסטער סאָלדאַט (בעגעגענט די ארויסקומענדיגע מיט אַן אויסגעשריי). האַ־אַ! פערפלוכטע! (פּאַקט זיך פערנאַנדער מיט דער האַליבאַרדע.)

צווייטער סאָלדאַט. קררר! קררר!

(די ארויסקומענדיגע קוקען זיך איבער דערשראָקען אין איין זייט און אין די אַנדערע, בויגען זיך נאָך מעהר איין און געהען ווייטער. עטליכע מאכען אַ פערזוך דעם קאָפּ אַ קעהר צו טאָן צו דער שטאָדט, בלייבען שטעהן אויף אַ מאָמענט, קרעכצען אָב, העבען־אויף די אויגען צום הימעל און געהען ווייטער. — אַ בלינדער מאַן בעוועגט זיך לאנגזאם ארויס, געפיהרט פון זיין זוהן, וועלכער פיהרט מיט דער אנדער האנד זיין יונגע, וויינענדיגע, אין די זיבע חדשים מעוברת'ע פרוי. אַלע דריי מיט געפּעק אויפ'ן רוקען.)

דער בלינדער (ווי אין געשפרעך). משיח מוז קומען! ער מוז קומען!

דעם בלינדען'ס שנור (אין איהר געוויין). וואו איז ער אָבער? וואו איז ער?

דער בלינדער. ער מוז קומען! (מענער זיפצען: יא! יא! פרויען וויינען שטאַרקער.)

לוי (אַ יונגערמאַן, קומט אַרויס מיט אַ מצבה־שטיין אויפ'ן רוקען).

מרים (זיין פרוי, געהט לעבען איהם מיט אַ קלומעק אויפ'ן רוקען. די צוויי סאָלדאַטען לאַכען ווילד אויף).

ערסטער סאָלדאַט. אַ טויטענשטיין נעמט ער מיט! דאָס נעהט אַ טויטער מיט זיין מצבה!

צווייטער סאָלדאַט. ער מיינט געוויס, ער קאָן בריליאַנטען פון איהם מאכען.

לוי. אויף דעם קבר, פון וועלכען איך האָב דעם שטיין אוועקגענומען, מיר דאָס הייליגסטע אין לעבען, האָב איך מיין גאנץ געפּעק איבערגעלאָזען. געהט געפינט עס דאָרט — (געהט ווייטער און שיפּעט ארויס פון צווישען די ציינער.) געפינט עס דאָרטען און ווערט דערמיט דערשטיקט!

רב שמואל שושן און רב יחיאל (צוויי אלטע אידען מיט קלומיקעס אויפ'ן רוקען און שטאָק אין האנד, קומען ארויס).

שושן. שטעהן בלייבען! שטעהן בלייבען! נישט ווייט

אוועקגעהן! מיר ווארטען אַב, ביז אַלע וועלען זיין פערזאַמעלט.

משולם (מיט א קאַסטען אויפ'ן רוקען). וועלען מיר לאַנג דארפען ווארטען? פעהלען נאָך א סך?

שושן. דאָס וועלען מיר זעהן. איז דיר דאָס ווארטען שווער? לעג דיין קאַסטען אַב און זעץ דיך צו.

משולם. דערנאָך העבען וויעדער אויפ'ן רוקען! און איך וויל שוין זיין וואָס ווייטער. וואָס דארף איך שטעכען מיר די אויגען מיט דעם פערבאָטענעם גן־עדן!

שושן. און ווי וועסטו פערטרייבען דאָס שטעכענים אין הארצען, ליעבער משולם? זיי דאָך געדולדיג.

מרים. אך, אַם בעסטען שטארב איך דאָ אויפ'ן פּלאַץ!

רב יחיאל. דאָס וואָלטען א סך געוואָלט. פיעלייכט אַלע. אָבער לעבען און טויט זיינען אין גאָט'ס האנד. זעהסט דאָך — איך אַלטער מאַן דארף מיך אויך שלעפּען אין גלות מיט שטאָק און טאָרבע. איך בין דריי און אכציג, האָב איך נישט געקאָנט שוין רוהען אין מיין קבר? זעהסט דאָך, נישט צו מאַכען. גאָט'ס ווילען. און נאָר געדולד. און נאָר בטחון. גאָט וועט שוין.

שושן. איהר דארפט נישט שטעהן. איהר קאָנט אייך צוזעצען. עס איז אונז ערלויבט דאָ אָבצוואַרטען. (אונטער וויינען און קרעכצען העבט מען אָן זיך צו צוזעצען.)

מרים. און די זון לייכט נאָך! צו וואָס לייכט די זון?!

ערסטער סאָלדאַט. וואָס איז דאָס? זיי מאַכען דאָ א גאַנץ לאַגער. זאָלען מיר עס דערלאָזען?

צווייטער סאָלדאַט. מיר האָבען זיי געדארפט פער־טרייבען. איך פרעג גלייך אונזער אָפיציר. (געהט ארויין אין טויער. עטליכע אידען רוקען זיך צו צום טויער און ווילען ארייינקוקען אין שטאָדט.)

ערסטער סאָלדאַט. אוועק! איהר קומט נישט נעהנ־טער צו, אייערע טרפ'ע בליקען טאָרען אונזער היילינע קריסטליכע שטאָדט נישט מעהר בעשמוצען! קררר, הינט! אוועק! די אויגען

האק איך אייך אוים און שלאג אייך אב די פים! ברור, קרעציגע! (די אידען טרעטען אב צוריק לאנגזאם, דערשלאגען, גאנץ פינסטער; אייגער פערדעקט זיך דאס געזיכט מיט די הענד.)

צווייטער סאלדאט (קומט ארוים). דאס איז אבער שרעקליך! עס איז א בעפעהל, מיר זאלען זיי נישט שטערען.

ערסטער סאלדאט. ברור, דאן שטעה איך דא נישט מעהר. ניבער קראץ איך מיינע אויגען אוים, איידער שטעהן און קוקען אויף אזא גרויסע נישט־געטויפטע צאהל פון די גאטמערדער. (שפייט אויף די אידען.) טפו! טפו! טפו! (איילט אוועק אין טויער.)

צווייטער סאלדאט. און איך אויך. זאל אונזער קאמאנדיר שיקען וועמען ער וויל. איך שטעה דא נישט. (שפייט אויך.) טפו! טפו! טפו! (איילט אוועק נאך דעם ערסטען.)

לוי. און דאס אלץ רוהיג איבערטראגען! גאט!

שושן. איז דיר דאס נייַ? דעם וויפיעלטען זומער לעבסטו אויף דער וועלט? ווי לאנג ביזטו א איד? (עטליכע יונגעלייט קריכען יעצט נעהענטער צו צום טויער און ליעגענדיג קוקען זיי אריין אין שטאדט פול בייַנקענים, בלייכע געזיכטער, פערווייַנטע אויגען. אייניגע האלטען ניט אוים און בעהאלטען דעם קאפ אין דער ערד, קאנוואולסיוו וויינענדיג.)

רער בלינדער. ווארט אין ווארט ווערען מקוים די רעד פון אונזערע הייליגע נביאים. יעצט מוז משיח קומען. דאס איז דער רמז דאך פון דער גאולה: איידער משיח וועט קומען, וועט דער גלות זיך פערשטארקען. קאן דער גלות שטארקער זיין ווי איצטער? פון די בזוי'דיגסטע זייַנען מיר די בזוי'דיגסטע, דאס גאנצע געלד האט מען ביי אונז אוועקגענומען, ארם זייַנען מיר יעצט און עלענד. דוד'ס זוהן מוז יעצט קומען.

דעם בלינדען'ס שנור. אך, ער קומט נאך נישט! וואס וועט זיין מיט מיר? איך וועל דאך בלייבען אין וועג. איך ערווארט מייַן קינד יעדען טאג.

דעם בלינדען׳ס זוהן. מיר האָבען אונז געוואָלט אָבבעטען אויף איבער קינדבעט, אָדער זיי זאָלען כאָטש ביי אונז פערד און וואָגען נישט אָבנעמען, אָבער די פּרעדיגער פון דעם ליעבע־גלויבען האָבען הערצער האַרטער פיעל פאַר שטיין.

שושן. ליעבע־גלויבען! אַך, איך וואָלט געקאָנט דיר אָנ־דערצעהלען. יונגערמאַן — נאַ, דאָ קומט דער רב.

רב יוסף (אַ גרויז־גרויע געבויגענע געשטאַלט, מיט אַ ספר־תורה אונטער׳ן אָרם און אַ קלומעק אויפ׳ן רוקען, קומט ארויס פון טויער. דערזעהענדיג איהם, העבען די ווייבער אָן שטאַרק צו וויינען).

רב יוסף (מיט אַן אַלט־שוואַכער שטימע). נישט וויינען, אידישע קינדער, נישט וויינען. איהר דאַרפט פיעל כח האָבען צו אייער וועג, און טרערען מאַכען נישט געזינטער. און דער וועג איז ווייט און לאַנג...

משולם. וואוהין פיהרט ער איבערהויפּט?

מרים. צום ים זאָלען מיר צוגעהן אַלע מיט איינאַנדער און אריינוואַרפען זיך אין איהם.

רב יוסף. איז דאָס אונזער בטחון אין גאָט?

משולם. וואָס פאַר א בטחון אין א שטראָפענדיגער האַנד?

רב יוסף. זינדיגסט, זוהן. פאַר וואָס ביזטו דאָך גע־בליבען טריי דער שטראָפענדיגער האַנד?

משולם (שאָקלענדיג די פויסטען צום הימעל). עס איז צום פערצווייפלען! (דער געוויין פערשטאַרקט זיך.)

רב יוסף. ששש.

משולם. ניין, איך האַלט עס נישט אויס! (שפּרינגט אויף און לויפט אריין אין שטאָדט צוריק.)

שושן. משולם, שטעה! — וועה, ער איז ענטלאָפען צום שמד! (מען קוקט מיט שרעק צום טויער.)

רב יוסף (איילט נאָך דעם ענטלויפענדיגען. ביים טויער בלייבט ער שטעהן קראַפטלאָז, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזען.)

דער בלינדער. אויך דער שמד איז א רמז אויף דער

גאולה. איידער משיח וועט קומען, וועלען די שוואכע און אָב־הענדיגע אָבפּאלען פון דעם אידישען פאָלק און וועלען זיך צו־שמד'ן. די צייכענס זיינען דאָ. משיח מוז קומען. ער וועט קומען.

דעם בלינדען'ס זוהן. אָבער די צרות, פאָטער, זיינען שווערע משאות און דערדריקען אונז. ווען ער וועט קומען, וועט ער נישט האָבען וועמען אויסצולייזען. (דער געוויין פער־שטאַרקט זיך.)

רב יוסף (ווענדט זיך אָב פון טויער און רעדט הויך, ווי ער קאָן נאָר). וויינט נישט! מאכט די שוואכע נישט נאָך שוואַ־כער! וויינט נישט — איהר זינדיגט מיט אייער וויינען! איהר פערלאָזט דאָ ערד און הייזער, אָבער איהר נעמט דאָס אייבינגע מיט אייך! זייט שטאָלץ! זייט פרעהליך! זעהט, מיר האָבען אונזער תורה דאָ מיט אונז! פרעהט אייך, איהר זייט טריי גע־בליבען אונזער גאָט! קדושים זייט איהר — קדושים זייט איהר אלע, און קדושים וויינען ניט! גבורים זייט איהר אלע — גרויסע גאָט'ס גבורים, און גבורים וויינען נישט! איהר האָט אַ מלחמה געהאלטען — די גרעסטע מלחמה. מיט זיך אליין, מיט אייער יצר הרע. געווים האָט אייך געצווינגען דאָ צו בלייבען; נאָר שמד'ען זיך, און איהר וואָלט געבליעבען פראנק און פריי אין דעם פאָטערלאַנד, וואו מיר וואוינען שוין פון דורי דורות. און איהר האָט אייער יצר הרע מנצח געווען, די שרעקליכע מלחמה ווי אמת'ע גבורים געוואונען. וויינען זיעגער? וויינען העלדען, וועלכע קעהרען זיך אום פון אַ געוואונענער מלחמה? זיי זינגען ליעדער פרעהליכע און שפּיעלען פרעהליכע מוזיק מיט פויקען און טאַצען און מיט פייפלעך. וויינט נישט, ווייבער! איהר זייט מרימס און דבורהס און חנהס אלע מיט איינאנדער. וויינט נישט, קינדערלעך! איהר זייט ווי חנה'ס זיעבען זיהן, וועלכע האָבען זיך מקריב געווען אויף קידוש השם. קענט איהר גאָר קיין ליעדער נישט? האָט איהר פרעהליכם שוין פער־

געסען? ווי זינגט איהר דאָס ליעד, מיט וועלכען איהר לויבט גאָט פאר זיינע אייביגע חסדים? (העבט אָן צו זינגען.)

צרות גרויסע אויסגעשטאנען
זיינען מיר פון דור צו דור —

שושן (נעמט ארויס פון קעשענע אַ פּלויט און פייפט־צו).

עטליכע פרויען און קינדער (כאַפּען אונטער מיט פערוויינטע, געבראָכענע שטימען).

און די הילף — איך וויים פון ואנען! —
פלעגט אונז קומען פּלוצלונג גאָר.
לויבט־זשע גאָט, ווייל ער איז גוט,
אייביג איז אויך זיין גענאָד!
לויבט און דאנקט...

אביגדור דע קאָרבעי (טרעט־ארויף, פיהרענדיג זיין פרוי לאה, בעגלייט פון עטליכע מענער, וועלכע טראָגען־נאָך אַ סך געפּעק).

לאה (געהט מיט פערגליוסטע אויגען, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט אויף איין פונקט, און זעלטען קוקט זי ארום זיך).

הלל (אביגדור'ס זוהן, קומט אָן, געהענדיג אויף הינטען, איין האנד אויף דער טויער־וואנד, די צווייטע אויף דער שטערן, שיפענדיג צווישען די פערביסענע ציינער). אילירען! אילירען! מוטער־שטאָדט! פאַטערלאנד! (פּלוצלונג דרעהט ער זיך אום, ווי ער וואָלט געביסען געוואָרען, און שרייט אויס, פול שרעק.) מען זינגט דאָ! מען מאכט מוזיק! (מיט א בייזען, האסגעפילטען בליק בעקוקט ער דעם עולם.)

אביגדור. וואָס איז דאָ אזוי די שמחה?

שושן (דערפייפענדיג). עס איז א סגולה צו שוואכמור־טיגקייט.

הלל. און צורייסט גיכער נאָך דאָס הארץ. וויינט, ווען אייך טוט וועה! (דרעהט זיך אום צום טויער און בלייבט שטעהן ווי פערגליווערט.)

ר ב  י ו ס ף. עס דאַרף אונז נישט וועה טאָן! עס טאָר אונז נישט וועה טאָן!

א ב י ג ד ו ר. עס דאַרף און טאָר נישט. איך ווייס, וואָס דו מיינסט. אָבער דאָס זיינען ווערטער, וועלכע העלפען נישט. (זעצט אוועק לאה׳ן.) זיינען אַלע שוין פערזאַמעלט?

ש ו ש ן. מען פערשליסט נאָך נישט די טויערן.

א ב י ג ד ו ר. אַך, יאָ, איך האָב געזעהן פּניני׳ס טאָכטער קומען.

ר ב  י ו ס ף. אַהן פּניני׳ן? זיי האָבען איהם געטויט. ברוך דין האמת! (מורמלען אין עולם: פּניני איז טויט! רב מנחם איז טויט! זיפצען, פערשטאַרקטער געוויין.)

א י י נ ע ר (פון די אַרויסקוקענדיגע אין טויער). דאָ קומט פּניני׳ס טאָכטער.

ר ח ל (מיט אַ שווערען פּאַק אויף זיך, בעגלייט פון צוויי יונגע מיידלעך מיט קלומיקעס און עטליכע מענער, וועלכע טראָגען שווער געפּעק, קומט אַרויס פון טויער. רב יוסף און שושן געהען איהר ענטקעגען. הלל טרעט אָב פון איהר וועג, קוים בעריהרענדיג זי מיט די אויגען. אביגדור זעצט זיך לעבען לאה׳ן, בעהאַלטענדיג זיין געזיכט אין די הענד).

ר ב  י ו ס ף. וואו איז דיין פאָטער?

ר ח ל (אויסשטרעקענדיג צו איהם די הענד מיט בראָך און שרעק). וואו איז מיין פאָטער? (לאָזט אראָב דעם קאָפּ.)

ש ו ש ן. האָסטו גאָרנישט געהערט פון איהם?

ר ח ל (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ). ניין. פון דעם טאָג, וואָס מען האָט אַלע אידען פון אילירען אַרעסטירט אויף אָנצוזאָגען זיי די גזרה, האָב איך איהם נישט געזעהן מעהר. דרייסיג טעג זיינען עס. אַלעמען האָט מען בעפרייט, נאָר איהם האָט מען פערהאַלטען, און וואָס מיט איהם איז, האָב איך נישט געקאָנט דערגעהן.

ר ב  י ו ס ף. אויך איך נישט. טירען און ליפּען זיינען פעסט צוגעשלאָסען געוואָרען.

רחל. דאָס איז דער טויט. איך ווייס, זיי האָבען איהם געטויט. אָן די אויגען פון די ווייסער האָב איך דאָס אָבגעזעהן. זיי האָבען געזאָגט, זיי ווייסען נישט, און נישט געקאָנט מיר קוקען אין די אויגען גלייך. אָ, עטוואָס שרעקליכעס איז געשעהן! זיי האָבען מיך בעדויערט, זיינען געוועזען גוט און זיס צו מיר. האָבען אויך געפּרובט מיך איבערצורעדען, איך זאָל דאָ בלייבען. וואוהין וועל איך געהן, בערויבט פון פאָטער און אייגענטום? איך האָב מיך בעדאנקט און אויף מיין מויל קיין שלאָס נישט אָנגעטאָן. איך האָב זיי געזאָגט, וואָס איך דענק פון זייער גלויבען. עס איז אַ נס, וואָס פון הוילער ליעבע האָבען זיי מיך נישט פערברענט. אַך, ווער וויינט דאָ? פאר וואָס ווערט דאָ געוויינט? אַ הארטע פּראָבע האָט גאָט אויף אונז ארויפגעלעגט, און מיר אַלע דאָ האָבען זי אויסגעהאלטען. דער גירוש איז די זיפּ, מיט וועלכער ער זיפּט אָב פון אונז די פסולת. דאָס איז קיין גרונד צו טרערען נישט.

הלל. ווי הארט!

רחל. איך בין נישט הארט, יונגער דע קאָרבעי. איך בין פעסט, און אַלע דארפען מיר זיין פעסט.

הלל. פערגיין די טרערען אונז. מיר פערלאָזען אונזער מוטערשטאָדט אויף קיינמאָל נישט צו זעהן. פערדריסט דיך גאָר דיין היים נישט?

רחל. מיין שמערץ איז נאָר מיין פאָטער. די היים, די שטיפמוטער־שטאָדט, פערלאָז איך מיט לייכטע שריט.

מרים. און דעם בית־עולם? דעם קבר פון דיין מוטער?

רחל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). ניין, איך בין נישט, ווי איהר אַלע, דריי טעג געלעגען אויפ'ן בית־עולם און מיט טרערען זאַט געמאכט די קברים. היינט פריה האָב איך דעם קבר פון מיין מוטער אויפגעזוכט און מיין אָבשייד איז געוועזען קורץ. מוטער, האָב איך געזאָגט, מען נעמט ביי מיר אוועק די מעגליכקייט צו ליעגען אין דערזעלבער ערד, וואָס דו. אָבער וואו איך וועל אויך

שטארבען, אונזערע נשמות וועלען זיך טרעפען פאר דעמזעלביגען גאָט'ס טראָן. און וועל איך דיין קבר מעהר נישט זעהן, דו וועסט אייביג לעבען אין מיין זכרון. איך האָב געוויינט שטאַרק און ביטער, איך בין מיך מודה, אָבער איך האָב אויך געוואוסט, אז דאָס זיינען שוואכקייטס-טרערען.

מרים. דאָס זאָגסטו, ווייל דו האָסט בלויז דיין מוטער אויפ'ן בית-הקברות איבערגעלאָזען. ווען דו וואָלסט אָבער געהאַט אַ קינד, אַ היים-געליעבטס... אך, מיט געוואַלט האָט מען מיך אוועקגעריסען פון זיין קבר, און עס איז מיר געוועזען, גלייך דאָס וואָלט מיר נאָך אַ מאָל געשטאָרבען. (פאַלט-צו מיט אַ יאָמער צו דער מצבה.)

אַ פרוי. און ווי איז מיר געוועזען?!

הלל. דו זעהסט מיין מוטער? איהר גייסט צושטערט, איהר בליק איז פרעמד, איהר מויל איז שטום — —

רחל (צום ערסטען מאָל בעמערקענדיג לאה'ן, שרייט אויס מיט שרעק). אָרמע פרוי!

הלל. דאָס האָט מען זי אזוי אוועקגענומען פון בית-עולם, פון די קברים פון איהרע פינף קינדער.

רחל. אָרמע פרוי! זי איז געוועזן נישט שטאַרק. ביים בית-עולם-טויער בין איך געבליבען שטעהן און נאָך אַמאָל בע־טראַכט דעם אָרט. און פּלוצלונג האָב איך וואָס בעגריפען. איך האָב אויפגעהויבען מיין בליק צום הימעל און געזאָגט: גאָט, זעה, מיר לאָזען זיי דאָ איבער אונזערע טויטע און — אונזערע אָבגע־פוילטע צווייגען. ביזטו צופריעדען?

רב יוסף. דו ביזט דיין טאַטען'ס טאָכטער, דאָס זעהט מען גלייך אין דיר. עס רעדט אין דיר דיין טאַטען'ס גייסט. רעד ווייטער, טאָכטער, און שטאַרק דעם מוט פון די אָבהענדיגע.

הלל. מיר דוכט, זי איז צופריעדען באַלד פון דער גלות־גזרה און שפּיעגעלט זיך מיט איהר שטאַרקייט אָדער — פעסטקייט.

ר ח ל. דאָס איז אַ בייזע בעליידיגונג. דאָס רעדט אין איהם זיין פאָטער'ס פיינדשאַפט צו מיין פאָטער.

א ב י ג ד ו ר. ענטשולדיג איהם. עס רעדט אין איהם זיין גרויסער שמערץ. ער איז די נאַכט נישט געשלאָפען און אַלץ דורך די גאַסען געגאַנגען, אום אָבשייד צו נעמען פון יעדעם עק און ווינקעל.

ה ל ל. מיין געמיט איז קראַנק, מיין קאָפּ בעטויבט, אַלץ אין מיר איז ווי אָבגעשטאָרבען: מיין היים! מיין שטאָדט! מיין לאַנד! (לעגט אַרויף די הענד אויפ'ן קאָפּ.)

ר ח ל. וואו איז די פעסטקייט, אויף וועלכער מיר בעטען אין אונזערע טעגליכע תפלות?

ה ל ל. יאָ, אויף פעסטקייט צו בלייבען טריי אונזער גאָט און גלויבען. די האָבען מיר אַלע; אויך די, וועלכע ליעגען דאָ און וויינען; אויך איך, אין וועמען דאָס הארץ ווערט איצט צוריסען. דאָך די פעסטקייט נישט צו וויינען און נישט צו שרייען, ווען עס טוט אַזוי וועה — ניין, די וויל איך נישט. זי איז אכזריות און האַרטהערציגקייט. איך וויין אויך נישט. איך בין מאַן גענוג צו בעהערשען מיינע טרערען. אָבער איך בעגרייף די וויינענדיגע און איך בין זיי אפילו מקנא, וואָס זיי לאָזען אַזוי פריי זייערע טרערען, און וועל נישט וואַרפען אַרום מיר מיט פראַגען: „ווער וויינט דאָ? פאַר וואָס ווערט דאָ געוויינט?"

ר ח ל (דורך די ציינער). זיי האָבען מיר מיין פאָטער גע־טויט! פערשטעהסטו עס?

ה ל ל (קוקט זי אָן מיט גרויסע אויגען און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ).

ב ל אַ נ ש (אַ דיקע פרוי אין די פיערציגער מיט פול געפּעק אין די הענד, קומט אַרויס פון טויער מיט אַ געיאָמער). ווי זיי האָבען זיך געגראָבען אין מיינע פעקלעך! מיט וואָס פאַר אַ קללה זאָל איך זיי גאָר שעלטען?

ד ע ר ב ע ט ל ע ר (אַ מאַן אַרום פיערציג, אָבגעריסען, מיט שטאָק און לעדיגער טאָרבע, הינטער איהר). אויך מיך האָבען זיי

לאנג געהאלטען. זיי האבען מיר מיין ארמקייט נישט געגלויבט. איך מוז אויסזעהן, ווי א פערשטעלטער קצין.

בלאנש (ארויבלאזענדיג איהרע פעקלעך, איבערבינדענדיג זיי און וויינענדיג). דער אפיציר האט מיך דערקאנט. בלאנש, האט ער געזאגט, טויף דיך בעסער און בלייב מיט אונז. וואצו זאלסטו אלץ פערליערען? — אלץ פערליערען, האב איך איהם געזאגט, אבער ניט מיין גאט! איך בין אזוי אויך גענוג זינדיג. (ברעכט פלוצלונג אויס אין א יאמער.) פאר מיינע זינד, אידען, פאר מיינע זינד! (קלאפט זיך מיט ביידע פויסטען אין דער ברוסט.) ברענט מיך! בראט מיך! פאר מיינע זינד איז דאס אלץ! (נעמט איין ברעג שטריקעל אין מויל, וויינענדיג, און בינדט א פעקעל.)

דער בעטלער. און דא האט מען זיך גאר צוזעצט. אויף וואס ווארט מען?

שושן. וואס ביזט דו אזוי אונגעדולדיג?

דער בעטלער.ביים אנהעב וויל איך וויסען שוין דעם סוף, און מוזען מיר געהן, וואס האבען מיר פון זיצען?

דעם בלינדען'ס זוהן. און טאקע, וואס זיצען מיר דא נאך?

שושן. מען האט דאס טויער דאך נאך פון אונז ניט פערשלאסען.

לוי. און וויים מען כאטש, וואוהין מען געהט?

שושן. מיר געהען ביז צום ערסטען בעסטען לאנד, און וואו מען וועט אונז אריינלאזען, דארטין וועלען מיר בלייבען.

דער בעטלער. אין גאנצען מיין געדאנק.

רב יוסף. איך האב גענוג פון די קריסטענלענדער. גענוג אויסגעשטאנען מיך בזיונות, געמוזט אויסהערען שמד־דרשות אין מיין אייגענער שול פון בלוט־דורסטיגע גלחים, בעשיינקט געווארען מיט א געלען לאפיק... (קוקט אן מיט פעראכטונג און קאפשאקלען דעם געלען לאפיק אויף דער ברוסט.) צוגעזעהן, ווי זיי האבען אונז די הייליגע גמרא'ס פערברענט, און יאהרענלאנג האב איך

שוין אין א גמרא נישט אריינגעקוקט. אָך, אָך, אָך... איבער־געלעבט אַ פּאָר בלוט־בלבולים... יא, יא... געגוג פון די קריסטענ־לענדער, געגוג... איך האָב שוין לאנג געטראכט צו פערלאָזען זיי. בעסער פיעל צווישען מחמד'אַנער צו לעבען, אָדער מיט געצענ־דיענער. נאָר עפּעס האָט מיך שטענדיג צוריקגעהאלטען. שווער געוועזען אייך צו פערלאָזען. יעצט אָבער בין איך שוין צו אַלט און וויל א ביסעל רוה און פריעדען. כאָטש איינמאָל אָבריכטען אונזער הייליגען יום־טוב פסח אָהן מורא, אז די מענשענליעבענדיגע קריסטען וועלען אונזערע מצות מיט אונזער בלוט פערמישען און זאָגען, מיר האָבען אין זיי קריסטליך בלוט אריינגעקנאָטען. איך וועל געהן נאָך אפריקא, נאָך מצרים, און אַז גאָט וועט וועלען, ברייּנגט ער מיך נאָך ארץ ישראל, דאָס לאנד פון אלע לענדער און דאָס ציעל פון אלע ציעלען.

רב יחיאל. איך מיין, מיר דארפען נאָר אריבערגעהן די גרעניץ און בלייבען. איהר וועט זעהן, מען וועט אונז באלד רופען צוריק.

בלאנש. אוי, הלואי! איך ריהר מיך נישט אוועק פון דער גרעניץ.

איין מאן. איך געה נאָך שפּאניען. אין טאָלעדאָ איז יעצט שאצמייסטער ר' שמואל. איך וואָלט געזאָגט, מיר זאָלען אלע געהן אהין.

א צווייטער. אויך איטאליען איז יעצט א רוהיגער אָרט פאר אידען.

א דריטער. איך וואָלט געזאָגט, מיר זאָלען אלע געהן נאָך דייטשלאנד. דער קייזער אלברעכט איז צו אונז גוט. איך געה אהין. מיין טאטענס ברודער'ס זוהן וואוינט אין פראנקפורט.

רחל (וועלכע האָט צוגעהערט מיט אַ ביטערען שמייכעל, שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ). ישראל וויל צושפּרייט זיין און פערגרעסערען נאָך דעם גלות. (אַלע ווערען אויפמערקזאַם און העבען אויף צו איהר די אויגען.) יעדער זוכט אַ ווינקעל פאַר זיך, און דאָס גאנצע

פאַלק בלייבט אָהן אַ היים. (די אויפמערקזאַמקייט וואַקסט. הלל קוקט זי אָן פון דער זייט. עטליכע טרעטען נעהנטער צו.) נייע היימען וויל מען גרינדען און די אַלטע האָט מען פערגעסען.

רב יוסף (קרעכצט).

שושן. די אַלטע?

רחל. דאָס לאַנד פון אַלע לענדער, דאָס ציעל פון אַלע ציעלען.

אביגדור. ווי? (מאַכט אוועק מיט דער האַנד.)

שושן און נאָך עטליכע. ארץ ישראל?

רחל. ארץ ישראל.

שושן. ארץ ישראל? צו ווייט, מיין טאָכטער. איך בין פאַר קורצע אָבשטעלונגען. ויסעו ויחנו — דאָס איז אונזער גורל. געצווינגען, אָבגעשטעלט זיך און ווייטער געצויגען.

דער בעטלער. אזוי בין איך מיך טאַקע נוהג.

רחל. איז בעטלער־מנהג ישראל'ס גורל?

שושן. דו הערסט עס ערסט, שטאָלצע טאָכטער? (לאַכען און זיפצען אין עולם.) מיר געהען שוין לאַנג ארום, וואוהין די אויגען טראָגען, געהען, וואוהין דער ווינד אונז שטופּט. ווי בעטלער קלאַפּען מיר אָן אין די טירען מיט אראָבגעלאָזענע קעפּ און אָנגעבויגענע רוקענס, און אונטערטעניג קוסען מיר די האַנד, וועלכע מאַכט אונז אויף אַ טיר. אָט יעצט געהט אונזער וועג נאָך דרום, וועלען מיר געהן נאָך דרום און אָבשטעלען זיך ביי דער ערסטער טיר. ארץ ישראל איז ווייט, ליעבע טאָכטער. אזוי ווייט צו געהן וועט אונזער עולם קיין געדולד נישט האָבען.

רחל. ווי, ווען איהר וועט אַלע נאָהנטע טירען געפינען פערשלאָסען?

שושן (פערנאַנדערפיהרענדיג מיט די הענד). יאָ־אָ... זיי זיינען דאָך אָבער נישט פערשלאָסען. איטאַליען, שפּאַניען, דייטש־לאַנד...

רחל. דאָס איז עס! ישראל וויל צושפּרייט זיין. פון

אלע זינדען ישראל׳ס איז דאָס די גרעסטע. זיינע תפלות זיינען פול פון ציון, אָבער וואָס ער זאָגט, דאָס מיינט ער נישט. ווי קאָן גאָט אויפנעמען זיינע תפלות?

ר׳ב יוסף. רעד נישט, טאָכטער, אזוי. ישראל איז שוין שווער בעשטראָפט. דארפסט זיין שולד נאָך נישט פערגרעסערען. זיין הארץ איז אין זיינע תפלות. ער בעט צו גאָט און וואַרט.

רחל. אך, פערשטאָפּט איז ישראל׳ס הארץ, און גאָט׳ס צייכען פערשטעהט ער נישט מעהר.

שושן. וועלכע צייכען?

רחל. דער גירוש. דאָס, וואָס מען האָט אייך פון אייערע אלטע איינגעזעסענע היימען ארויסגעטריבען.

דער בלינדער. עס רעדט משיח מיט דער מיידעל׳ס ליפּען!

אביגדור. ארץ ישראל! דאָס לאנד איז וויסט, די שטעדט זיינען חרוב, די ערד איז א מדבר. וואָס וועלען מיר דאָרטין טאָן? פעראָרמטע, בערויבטע, אָהן מיטלען א טאָג איבער־צולעבען. (זיפצען און קרעכצען אין דעם ארום.) וואָס וועלען מיר אין דעם מדבר אָנהעבען? פון וואָס וועלען מיר אונז דערנעהרען? פון וועמען וועלען מיר לעבען?

דער בעטלער. מיין געשעפט איז אין סכנות! איך געה נישט אהין.

רחל. איך רעד פון א לאנד, וואָס מיר האָבען נישט אויפ־געהערט צו ליעבען, פון א היים, וואו מיר וועלען דאָס היים־געפיהל אָם שטארקסטען האָבען.

הלל. אך, דאָס היים־געפיהל וועל איך אין ערגעץ שוין נישט האָבען. מיין היים — אָט דאָ איז זי געוועזען. פון יעצט אָן בין איך אין גלות: פון יעצט אָן בין איך נע ונד. (קרעכצען און זיפצען אין עולם.) וואו איך וועל זיין, איך וועל אהער דאָך בייינקען. ווי ליעב איך יעדען ווינקעל דאָ, יעדעס גראָז און בוימדעל! ווי טייער איז מיר דער הימעל פון איליריען, ווי

הארציג מיר די לופט! אך, מען ליעבט דעם ארט נאר, וואו מען איז געבארען, דאס לאנד, וואו אונזער וויעג איז געשטאנען.

רחל (שאקעלט טרויעריג מיט'ן קאפ). איהר קענט אלע מיין פאטער. (איהר שטימע ציטערט אויף.) איהר האט אלע איהם געקאנט. ער איז געבארען געווארען אין אילירינן און האט אי־לירינן שטארק געליעבט און איז איהר שטענדיג טריי געוועזען און איבערגעבען. ער האט זיין ליעבע נישט איינמאל ארויס־געוויזען אלס שאצמייסטער און דאקטאר, און קיין אפפער איז איהם נישט צו גרויס געוועזען פאר אילירינן. דאך זיין גרעסטע ליעבע איז געוועזען אונזער אלטע היים, זיין גרעסטע בייִנקענים האט ער געטראגען נאך דעם הייליגען לאנד. דאס איז געוועזען זיין נשמה יתירה און געגעבען איהם אפילו דיכטער־פליגעל. איך וועל א מזמור פארזאגען אייך, פון מיין פאטער לאנג פערפאסט, אן אויסדרוק פון זיינע הארציגסטע געפיהלען. איך וויים, ער וואלט עס בעסער פארגעזאגט. (איהר שטימע ברעכט.) ער וואלט געוויס אייערע הערצער געמאכט הויך און מעכטיג שלאגען, ווי ער האט מיין הארץ אויפגערודערט מיט זיין פארזאג. דאך (זי קעמפפט מיט וויינען) זיין מויל, וואס האט גאלד גערעדט... איז... אויף אייביג... שווין פערשלאסען! (צואוויינט זיך.)

עטליכע פרויען (צואוויינען זיך מיט איהר).

רחל (שטארקט זיך און העבט אן פארצוזאגען, צוערסט שטיל מיט א פון טרערען דורכגענומענער שטימע, צולעצט זעהר פאטעטיש). וואס מאכט מיר ווייך מיין הארץ און מאכט עס שמערצליך שלאגען? שמערצליך, ווייל פון בייִנקענים; בייִנקענים, ווייל פון ליעבע. וואס טרייבט די טרערען מיר צום האלז און ברענט מיט נאסקייט מיר די אויגען? טרערען, ווייל פון בייִנקענים; בייִנקענים, ווייל פון ליעבע. דאס איז א לאנד אין וויטען מזרח, א שטאדט, אין איהר האט גאט גערוהט. ווען זי געהט מיר אויף אויף מיין זכרון, ווערט מיט זיסען שמערץ מיין הארץ מיר אנ־געפילט, און פון טיעפען בייִנקען צוגיס איך מיך אין טרערען.

איך זעה זי אין איהר פראכט, די פיעל־בעפעלקערטע, איך זעה זי אין איהר הערליכקייט, די שטאָדט, וואו דוד האָט געקיניגט. איך קען דאָס לאנד דאָך נישט און ליעב עס דאָך אונענדליך; איך האָב עס קיינמאָל נישט געזעהן, און הארץ און אויגען זיינען פון איהם פול. דערהער איך נאָר איהר נאָמען, ציטערט אויף מיין הארץ, זי איז מיין נשמה'ס חלום אין שלאָפען און אין וואכען. ווי ציהט מיך צו דיר, ירושלים, די שטאָדט, וואו אונזערע נביאים האָבען גערעדט; ווי גאר איך דיך צו זעהן, דו לאנד, וואָס גאָט אליין האָט פאר אונז אויסגעקליבען. ווען גאָט ברייננגט מיך צו דיר, וועל איך פאלען אויף מיינע קני און קוסען דיין ערד, ווי א געליעבטער האָט נאָך קיינמאָל נישט געקוסט זיין געליעבטע. מיט מיינע פריידענטרערען וועל איך דיך זאט מאכען, און מיין הארציג יובעלן וועט אויפדונערען דיין לופט. ווער גיט מיר, איך זאָל דיך קאָנען ארומנעמען און טוליען זיך צו דיין ברוסט, ווי א קינד צו דער ברוסט פון זיין מוטער! מיין הארץ ווערט מיר צוריסען, איך ווער דערשטיקט פאר בייגקענים. זי וואקסט אין מיר מיט יאָהרען, ווערט גרעסער מיט מיין עלטער. ציון, געליעבטע מיין! ירושלים, מיין טייערע געזעלין! (זי בלייבט שטעהן גאנץ פערקלערט, די אויגען אָנגעשטרענגט אין דער ווייט און אָנגעגאָסען מיט טרערען. דער עולם איז געריהרט, קיינער בעוועגט זיך נישט; שטילער געוויין.)

אביגדור (ווי פאר זיך). נו, יאָ, א שיר.

רחל (לאָזט לאנגזאַם אראָב איהר בליק אויף אביגדור'ן). איז דאָס אלץ, וואָס אביגדור דע קאָרבעי האָט צו זאָגען? איז אין זיין הארצען ווירקליך אָבגעשטאָרבען יעדעס געפיהל צו אונזער אלטען לאנד?

רב יוסף (ווישענדיג זיך די אויגען). ווילט איהר מיך, אייער אלטען רב, פאָלגען? לאָמיר געהן נאָך ארץ ישראל. אלע צוזאמען.

דער בעטלער. ביי מיר גע'פועל'ט. הייזער וועלען דאָך דאָרטין זיין, ווי?

בלאנש. ווי לאנג קאָן אהינצו נעמען?

שושן. דאָס איז דער עיקר פראגע.

רב יוסף. בעשליעסען מיר צו געהן נאָך ארץ ישראל, וואָס מאכט דער גאנג אונז אויס. מיר שטעלען אונז א ציעל און מיר וועלען עס דערגרייכען.

רחל. דאָס איז עס, אידען. ווילט נאָר, און מיר וועלען שוין אהינצו קומען. איהר האָט ערסט א גרויסע העלדישקייט ארויסגעוויזען און פאר אונזער גלויבען א היימאטלאנד פערלאָזען. יעצט האָט אין זיך דעם מוט דאָס לאנד צו דערגרייכען, מיט וועלכען אונזער גלויבען איז ענג פערבונדען. ווילט איהר, אידען? ווילט איהר?

געשריי. מיר ווילען! מיר ווילען!

רחל (אין העכסטער עקסטאזע). דאן, אין גאָט'ס נאָמען, אין וועג אריין! (בעוועגונג. מען נעמט זיך צום געפעק. געשרייען: אין וועג אריין! אין וועג אריין! געוויין.)

דער בלינדער (אין עקסטאזע). משיח'ס גייסט איז צווישען אונז!

שושן (שרייט). שטעהט! די טויערען זיינען אָפען נאָך. מיר דארפען ווארטען. אידען זיינען געווים נאָך אונטערוועגס.

רב יחיאל. אָדער אפשר...

שושן. וואָס קאָן דאָ מעהרער זיין?

רב יחיאל. פיעלייכט — ביי גאָט קאָן אלץ זיין... פיעלייכט האָבען זיי דאָרטין חרטה? אפשר האָט גאָט אומגע־קעהרט דעם קעניג'ס הארץ צו גוטען, און מען וועט אונז באלד גאָר אומקעהרען צוריק. (בעוועגונג, מורמלען.)

הלל (ווי אויפגעוואכט). גאָט! (העבט אויף די הענד צום הימעל.)

רחל (בעקוקט מיט שרעק דעם עולם). גאָט!

רב יחיאל. אין דער גרעסטער נויט קומט שטענדיג אונז די הילף. אחשורש האָט אַ נאַכט בלויז נישט געשלאָפן, און די אידען אין פּרס זיינען ניצול געוואָרען.

שושן. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער נס.

אביגדור. איך גלויב אין איהם נישט. דער קעניג דאַרף אונזער געלט. זיין קעשענע איז מעכטיגער פאַר זיין הארץ.

רב יחיאל. דאָס הארץ פון מלכים און שרים איז אין גאָט'ס האנד.

בלאנש. אוי, ווען גאָט בעווייזט זיין חסד... איך בין עס נישט ווערט, אידען, איך בין עס גאָרנישט ווערט... (שלעפּט איהרע פּעקלעך נעהנטער צום טויער.)

דעם בלינדענ'ס שנור. גאָטעניו, בעוויז דיין נס!

מרים. דו קאָנסט דאָך, גאָט! דו קאָנסט דאָך! (מען הערבט זיך אָן צוצורוקען צום טויער, מען רעדט צווישען זיך אונרוהיג און ווארם.)

דער בלינדער. דאָס קאָן נישט זיין. משיח מוז קומען. דאָס איז אויסגערעכענט אין דער משנה פון דעם הייליגען תנא רבי שמעון בן יוחאי, אין זיין הייליגען ספר, וועלכער הייסט דער זהר. ווען דאָס זעכציגסטע אָדער זעקס־און־זעכציגסטע יאָהר וועט איבערטרעטען די שוועל פון דעם זעקסטען יאָהרטויזענד פון דער וועלט, וועט זיך משיח בעוויזען. מיר צעהלען איצט דאָס זעקס־און־זעכציגסטע יאָהר. עס איז שנת ה' אלפים ס"ו לבריאת העולם. משיח וועט קומען. אָבער איידער ער קומט, וועלען זיך די צרות פערגרעסערען, נישט פערקלענערען.

שושן. איך וועל גיכער גלויבען אין גאָט'ס נס, ווי אין די אויסרעכנונגען פון אַ בעל מקובל.

מרים. אך, גאָטעניו, גאָטעניו! (ווידער אַ געמויש פון שטו־מען. פלוצלונג ווערט עס שטיל. די צוויי סאָלדאַטען ברייננגען ארויס אַ געבונדענע געשטאַלט, לעגען זי אַוועק און טרעטען אַריין צוריק אין טויער.)

ערסטער סאָלדאט. דאָס טויער וועט יעצט אויף אייביג פאַר אייך פערשלאָסען, אידען־פאָלק. ווער פון אייך וועט זיך אריינמאכען אין שטאָדט, וועט געקעפּט אָדער מיט געוואַלט געטויפט ווערען. אַזוי וויל דער קעניג און די הייליגע קירך! (ער טרעט אָב. דאָס טויער ווערט שווער צוגעמאַכט. אַ האַרציגער געוויין ברעכט אויס. הלל פערדעקט זיך דאָס געזיכט מיט ביידע הענד, שווער אָטמענדיג.)

רחל. מיין פאָטער! מיין פאָטער! (פערדעקט זיך דאָס גע־זיכט און שלוכצט.)

אביגדור. דאָס איז דער בטחון. איך האָב געוואוסט.

דער בלינדער. משיח וועט קומען.

רב יוסף. וועמען האָבען זיי דאָ געבראַכט? (געהט מיט שושן און נאָך עטליכע צום געבונדענעם.) פניני! רב מנחם! ברוך מחיה המתים!

רחל (שרייט אויף). מיין פאָטער! (לאָזט זיך לויפען, איהרע בעגלייטערינס נאָך איהר. דער עולם טיילט זיך פאַר איהר פערנאַנדער, גיט איהר דעם וועג. זי לויפט צו צום געבראַכטען, וועלכען רב יוסף און שושן האָבען אויפגעבונדען און האַלטען אונטער די הענד, און וואַרפט זיך איהם אויפ'ן האַלז מיט טרערען און לאַכען.) מיין פאָטער! דו לעבסט! דו לעבסט! (בעדעקט איהם מיט ווילדע קוסען געזיכט און הענד.) איך האָב געמיינט, דו ביזט שוין טויט!... אך, ווי האָט עס געשריען אין מיר, וואָס איך ווייס נישט, וואו דיין געביין איז אהינגעקומען!... איך האָב מיר די ציינער צונויפגעפּרעסט, אום נישט ווילד צו ווערען פאַר שמערץ!... מיין פאָטער! מיין פאָטער!

פניני (מיט טרערען אין די אויגען, קוסט די טאָכטער, דריקט איין איהרע באַקען, רוקט אָב איהר געזיכט, קוקט זיך איין איהר איין און רוקט זי ווידער צו און קוסט זי. אַ טאָן פון איינגעהאַלטענעם כליפּען רייסט זיך פון זיין האַרצען, אַ מין מרוקען. ער טוליעט זי צו זיך, דריקט זי צו, דאָס צו איין זייט, דאָס צו דער אַנדערער, בעוועגענדיג

זיך שריטווייז נאָך פאָרנט. געריהרט טרעט מען פאר זיי אָב. רחל׳ס בעגליוטעריגס געהען־נאָך און קוסען די פאַלדען פון זיין מאַנטעל).

ר ח ל. פאָטער! פאָטער! — אָה, לאָז מיך דיך אָנזעהן! — ווי גרוי ביזטו געוואָרען! זיי האָבען דיך געפייניגט! — דיין געזיכט איז גאַנץ צושלאָגען! — דיין שיינעם באָרד האָבען זיי דיר אויסגעצופּט! (שרייט־אויף מיט גרויסען שרעק.) וועה!... דיינע נעגעל!...

פ נ י נ י (גלעט זי אום צו בערוהיגען).

ר ח ל. ווי האָסטו געליטען! וועלכע יסורים! אָ, פאָטער! פאָטער! פאָטער׳ל!

פ נ י נ י (אָטעמט שווער, בייסט איין זיינע ליפּען, ווי איינהאַלטענדיג זיך פון אויסצוברעכען אין אַ גרויסען געוויין).

ר ח ל. זאָג! דערצעהל! דערצעהל!

פ נ י נ י (גיט אַרויס אַ וויינערישען קוויטש פון דעם פעסט איינגעשלאָסענעם מויל און פערדעקט זיך דאָס געזיכט).

ר ח ל (ציהענדיג זיינע הענד). פאָטער! וואָס איז דיר! פאָטער!

ש ו ש ן. ער האָט געמוזט דאָרטין געוווּנג אָנליידען זיך. איך ווייס דעם טעם. (קרעכצען און זיפצען: יא, יא! יא, יא!)

מ ר י ם. ער האָט דאָך נאָך קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט, אזוי האָבען זיי איהם פערגעבען.

פ נ י נ י (לאָזט ווידער אַרויס דעם וויינערישען קוויטש).

ר ח ל. פאָטער! פאָטער׳ל! זאָג מיר א וואָרט! לאָז מיך ווידער הערען דיין קול! רעד ארויס, שריי ארויס פון דיר די שמערצען, די בעליידיגונגען... פאָטער!

פ נ י נ י (גלייכט זיך פּלוצלונג אויס, עפענט ווייט פערנאַנדער דאָס מויל און לאָזט אַרויס אַ מורא׳דיגען געשריי, פעסט אָנכאַפּענדיג רחל׳ען). אַ־ב־ע!... (אַ שרעק לויפט דורך דורכ׳ן עולם. מען טרעט אָב מיט דערשראָקענע בליקען.)

רחל (טרייסעלט זיך אין גאַנצען קערפּער, די הענד אויפ'ן געזיכט, די אויגען אויסגעגלאָצט אויפ'ן פאָטער).

פניני (שטאַרקער און וויינערישער, מיט די הענד צייגענדיג אויפ'ן מויל). אָ־כ־ע!... (צוואווינט זיך. בעוועגונג אין עולם, מען טרעט אָב פון איהם מיט שרעק. שעפּטשענים: אַי, וועה, די צונג... די צונג... די צונג...)

רחל (שרייט אויף אין גרעסטען שרעק). די צונג! די צונג האָבען זיי איהם אויסגעשניטען! (פאַלט. הלל כאַפּט זי אונטער און לעגט זי פאָרזיכטיג אַוועק. די בעגלייטערינס עוסק'ן זיך אַרום איהר, מינטערן זי אויף, בעגיסענדיג זיך מיט טרערען. ביים אויפוואַכען צושרייט זי זיך היסטעריש. — רב יוסף, שושן, אביגדור, רב יחיאל און אַנדערע שטעהען אַרום פניני'ן אין גרויסען שרעק.)

לאה (העבט זיך פאַמעליך אויף, קוקט אָן רחל'ען און ווענדט איהר בליק אויף פניני'ן, נישט אָבווענדענדיג איהם מעהר פון איהם).

פניני (הערט אויף צו וויינען, טריקענט זיך דאָס געזיכט, עפענט־אויף די אויגען, קוקט זיך אַרום, געהט־צו צו רחל'ען און לעגט אַרויף אויף איהר אַ האַנד).

רחל (שוידערט אויף). פאָטער! פאָטער! (קעהרט זיך אום מיט'ן געזיכט צו דער ערד און וויינט.)

פניני. אָ־כ־ע, גע־אַר־גג! הער־ד־ד אוף־ף־ף! (ווען זי הערט נישט אויף, צייגט ער די אַרומיגע, אַז ער וויל שרייבען.)

הלל (געהט־צו צו אַ קליינעם פעקעל, נעמט פון דאָרטען אַרויס אַ שרייב־ברעטעל מיט אַ גריפעל און גיט עס פניני'ן).

פניני (שרייבט עפּעס אויף, קלאַפּט אָן רחל'ען און רוקט איהר דאָס ברעטעל אונטער'ן געזיכט).

רחל (צוקט צוזאַמען און שרייט־אויף).

פניני (גיט איבער דאָס ברעטעל הלל'ן, ער זאָל עס איהר איבערלייענען).

הלל (איבער רחל'ס קאָפּ, געריהרט). הער־אויף צו וויינען,

שרייבט דיין פאָטער דיר. בערוהיג דיך, קום צו דיר. פון היינט אָן און ווייטער מוזטו זיין זיין צונג.

פ נ י נ י (שאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ). מאַ־ן־ן או־נ־ג־ג!

(ער ברייגגט ארויס די ווערטער זעהר לאנגזאם, ארויסרעדענדיג דעם ג פון דער נאָז, ג, ר, פון האַלז, פּ מעהר אַרויסגעבלאָזען.)

ר ח ל (האלט גלייך איין איהר וויינען, קעמפּפענדיג שטארק).

פ נ י נ י (קוקט זיך אַרום, בעטראַכט דעם עולם; זיין בליק פאלט אויף אביגדור׳ן).

א ב י ג ד ו ר (איילט צו איהם צו מיט אן אויסגעשטרעקטער האנד). מיר זיינען געוועזען שונאים, מנחם פניני, אין פיינדשאפט האָבען מיר אָבגעלעבט אונזער לעבען, קנאה האָט צווישען אונז געהערשט...

פ נ י נ י (מאַכט אַ פּראָטעסט־בעוועגונג).

א ב י ג ד ו ר. עס מאכט נישט אויס, ווער וועמען האָט מקנא געוועזען. עס מאכט אויך נישט, ווער איז שולדיג אין אונזער פיינדשאפט. יעצט הערט זי אויף. יעצט איז אלץ פערגעסען.

פ נ י נ י (טרייסעלט איהם די האַנד זעהר שטאַרק).

ש ו ש ן. שותפות׳דיגע צרות ברייגגען פריינדשאפט און שלום.

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. ווען פון קריגען־זיך קאָן קיין נוצען נישט אַרויסקומען מעהר.

פ נ י נ י (שאָקעלט־צו מיט׳ן קאָפּ מיט אַ ביטערען שמייכעל).

ר ב י ו ס ף (ווי דערמאָנענדיג זיך עפּעס, פּיהרענדיג מיט דער האַנד איבער׳ן געזיכט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַראָבשאַרען עפּעס אַ שווערען דרוק). נו, ברידער און שוועסטער, דאָס טויער איז אויף אייביג פון אונז פערשלאָסען געוואָרען. לאָמיר געהן. מעהר האָבען מיר נישט וואָס צו וואַרטען. צוזעגענט אייך מיט אייער מוטער־שטאָדט, נאָר אָהן טרערען, אויב איהר קאָנט. מיט מוט און שטאָלץ. געדיינקט, וואוהין מיר געהען יעצט. — בלייב אין שלום, אילירועו! אונזער גרויסען דאנק דיר פאר דאָס גוטע, וואָס מיר האָבען אין

דיר איבערגעלעבט, און פאר דאָס בייזע וועסטו מוזען רעכענשאפט אָבגעבען פאר דעם דיין אמת. מיר זיינען דיר געווען טריי, פון גאַנצען הארצען האָבען מיר דיך געליעבט, נאָר דו האָסט אונזער ליעבע מעהר נישט געוואָלט. גאָט זאָל דיך משפט'ן, אָבער מיט מעהר ליעבע און רחמנות, ווי דו האָסט אונז גע'משפט. בלייב אין שלום! (געוויין אין עולם. בעוועגונג, מען נעמט זיך צום געפּעק.)

פּניני (שטעהט מיט פערגלייסטע אויגען, שווער אָטמענדיג).

רחל (שטעהט־אויף און פאַלט צו איהם צו). פאָטער!

רב יוסף. רב מנחם, דיין טאָכטער האָט דאָ פריהער אין דיין גייסט גערעדט און אונז צו ארץ ישראל איבערגערעדט.

פּניני (שרייט איבערראשט אויף). גאָ־ק!

רב יוסף. יא, זי האָט אונז געזאָגט, וואָס דו וואָלסט אונז געזאָגט, און ווייליג האָבען מיר אונז אויסגערופען צו געהן אין אונזער הייליג לאַנד.

פּניני (העבט אויף רחל'ס קאָפּ אין פריידיגער בעגייסטערונג, קוקט זי אָן מיט אויגען פול ליעבע, און רופט אויס אין עקסטאַזע, די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל). גאָ־ק, מאָ־ן־ן אָר־נ־נ־ג־ג!

רב יוסף. דיין צונג, יא, דיין צונג. זיי יעצט אונזער פיהרער, פּניני. ברייננ אונז אין דאָס לאַנד פון אונזער בייִנקענים, אין אונזער אלטע היים.

פּניני (בעיאָהט מיט א שטארקען שאָקעל מיט'ן קאָפּ, די אויגען אָלץ נאָך אויפגעהויבען). אָ! (קוקט זיך אָרום, זיין בליק פאַלט אויף דער ספר תורה אין רב יוסף'ס אָרם. ער פאַלט צו איהר צו, נעמט זי אָרום, דריקט זי צו זיך, העבט זי אויף מיט ביידע הענד און ווערט פערגליווערט אין אַ שטילען געבעט. עס ווערט שטילער, ווי נישט צו שטערען איהם.)

לאה (געהט אָרום איהם אָרום, אָנקוקענדיג איהם מיט אַ מין איבערראַשטען בליק).

פּניני (דרעהט זיך אוים צום עולם, די ספר תורה האַלטענדיג

אין דער הויך. און מיט פעסטע לאַנגזאמע טריט געהט ער צום וועג לינקס).

ר ח ל (אויסשפּרייטענדיג די הענד, מיט בעגייסטערונג). אין וועג אריין! (ווענדט זיך צו איהר קלומיק און העבט איהם אויף אויף זיך. דער עולם העבט זיך אָן צו ריהרען. שטילער, איינגעהאַלטענער געוויין.)

ר ח ל. די אידען פון מצרים האָבען אַ שירה געזונגען. עס האָט אן אייגענע היים פון דער וויטענס זיי געוואונקען. דיזעלבע היים ווינקט אויך יעצט צו אונז. הערט אויף צו וויינען, לאָזט דעם יאָמער אָב. זינגט, אידען, שירה, זינגט אַ לויב צו גאָט! — זינגט אַ לויב צו גאָט!

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם וועדליג זי רעדט.)

# צווייטער אַקט

(אַ לאַגער ביים ברעג ים, וועלכער ליעגט אין הינטערגרונד. פון לינקס, אין מיטען, קומט אַרויס אַ וועג, וועלכער ציהט זיך ביז אין מיטען פּלאַץ און פערבויגט זיך דאַן נאָך הינטען צום ים, פיהרענדיג אַראָב באַרג און בעגרענצענדיג לינקס אַ הויכען פעלזען, וועלכער געהט משופּע'דיג פון ים צום וועג. אַ גרויסער בוים וואַקסט אַרויס פון פעלזען רעכטס. רעכטס און לינקס צעלטען; לינקס, כמעט הינטער דעם פאָרנסטען צעלט, שטעהט אַ בוים — מען הערט די בוואַליעס און קינדער-קולות פון ברעג.)

ד ע ר ב ע ט ל ע ר (געהט אום רעכטס פון צעלט צו צעלט, בלייבט שטעהן נישט ווייט פון יעדער עפענונג, בויגט אַן דעם קאָפּ, שטרעקט אויס די האַנד, נעמט זי אַוועק, ווי ער וואָלט עפּעס געקראָגען, שפּאַרט זי אריין אין זיין טאָרבע, דאַנקט מיט'ן קאָפּ, בעוועגט מיט די ליפּען; אַן אַנדערסמאָל מאַכט ער אַן אונצופריעדען געזיכט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געקראָגען, לאָזט אַראָב די האַנד מיט אַ זיפץ און געהט אַוועק אַן אַנגערוקטער).

ב ל א נ ש (לויפט ארויף פון אונטער'ן באַרג). וואָס זוכסטו אין מיין צעלט? וואָס ווילסטו דאָרטין?

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. פּראַקטיקע, פּראַקטיקע, נישט מעהר ווי פּראַקטיקע. איך וויל מיין ארבייט נישט פערגעסען.

ב ל א נ ש. ביי מיר איז אַלץ פעסט איינגעבונדען. וועסט גאָרנישט קאָנען גנב'ענען.

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. איך גנב'ע נישט, איך בעטעל בלויז. זעהסטו נישט, ווי איך האַלט מיין קאָפּ געבויגען? פאַר וואָס דערקען איך גלייך אַן דיר, ווי דו פערדיענסט דיין ברויט. האָסט אויך געדאַרפט צוזעהן, דו זאָלסט דיין ארבייט נישט פערגעסען.

בלאנש (שרייט). הערט, אידען, ווי ער רעדט! פול ניבול איז זיין מויל. פאר וואס האט מען איהם זיין צונג נישט אויסגעשניטען?!

דער בעטלער. און דיך האט מען געדארפט אין גאנצען צושניידען און צושינדען.

בלאנש. דו, בעטלערל, איך כאפ דיך אן און שמיים דיך גלייך אין ים אריין.

דער בעטלער. אין ים פון דיין זנות? דאס וועט דיר נישט געלינגען, ווי איך בין א מאן!

בלאנש. טפו! (פערשווינדט אין איהר צעלט.)

דער בעטלער. טפו דיר אויך! (שטרעקט אויס די האנד צו דער עפענונג און נעמט זי גלייך אוועק צוריק, פערקרימענדיג דאס געזיכט, פול עקעל און פעראכטונג, און געהט ווייטער. ביים פארנסטען צעלט ליגקס געהט צו איהם ארויס רחל.)

רחל. ווילסטו וואס?

דער בעטלער. איך וויל גארנישט, עהרענמיידעל. איך פראקטיציר בלויז. (געהט ווייטער און פערשווינדט צווישען די צעלטען.)

רחל (בלייבט שטעהן אין דער עפענונג פון איהר צעלט, קוקט צום ים און צום ענטקעגענדיגען צעלט רעכטס און געהט זיך דורך, ווארפענדיג שנעלע בליקען צום צעלט. צולעצט בלייבט זי שטעהן לעבען בוים, דעם בליק אנגעווענדט צום צעלט, אונרוהיג, גנבה׳דיג).

הלל (קומט ארויס פון דעם ענטקעגענדיגען צעלט).

רחל (פערפלאמט זיך, מאכט א בעוועגונג, ווי אוועקצוגעהן).

הלל (שטעלט זי אב מיט א האנדבעוועגונג). דו זוכסט עמיצען? זאג מיר, און איך וועל איהם דיר ברייגגען.

רחל. איך האב מיינע בעגלייטערינס.

הלל. זוכסט זיי פיעלייכט?

רחל. זיי זיינען אין זייער צעלט.

הלל. עס איז דער זעקסטער טאג מיר זיינען שוין צוזאמען.

רחל. איך האָב אויך אַזויפיל אָנגעצעהלט.

הלל. רחל!

רחל. וואָס מאַכט דיין מוטער?

הלל. אַ דאַנק. זי ליעגט גאַנץ רוהיג. דאָך — — —

רחל. אַך, דער ים איז שיין! איך קוק און קאָן מיך פון איהם נישט אָבקוקען. און ביי נאַכט בין איך געלעגען אויף מיין געלעגער, דער שלאָף פערטריבען פון מיינע אויגען, און האָב אויפגענומען אין מיר די שלעג פון זיינע כוואַליעס, ווי די געטליכע מוזיק.

הלל. דו ווילסט מיך נישט הערען.

רחל. האָסטו וואָס געזאָגט? איך רעד דאָך, און וואָלט געקאָנט נישט אויפהערען צו רעדען. אָט דאָרטען ווייט, ווייט אויף יענער זייט ים ליעגט דאָס לאַנד פון אונזער טרוים, ליעגט דאָס לאַנד פון אונזער ציעל.

הלל (פינסטער). אין מיין טרוים זעה איך אילירען און — — דיך.

רחל (פערלעגען). האהא... מיך געפינסטו אין אילירען נישט. דיין טרוים איז פאַלש.

הלל. דאָך איך זעה דיך אין מיין טרוים. (די קינדער ביים ים לאַכען אויף.)

רחל. הער, ווי די קינדער לאַכען! עס איז זיי, ווי גאָט וואָלט בעשאַפען דעם גרויסען ים פאַר זיי, צו שפּיעלען זיך מיט איהם.

הלל. רחל, איך האָב פון דיר געטרוימט.

רחל. ווי? אַך, יאַ! איך האָב עס שוין געהערט. ווער רעדט דען פון חלומות! חלומות זיינען נאַריש... (די קינדער לאַכען.) ווידער! איך לויף צו זיי. איך וויל זיי זעהען שפּיעלען.

הלל (כאַפּט זי אָן פאַר דער האַנד).. רחל!

רחל (שטיל). הלל, לאָז מיך געהן.

הלל. פערשטעל דיך נישט.

רחל. ווי — מיינסטו עס?

הלל. דו האָסט מיך פריהער מיט דיינע אויגען געזוכט.

רחל. עס איז געווען נישט שיין פון דיר, פון דיין צעלט מיר נאָכצושפירען.

הלל. היינט ביי דער נאַכט האָט א געוויין מיך אויפגע־וועקט, אן עלענדער און ביטערער, א יאָמער, וועלכער האָט דורכגעדרונגען מיר הארץ און נירען.

רחל. איך האָב גאָרנישט געהערט און איך האָב דאָך קוים געשלאָפען.

הלל. יא, דו האָסט גאָרנישט געהערט, דו ווילסט אויך גאָרנישט הערען. וואָרום דאָס האָט מיין ליעבע אין מיר געוויינט, ווי אן עלענד קינד, וואָס זוכט זיין היים. דאן בין איך שוין די גאנצע נאַכט געלעגען מיט וויט אָפענע אויגען און ארויסגעקוקט אויף דיין צעלט, און אויך דעם גאנצען פארמיטאג איז מיין אויג געווען אהין געווענדט. איך האָב געזעהן, ווי אין דער פריה ביזטו ארויס און אין דער עפענונג פון דיין צעלט געשטעלט זיך, דיין אויג אויף מיין צעלט געווענדט, און די ביינקענים, וועלכע איך קען יעצט אזוי גוט, איז אויך אין דיין בליק געלעגען. איך בין אויפגעשפרונגען מיט דיין נאָמען אויף מיינע ליפען — אָבער דיין פאָטער איז צו דיר ארויס. דאָך ווי האָב איך אין מיר געיובעלט און מעהרער נאָך געביינקט, ווען דו האָסט פון דיין פאָטער דיין בליק אוועקגע׳גנב׳עט און מיר איהם צוגעוואָרפען?

רחל. דיר?

הלל. נו יא, מיין צעלט, דער עפענונג אין איהם.

רחל (מיט געשלאָסענע אויגען). דיר! דיר!

הלל (אויפיובעלנדיג). רחל! (נעמט זי אין זיינע אָרמס און דריקט אַרויף אַ קוס אויף איהרע ליפען. זיי שטעהען אַ ווײלע ווי פערגליווערט.)

רחל (גיט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ און וויל איהם אָבשטופּען פון זיך). ניין! ניין!

הלל. מיין געליעבטע!

ר ח ל. ניין, ניין! אונמעגליך!

ה ל ל. ווי? וואָס איז אונמעגליך?

ר ח ל. מיין פאָטער...

ה ל ל. דיין פאָטער וועט אונז אין וועג נישט שטעהן, און מיין פאָטער וועט אויך אונזער גליק נישט שטערען.

ר ח ל. דו ווייסט נישט, וואָס מיין פאָטער האָט פאָר!

ה ל ל. האָט פאָר? האָט ער מיט דיר וואָס פאָר? האָט ער אויסגעקליבען פאר דיר אַן אנדערן? איז דער אנדערער דאָ מיט אונז?

ר ח ל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). ניין, ניין... עטוואָס אנדערס... גאַנץ אנדערס...

ה ל ל. וואָס זאָל עס זיין אזוינס, וואָס זאָל זיך שטעלען צווישען אונז אונמעגליך אוועקצורוימען?

ר ח ל. דאָס קאָן איך דיר נישט זאָגען. דאָס איז אַ סוד. מיין פאָטער'ס גרויסער סוד.

ה ל ל. דאַן... (קעהרט אוועק דאָס געזיכט.) איך אונגליקליכער! קלאַפּ אויף קלאַפּ! די מוטער, די היים, יעצט...

ר ח ל. איך האָב דערפאר געוואָלט מיין געפיהל פון דיר בעהאלטען. דו האָסט עס ביי מיר ארויסגענארט!

ה ל ל (ליידענשאַפטליך). דאָך דו ליעבסט מיך! ליעבסט מיך! זאָג עס מיר... איך וויל עס הערען! אָה, מיט אלע פיברען פון מיין נשמה וויל איך עס אויפנעמען פון דיר! זאָג עס מיר! דו ליעבסט מיך! ליעבסט מיך!

ר ח ל (מיט געשלאָסענע אויגען). איך — ליעב — דיך!

ה ל ל (אויפּוויכצענדיג). אָה! (פאַלט פאר איהר אויף די קני, מיט די הענד אויפ'ן געזיכט, אונטשוליעגדיג זיין קאָפּ אין איהר קלייד).

ר ח ל (ווי פריהער, ארויפלעגענדיג איהר האַנד אויף זיין קאָפּ). איך — ליעב — דיך! (קינדער לויפען־ארויף פון ברעג און לאָזען זיך אויפ'ן וועג ליבקס מיט געלעכטער און געשרייען. רחל ציטערט אויף און מאַכט אויף די אויגען).

הלל. דאָס איז — ערוואַכונג. (שטעהט לאַנגזאַם אויף.)

רחל (פערדעקט זיך דאָס געזיכט מיטביידע הענד).

הלל. ווען איינער שטעהט צווישען ים און פעלזען, וואָס קאָן זיין זיין סוף?

רחל (שוידערט אויף און שטרעקט צו איהם אויס אַ האַנד, די אויגען אַלץ נאָך צוגעשלאָסען).

הלל. דאָס וועט זיין מיין סוף צווישען מיין ליעבע און דיין פאָטער'ס סוד.

רחל. הלל, דו טוסט מיר וועה!

הלל (ליידענשאפטליך). איז גאָר קיין האָפנונג נישטאָ פאַר מיר? זאָג, איך קאָן עס דאָך קוים גלויבען. מיין פאָטער האָט געזאָלט בעגעבען זיך נאָך איטאַליען, אונזערע וועגען, דיינער און מיינער, האָבען זיך געזאָלט פערנאַנדערגעהן אויפ'ן צווייטען טאָג פון אונזער גלות. דאָך פלוצלונג וויל מיין אונגליקליכע מוטער נישט אָבשטעהן פון דיין פאָטער, און מיר זיינען געצוואונגען נאָכ־צוגעהן נאָך איהר. און איך און דו, מיר געהען ווייטער צוזאמען, און מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שעה, מיט יעדען שריט וואַקסט די געטליכע ליעבע אין אונז. דאָס האָט דאָך גאָט געוויס געוואָלט, דאָס האָט ער דאָך אונז צונויפגעפיהרט. און קיין אַנדערער שטעהט אונז נישט אין וועג — ווי? דו האָסט עס דאָך אַזוי געזאָגט. קיין אַנדערען האָט דיין פאָטער דאָך פאַר דיר נישט אויסגע־קליבען?

רחל. ניין (שטיל און לאַנגזאַם.) ער וויל פאַר זיך מיך האָבען.

הלל. ווי? וואָס זאָל דאָס בעדייטען? וועלכען קרבן וויל ער פון דיר?

רחל. הערסט דאָך, הער — נאָר שווער מיר פריער... ניין, דו דאַרפסט נישט שווערען. דו וועסט, וואָס איך וועל דיר דער־צעהלען, גלייך פערגעסען. איך ווייס, מיט צוואַנגען וועט מען עס פון דיר נישט אַרויסרייסען.

הלל. דיין סוד וועט זיין מיר הייליג, רחל.

רחל (ארומקוקנדיג זיך און ארומבלאָזענדיג די שטימע). ווי נאָר מיר וועלען אונז אין הייליגען לאנד בעזעצען, מיר אלע די ארויסגעטריבענע פון אילירימן, וויל מיין פאָטער אלע גלות־לענדער בערייזען, וואו אידען וואוינען נאָר, און רופען זיי צוריק אין דער אלטער היים.

הלל (נישט בעגרייפענדיג). נו, און?

רחל. מוז איך דאָך מיט איהם. ער וועט משה זיין, איך זיין אהרן. דער קאָפּ ער און דער שטארקער ווילען, איך זיין צונג.

הלל. דאָס אלזאָ!

רחל. איך מוז זיין פריי און איהם אליין געהערען.

הלל. דיין פאָטער וויל משיח זיין!

רחל. ווער עס קומט און רופט די אידען ארויס פון גלות, און פיהרט זיי אויך פון איהם ארויס, דער איז משיח, דער איז דער אויסלייזער.

הלל. דאָס איז מיין גלויבען אין משיח נישט. נישט ווער עס קומט, נאָר איינער וועט עס זיין, פון גאָט געשיקט און פון דוד׳ס הויז.

רחל. ווי וועסטו דאָס דערקענען? נישט אין אָנהעב דאָך, נאָר אין סוף, ווען די אויסלייזונג וועט געשעהן.

הלל. דאָך משיח אליין וועט וויסען, אז ער איז פון גאָט געשיקט. איהם וועט גאָט עס קלאָר ענטפּלעקען.

רחל. אין דעם פינסטערען קערקער־קעלער, געפּייניגט און געמאטערט אין שרעקליכע יסורים, די צונג ארויסגעשניטען, וויל אין זיין שמערץ איבער דער גירוש־גזרה האָט ער זיך דערוועגט א הארט וואָרט ארויסצורעדען געגען דעם קעניג, האָט מיין פאָטער געזעהן א זעהונג.

הלל. אז ער איז — ?

רחל. ער איז געלעגען און האָט אויף דעם טויט געוואַרט, וועלכער איז איהם געוועזען זיכער. דאָך זיין קאָפּ האָט נאָר גע־

טראכט פון דעם אידישען גורל, וועלכער איז אזוי שרעקליך, און זיין הארץ האָט אין איהם געיאָמערט פון פערצווייפלונג. און פלוצלונג איז איהם געוועזען, ווי ער וואָלט אַ קול געהערט, וואָס האָט צו איהם געזאָגט: „דו וועסט נישט שטארבען. דו וועסט ארויס פון דאנען און ארויספיהרען די אידען פון דעם גלות!" און עס איז איהם געוועזען, ווי זיין צונג איז איהם ווידער אויסגעוואקסען.

הלל. זיין צונג איז איהם נישט אויסגעוואקסען, רחל.

רחל. דאָך איז ער לעבען געבליבען און איז ארויס, און איך בין זיין צונג געוועזען און האָב מיט זיינע ציון־געדאנקען אויף דעם עולם איינגעווירקט.

הלל. גלויבסט דו, אז דיין פאָטער איז משיח?

רחל (נאָך אַ קליינעם שווייגען, שטיל). מיר איז ער מיין פאָטער.

הלל. דאָס הייסט?

רחל. דאָך בין איך זיין צונג און וועל עס שטענדיג זיין. איך וועל דעם קלענסטען געדאנק ארויסלייענען פון זיינע אויגען, יעדער אָטעם זיינער וועט אריינגעבען מיר די פייערדיגסטע ווערטער. איך וועל געהן מיט איהם —

הלל. און אונזער יונגע ליעבע, רחל?

רחל (מאַכט זיך נישט הערענדיג, דאָך איהר שטימע ציטערט־אויף). און אָברופען וועלען זיך אויף אונזער רוף אלע גלות־קינדער. די פיעל אָנגעליטענע, די אייביג פערפאָלגטע, די ערגיץ נישט זיכערע, זיי וועלען אלע געהן נאָך אונז. די נאָך רוה בייג־ענדיגע, זייער אלטע היים געדיינקענדיגע, זיי וועלען געהן נאָך אונז. פון מזרח און מערב און צפון און דרום וועלען זיך ציהען מחנות, מחנות אידען צו זייער אלטער היים, די אלטע ליעבע אויפגעפלאקערט, מיט די גרעסטע האָפנונגען און דער העכסטער פרייד!

פניני (קומט ארויס פון זיין צעלט; זיין געזיכט דריקט־אויס פיעל איבערראשונג און פרייד). אַ־כ־ע!

רחל (לאָזט זיך צו איהם). פאָטער!

פניני (נעמט זי אויף אין זיינע אָרמס און דריקט זי שטאַרק צום הארצען און קוסט זי און האַליובעט זי. צולעצט, האַלטענדיג זי צוגעדריקט צו זיך, ווענדט ער זיין בליק אויף הלל'ן — אַ דורכ־דרינגענדיגען, פאָרשענדיגען בליק).

הלל (רוהיג, נאָך אַ קליינעם שווייגען). רב מנחם פניני, איך ליעב דיין טאָכטער.

פניני (שוידערט־אויף, קרעכצט ארויס). א—א! (ווענדט זיין בליק צו רחל'ן, שנעל אויפהעבענדיג איהר קאָפּ.)

רחל (לאָזט אַראָב די אויגען).

הלל. זי ליעבט מיך אויך.

פניני (שרייט דערשראָקען אויף).

רחל. ניין, ניין, פאָטער! איך בלייב מיט דיר, איך בלייב דיר טריי. איך ליעב איהם היים און שטארק — איך האָב איהם נאָך נישט געזאָגט, ווי איך ליעב איהם. אָבער דו ביזט מיר איבער אלץ — איבער מיין לעבען, איבער מיין ליעבע.

פניני (כאַפּט זיך פאר'ן קאָפּ, קרעכצט, סקריעט מיט די ציינער, טאַפּעט־אויף מיט'ן פוס, שלאָגט זיך מיט פערצווייפלונג אויפ'ן מויל און אָטעמט שווער).

רחל (וואַרפענדיג זיך פאר איהם אויף די קני און אָנכאַפּענדיג זיינע הענד). ניין, ניין, פאָטער! פאָטער! נישט אזוי ליידען! מיין הארץ צוברעכט! (מיט געוויין.) איך קאָן עס נישט זעהן! איך קאָן עס נישט זעהן!

פניני (בערוהיגט זיך ביסלעכווייז, האלטענדיג צוגעמאַכט די אויגען. דערנאָך עפענט ער זיי אויף, קוקט־אָן הלל'ן און רחל'ן, בעפריעט אַ האַנד, און ווייזט צוערסט אויף הלל'ן, דערנאָך אויף איהר און זיך).

רחל (קוקט אויף איהם נישט פערשטעהענדיג).

פניני (חזר'ט איבער זיינע בעוועגונגען שטאַרקער). ע—כככ מי' אונ' ?

רחל (בעגרייפענדיג). צו איז ער מיט אונז, דאָס ווילסטו וויסען ?

פניני (בעיאהט מיט קאָפּשאָקלען, שטרענג ארויסרעדענדיג). אָ!

רחל (לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ).

פניני (אָטעמט שטאַרק, דעם בליק געווענדט אויף הלל'ן, און מיט געבעט אין די אויגען צייגט ער אויף רחל'ען). אי' מא־ן־ן 'אונ־ג־ג.

הלל. איך וועל זי פון דיר נישט אוועקנעמען, רב מנחם, אָבער נעם זי דו פון מיר נישט אוועק. גיב זי מיר. און דיינע וועגען וועלען זיין מיינע וועגען, וואוהין דו וועסט דיך ווענדען, וועל איך זיין הינטער דיר. און קאָן איך פאר דיר נישט רעדען, וועל איך דאָך נישט שטערען, זי זאָל זיין דיין צונג.

פניני (קוקט איהם פעסט אָן).

רחל (שטיל, לאנגזאם אויפהעבענדיג די אויגען, מיט געבעט). פאָטער!

פניני (אָטעמט שטאַרק, דעם בליק געווענדט אויף הלל'ן, דער־נאָך טראָגט ער אריבער זיין בליק אויף רחל'ן; טרערען בעווייזען זיך איהם אין די אויגען, זיין געזיכט צוקט. ער בעפרייט זיך פאמעליך פון רחל'ן, דרעהט זיך אוים, טרעט אָב עטליכע שריט. שטעהט אַ ווײלע רוהיג, די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל, טריקענט זיך די אויגען, נעמט ארוים דאָס שרייב־ברעטעל פון בוזים און שרייבט עפּעס אויף איהם. אויפשרייבענדיג דרעהט ער זיך ווידער לאַנגזאַם אום און טראָגט צו דאָס ברעטעל צו הלל'ן און רחל'ן, וועלכע האָבען נאָכגעקוקט זיינע בעווע־גונגען מיט שמערץ און טרויער).

רחל (מיט איבעראשונג). אין ארץ ישראל וועט זיין די חתונה! (וואַרפט זיך פניני'ן אויפ'ן האַלז.) אָ, פאָטער!

פניני (דריקט זי צו זיך שטאַרק צו, קוסט זי אויפ'ן שטערן).

הלל. גאָט זאָל דיך בענשען, רב מנחם!

פ נ י נ י (קוקט איהם ווידער פעסט אָן, גיט איהם די האַנד).

ה ל ל (כאַפּט זי געריהרט. קושט זי).

פ נ י נ י (מיט צוגעדעקטען געזיכט און אויגען פול טרערען, בעפרייט זיך פון הלל'ן און רחל'ן, ווענדט זיך אום און געהט צו זיין צעלט).

ה ל ל (מיט אויסגעשפרייטע אָרמס). רחל!

ר ח ל (וואַרפט זיך אין זיינע אָרמס). מיין הלל! (זיי גיסען זיך צונויף אין אַ קוש. — פּלוצלונג גרויסע בעוועגונג ליכקס, לויפעריי און געמורמעל.)

ג ע ש ר י י ע ן. אַ רייטער איילט צו אונז! אַ רייטער טרייבט צו אונז! (גאַנץ ווייט הערט זיך אַ געשריי:) פרייד! פרייד! אַ גרויסע בשורה! פרייד! פרייד!

פ נ י נ י (אין דער עפענונג פון זיין צעלט, ציטערט־אויף, מאַכט אַ פּאָר שריט צום וועג און קוקט אין דער זייט פון דעם טומעל מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע אויגען).

ה ל ל (שטיל, ווי בעטרונקען). דו הערסט, פרייד רופט מען! יאַ, פרייד! פרייד און גליק!

ר ח ל. מיין טייערער! מיין איינציגער!

ה ל ל. צום ערסטען מאָל הער איך דיין שטימע אַזוי זיס און ווייך. געליעבטע! (גיעסען זיך ווידער צונויף אין אַ קוש. — די געשרייען זיינען שוין נאָהענט.)

ר ו פ ע ן. משולם איז עס! — דאָס איז משולם! — משולם ברייננט אַ פרעהליכע בשורה!

א ב י ג ד ו ר (לויפט ארויס פון זיין צעלט און לאָזט זיך צום וועג ליכקס. רב יחיאל, שושן, בלאַנש און נאָך עולם לויפען דורך פון רעכטס. משולם אין רייטערקליידער טרעט אויף, ארומגערינגעלט פון אַ גרויסען עולם מענער, פרויען און קינדער. הלל און רחל לאָזען זיך אָב און קוקען מיט פערוואונדערטע גליקליכע אויגען אויף די אָנקומענדיגע).

מ ש ו ל ם. פרייד! פרייד! פרייד! אַ גרויסע בשורה!

הילף און רעטונג! וואו איז דער רב? וואו איז פניני? אָה, דאָ איז דע קארבעי! דאָ איז אויך רב שמואל שושן!

געשרייען. וואָס איז די בשורה? — זאָג דאָך! זאָג דאָך! — די בשורה! די בשורה!

רב יוסף (קומט פון רעכטס און שפּאַרט זיך דורך דורכ׳ן עולם). אַ גרויסע בשורה? דאָס איז געוויס וואָס פון גאָט׳ס חסדים.

פניני (גיט פּלוצלונג אַ ציה דעם אָטעם, ווי ער וואָלט עפּעס בעגריפען, רוקט זיך אָב צום בוים לעבען הלל׳ן און רחל׳ן, מען זאָל איהם נישט בעמערקען, כאַפּט אָן רחל׳ן פאר אַ האַנד און בלייבט שטעהן פול שפּאַנונג).

משולם (מאַכט אַ בעוועגונג, מען זאָל שווייגען). איהר שווייגט און הערט, ווי גרויס עס זיינען גאָט׳ס חסדים! (דער טומעל לעגט זיך.) הערט! דער קעניג פיליפּ איז געשטאָרבען און דער נייער קעניג רופט אייך אלעמען צוריק! (אן אויסברוך פון גרויסער פרייד.)

געשרייען. ווי?! — וואָס?! — אי, רבונו של עולם! (מען פאַלט אייגער דעם אַנדערן אויפ׳ן האַלז.)

פניני (ביים אָנהעב פון דער בשורה אריינרוקענדיג די האַנד אין בוזים, עטעמט שטאַרק אויף, נעמט ארויס אַ פּאַרמעט און גיט עס שנעל איבער רחל׳ן. דערנאָך ווענדט ער זיין שטרענגען בליק צום פּאַר פרייד אויסער זיך געוואָרענעם עולם און הערט אויף די אויגען צום הימעל). גאָ־ק!

רחל (איינהאַלטענדיג אן אויסגעשריי ביי דער בשורה, נעמט איבער צושטרויט דאָס פּאַרמעט, טוט זיך אָן אַ כח צו לייענען, מאַכט אָבער באַלד גרויסע אויגען, איז איבערראַשט און אָטעמט שטאַרקער און שטאַרקער).

הלל (אָבגעהענדיג עטליכע טריט אויף צו זעהן דעם עולם און דעם אָנקומענדיגען בשורה־ברייגגער, ווענדט זיך האַסטיג אום צו רחל׳ן אין אַ גרויסער פרייד ביים אויסהערען די בשורה; דערזעהענדיג פניני׳ן,

פערכאַפּט ער זיך און ווערט ערנסט; בעמערקענדיג, ווי רחל לייענט אזוי אויפגערעגט, בלייבט ער שטעהן און קוקט זי פאַרשענד אָן).

לאה (קומט ארויס פון איהר צעלט, קוקט זיך ארום, דערזעהט פניני'ן און ווענדט שוין פון איהם נישט אָב איהר בליק).

רחל (הערט אויף צו לייענען, העבט־אויף איהרע ווייט פערנאַנדערגעעפענטע אויגען אויף פניני'ן און קוקט איהם אָן גאַנץ ערשטוינט).

הלל. רחל, וואָס איז דיר? וואָס איז געשעהן?

רחל (שעפטשעט ארויס, קוקענדיג אויף פניני'ן). הלל, מיין פאָטער האָט עס געוואוסט!

הלל. ווי?!

רחל. דאָס האָט ער אין חלום געזעהן. גאָט האָט עס איהם אָנגעזאָגט! דאָ אין דער שריפט האָט ער עס.

הלל (ארייננקוקענדיג אין דער שריפט). וואונדערבאַר! (דער עולם העבט זיך אָן דערהוילע צו בערוהיגען.)

רופען. ששש! — שטיל זאָל זיין! — רוהיג! רוהיג!

אביגדור. זייט דאָך רוהיג! לאָזט הערען, ווי און וואָס! (עס ווערט גאַנץ שטיל.)

משולם. דאָס איז געוועזען מיט דריי טעג צוריק, אויפ'ן דריטען טאָג נאָך אייער אוועקגעהן פון אילירייען. דער קעניג פיליפּ איז אוועק אויף געיעג, האָט בעמערקט א הירש און געלאָזט נאָך איהם זיין פערד מיט דער גרעסטער שנעלקייט. מיט די בליקען אָנגעווענדט אויף דעם הירש, האָט ער פערזעהן, אז א גרויסע גרוב ליעגט איהם אין זיין וועג, און פערד און רייטער זיינען ארייננגעפאלען און געבליעבען ליעגען טויט.

דער עולם (שרייט־אויף). אהההה!

רב יוסף. גאָט'ס האנד.

דער עולם. גאָט'ס האנד! גאָט'ס האנד!

משולם. יא, גאָט'ס האנד! און אויך דער נייער קעניג, קעניג לואי דער צעהנטער, האָט עס איינגעזעהן און נעבטען ארויסגעשיקט שלוחים אין אלע זייטען נאָך די ארויסגעטריבענע אידען.

ער לאדט אייך איין אומצוקעהרען זיך אין אייערע שטעדט אונטער דער גרעסטער זיכערהייט און פערשפּרעכט אבצוהיטען אייך ווי דעם שווארצאפּעל פון זיין אויג. (פריידענסגעשרייען, האלזענים און לאכען. קינדער שפּרינגען ווילד ארום, מוטערס טאנצען מיט זייערע קליינע אויף די ארמס.)

פ נ י נ י (שאקעלט מיט די הענד צום הימעל).

ה ל ל (צו רחל'ן). זעהסטו די פרייד? — זיי האבען ארץ ישראל פערגעסען.

ר ח ל. איך וועל זיי דערמאנען.

ה ל ל. וואס וועסטו זיי זאגען? זיי וועלען מיט דיר נישט געהן. זיי וועלען געהן צוריק נאך איליריען.

ר ח ל. איך בין מיין פאטער'ס צונג.

ר ב י ו ס ף (צו משולם'ן). וואו זיינען דעם קעניג'ס שלוחים?

מ ש ו ל ם. זיי זיינען אונטערוועגס. זיי איילען זיך נאטיר־ליך נישט אזוי. דאך מיין גרויסע פרייד האט ווילד אנגעטריבען מיין פערד, און עס האט זיך געיאגט, ווי פליגלען וואלטען עס געטראגען. איך האב מיר קיין רוה נישט פערגינט און די גאנצע נאכט געהאלטען אין איין לויפען. איהר גיט מיר יעצט א געלעגער וואו, איך דארף נאר צומאכען די אויגען און איך פערזינק גלייך אין שלאף, גליקליך גאנץ, וואס איך בין דער ערסטער געוועזען צו ברייגנען אייך די גוטע בשורה.

ר ב י ו ס ף. און וואס וועט זיין מיט די וועלכע האבען זיך צו'שמד'ט? דו ביזט דאך אויך איינער?

מ ש ו ל ם. צו מיין גרויסער שאנד! מיר זיצען פעסט אין דער פויסט פון דער קירכע, אונזערע צרות וועלען זיך ערסט אנ־העבען. מיר מוזען בלייבען קריסטען פאר דער וועלט און בעהאל־טענערהייט אבהיטען אונזער אידישקייט. מיר זיינען שוואך גע־וועזען און די הארטע שטראף בלייבט נישט אויס. דאך, מיר זיינען אידען! מיר זיינען אידען!

ש ו ש ן. עס האט א חכם מיך אמאל בעלערנט: דריי וואו־

סערן, האָט ער געזאָגט, ווערען פערברויכט גאנץ אומזיסט און גאָר אָהן נוצען: דאָס וואסער, וואָס פאלט אין וואסער־רייבען ים אריין — דער ים האָט וואסער דאָך גענוג; דאָס וואסער, וואָס ווערט אין ווײן געגאָסען — דאָס מאכט דעם ווײן בלויז שלעכטער, און דאָס וואסער, מיט וועלכען מען טויפט אַ אידען — ער בלייבט דאָך אלץ אַ איד. (גרויס געלעכטער.)

משולם (דערלאַכענדיג). אַך, מיר וועלען עס אָבער האָבען שווער, שווערער פיעל, ווי איהר האָט ווען געהאָט. עס איז אונז שטרענג פערבאָטען, אונטער דער שטראָף פון פייער־טויט, מיט נישט־געטויפטע אידען צו פערקעהרען, און אויף יעדען שריט און טריט וועט מען אונז מיט מאָרדגעדאנקען נאָכשפּיאָנירען. גע־דיינקט, פערגראָבט אין אייך, אז איך בין דאָ ביי אייך געוועזען, ווילט איהר נישט אז די גלחים זאָלען זייער מענשענפרעסערישען הונגער מיט אַ משולם־בראָטען שטילען. די פרייד אין מיר איז געוועזען אזוי גרויס, אז איך האָב מיך פאַר דער געפאהר נישט אָבגעשטעלט און בין צו אייך געפלויגען. — יעצט אָבער פאַל איך באלד פון שלאָף. ווער פיהרט מיך אין זיין צעלט?

רב יוסף. קום מיט מיר, מיין זוהן. איך וויל נאָך ביי דיר וואָס פרעגען, ביז דו שלאָפסט איין.

משולם. וועסט דיין פראגע געווים נישט ענדיגען. (געהט מיט רב יוסף'ן נאָך רעכטס, בלייבט אָבער גלייך שטעהן און רופט־אויס צום עולם.) איך האָב אין מיין שלעפעריגקייט שיער אַ הויפּט־זאַך נישט פערגעסען. דער קעניג פערשפּרעכט אויך אַ גאנץ יאָהר אויסצוהאלטען אייך מיט קליידונג און מיט נאהרונג. (געהט אוועק. אַ ווילדע פרייד ברעכט אויס. מען שפּרינגט, מען טאנצט, מען זינגט, קוסט זיך, האַלזט זיך.)

הלל (שטיל צו רחל'ן). רחל, בעדענק...

רחל (מיט געבעט). ליעבער, האָסט פערשפּראָכען נישט צו שטערן.

ב ל א נ ש (גאַנץ שכור פון טאַנצען און דרעהען זיך, בעמערקט דעם בלינדען, גענפיהרט פון זוהן און שנור, און צושרייט זיך). בלינ־דער, דיין קבלה האָט א ליגען געזאָגט!

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר. דו זינדיג ווייבערמויל, ווי נעמסט זיך אוים צו רעדען געגען דער קבלה!

ב ל א נ ש. זי האָט א ליגען געזאָגט. א סוף יעצט צו די אידישע צרות! משיח וועט נישט קומען!

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר. ווער ביזטו, וואָס דו פרעהסט דיך דער־מיט, וואָס משיח וועט נישט קומען?

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. ווען דו וואָלסט זי געזעהן, וואָלסטו ווידער בלינד געוואָרען.

ב ל א נ ש. דו, בעטלער־איד! דו צווייפיסיגע לויז! אך! (העבט ווידער אָן צו טאַנצען.) א סוף יעצט צו די צרות!

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר. וואַרט דעם סוף נאָר אָב. ווייסט נאָך גאָט'ס וועגען נישט אויף צרות צו פערגרעסערן. ווער ווייס, וואָס דער קעניג האָט פערטראַכט? זיין פאָטער האָט אייך געשמיסען מיט ריטער, ער וועט דרעשען אייער לייב מיט עגדיסען.

ג ע ש ר י י ע ן. פערשטאָפּט איהם דאָס מויל! פערשטאָפּט איהם דאָס מויל! (מען בעפאַלט איהם. דער זוהן און די שנור פער־טיידיגען איהם.)

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר. משיח מוז קומען! משיח וועט קומען! היינט איז זיין יאָהר!

פּ נ י נ י (מיט פעסטע טריט, טרעט צו צום קנויל און שרייט־אויף). א־א־א! (גלייך ווערט שטיל, מען לאָזט אָב פון דעם בלינדען, קוקט אָן פּנינו'ן און טרעט אָב מיט אָבשוי פאר זיינע שטרענגע בליקען.)

ר ח ל (לויפט צו איהם צו, מיט ליעבע און לאַסקע). פאָטער, איך בין ביי דיר.

פּ נ י נ י (נעמט אָן איהר האַנד פעסט מיטביידע הענד און מאַכט צו די אויגען, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינטאָן אין איהר זיין גאַנצע קראַפט און אַלע זיינע געדאַנקען).

הלל. גוט. איך וועל שווייגען. דו וועסט דיין ענטפער קלאָר און דייטליך פון דעם פאָלק אליין שוין האָבען.

רחל (מיט הויכער שטימע). אידען, האָט איהר גאָר פערגעסען, וואוהין מיר געהען? (שווייגען.) האָט איהר פערגעסען, אז מיר ווארטען דאָ די שיפען אָב, וועלכע וועלען אונז אריבער־נעמען אין אונזער הייליג לאַנד? (שווייגען.) געדענקט איהר, ווען איך האָב אייך געפרעגט, צו ווילט איהר געהן נאָך ארץ ישראל, האָט איהר אלע שטורמיש אויסגעשריען: מיר ווילען! מיר ווילען!

שושן. איך נישט.

אביגדור. איך אויך נישט.

רב יחיאל. איך אויך נישט.

שטימען. איך אויך נישט! — איך אויך נישט! — איך אויך נישט!

בלאַנש. איך אַ ודאי נישט!

דער בעטלער. מיר איז עס גאנץ גלייכגילטיג געוועזען.

לוי. און ווען! מיר האָבען אלע טאקע געשריען, אָבער דאן איז איליריען געוועזען פאר אונז פערשלאָסען. אנשטאָט צו געהן אין עפּעס אַ פרעמד לאַנד, האָבען מיר איינגעשטימט צו געהן נאָך ארץ ישראל, ווייל דאָס איז אונזער אלטע היים און הייליג לאַנד. אָבער יעצט... יעצט אָבער! ווען איליריען איז אָפען!

הלל (לאַכט־אויף). אַהאַ!

רחל (שוידערט־אויף).

פּניני (עפענט אויף די אויגען און קוקט זי אָן מיט שטומער מאַכט).

שושן. אך, דאָס רוף איך צייט פערלירען. מיר האָבען שוין געקאָנט אונז פּאקען אין וועג.

אביגדור. ניין, דאָס נאָך נישט. מיר דארפען אָבווארטען דעם קעניג'ס שלוחים. מיר דארפען נאָך שטעלען געוויסע בעדינגונגען — די מוזען מיר אין רוהיגקייט בעשפּרעכען. מיר וועלען אונז נאָך לאָזען בעטען.

דער בעטלער. דער הארטנעקיגסטער וועל איך זיין. אויף די קני וועלען זיי זיך ביי מיר בעטען.

רב יחיאל. און מארגען איז דאך סיי־ווי־סיי שבת.

רחל (שטארק, ווי זי וואלט געוואלט זיך אליין איבערשרייען). אידען, איהר דארפט נישט געהן צוריק נאך איליריען!

אביגדור (לאכט־אויף). איהר דארפט נישט, איז לייכט געזאגט.

שושן. נישט אומקעהרען זיך, ווען דער קעניג לאדט אונז איין!

דער בעטלער. ווען ער וויל אונז נאך פערזארגען מיט חיונה, מיט קליידער און נאהרונג אויף א גאנץ יאהר!

בלאנש. האהאהא, האסט געהערט עפעס! (טומעל, געמיש פון שטימען, אלע רעדען.)

רחל (איבערשרייענדיג). דער נייער קעניג רופט אייך צוריק אין זיין לאנד, אבער פערגעסט נישט דאס קריסטענפאלק, וואס וויל אייך דארט נישט האבען!

אביגדור. דער קעניג איז דער האר און ער פערשפרעכט אונז זיכערהייט.

רחל. ווען דאס פאלק וועט זיך אויפהעבען געגען אייך, וואס וועט איהר האבען פון דער פערשפראכענער זיכערהייט? און דאס אילירישע פאלק האסט אייך, זוכט אייער פערניכטונג. מיט שפאטגעשרייען האבען זיי אייך ארויסבעגלייט, מיט קללות און מיט שפייעכטס, און נאר בעוואפענטע קראפט האט זיי אבגע־האלטען אונז נישט אויסצומארדען.

אביגדור. אהא! און די דאזיגע בעוואפענטע קראפט וועט אייך ווייטער זיין אויף אונזער זייט.

שושן. דאס איז דאך שטענדיג אזוי געוועזען, ליעבע טאכטער. אויך פאר דעם גירוש. און דאך האבען מיר אלע, אויך דו און דיין פאטער, געלעבט אין איליריען און פון פערלאזען זי גאר נישט געטראכט. און ווען דו, אדער דיין פאטער, אדער איהר

ביידע, אָדער איך וויים ווער וואָלטען צו אונז געקומען און מיט מלאכים־צונגען צו אונז גערעדט וועגען ארץ ישראל, מיר וואָלטען אפשר אויסגעהערט, דאָך זעלטען ווער וואָלט זיך פון אָרט גערירט.

ה ל ל (עטעמט אַרוים). דאָס איז עס!

ר ח ל (שווידערט ווידער אויף. דאָן מיט געבראָכענער, אונזי־כערער שטימע, אונטער דעם פעסטען בליק פון פניני'ן). אידען, מען האָט אין אילירינען בלוטיג אייך בעליידיגט, ווילט איהר די בעליי־דיגונג אזוי שנעל פערגעסען? וואו איז אייער שטאָלץ?

ש ו ש ן. שטאָלץ?! אך, מיר האָבען שוין לאַנג פערגעסען געגען אנדערע שטאָלץ צו זיין — מיט דעם געלען לאַפּיק דאָ!

ל ו י. שטאָלץ?! עס זיינען פאראן געפיהלען שטארקער פיעל פון שטאָלץ. ווען דיין פאָטער וואָלט דיך בעליידיגט און גלייך אויף דער בעליידיגונג חרטה געהאט, וואָלסטו דען נאָך דיין שטאָלץ געהאנדעלט און זיין שלום־האַנד נישט אָנגענומען?

מ ר י ם. שטאָלץ! און אין אילירינען וואַרט אויף מיר דער קבר פון מיין קינד.

ל ו י. שטאָלץ! ווען מיט בלוטיגע טרערען האָבען מיר אונז מיט אילירינען קוים צושיידט! שטאָלץ! ווען מיר וואָלטען דאָס לעבען אוועקגעגעבען, אום אין אילירינס ערד צו ליגען!

ה ל ל (שרייט־אויף). דאָס איז עס! דאָס איז עס! מיר זיי־נען פון אילירינען פול, אילירינען שלאָגט אין אונזער יעדעם אָטעם, און מיר זאָלען... (בלייבט פּלוצלונג שטיל און קערט אָב דאָס געזיכט.)

ר ח ל (קוקט איהם אָן מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, פול שרעק, שווער אטמענדיג).

פ נ י נ י (שטרענג). כככע! כככבע! מאָן־ן אונג־ג־ג! מאָזן אונגגגג! כככככע!

ר ח ל (וויל זיך עפּעס דערמאָנען, צו געדאַנקען קומען, פערטרייבען עפּעס פון זיך, זוכט ווערטער). אידען... אידען... ציון ווארט... ציון וואַרט אויף אייך! אייער אַלטע היים, דאָס הייליגע לאַנד, אייער מוטער!..

אביגדור. אך, וואָס! קום, שושן, רב יחיאל, קום, מיר וועלען בעטראַכטען, וואָס צו רעדען מיט דעם קעניג'ס שלוחים.
(די דריי געהען אַוועק נאָך רעכטס, מיט זיי נאָך עטליכע מענער.)

לוי. קומט אלע, מיר וועלען אָבוואַרטען דעם קעניג'ס שלוחים אויף די וועגען. (לאָזט זיך נאָך ליגקס, נאָך איהם מיט רעש דער גאַנצער עולם.)

דער בעטלער. איך געה צו מיין ארבייט. פרייטאָג איז מיין רייכסטער טאָג. (געהט אָב נאָך לינקס.)

רחל (שרייט נאָך). אידען, ציון פרעגט... (פאַלט־צו צו פניני'ן.) פאַטער, איך קאָן ניט מעהר! פאַטער, ער וועט זיך אומקעהרען צוריק נאָך אילירִיען!

פניני (אָטעמט־אויף פול שרעק). אהההה! 'ע־ע־ע' ביז־ן אידדדך 'וםםם! 'ע־ע־ע' ביז־ן אידדדך 'וםםם! (קלאַפּט זיך אויפ'ן מויל, שליעסט דאָס מויל און קלאַפּט זיך אויף די צוגעשלאָסענע ליפּען, אומוואַרפענדיג די הענד און ארויסגעבענדיג אַ פערשטיקטען לאַנג־געצויגענעם קרעכץ.)

רחל (מיט געיאָמער). נישט דאָך, פאַטער, נישט דאָך! האָב געדולד מיט מיר.

פניני. 'ע־ע־ע' ביז־ן איד־ד־ך 'וםםם! גאַ־ק! (פאַלט אויפ'ן געזיכט מיט אַ ביטערען שלוכצען.)

רחל (לאָזט זיך אַראָפּ פאַר איהם אויף די קני). פאַטער! פאַטער!

הלל (לעגט ארויף אַ האַנד אויף די אויגען און אָטעמט שווער).

לאה (וועלבע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער עפענונג פון איהר צעלט, די אויגען נישט אָבגעווענדט פון פניני'ן, געהט לאַנג־זאם צו פניני'ן). ער ליידט, ער וויינט.

(פאָרהאַנג פאַלט)

# דריטער אַקט

דער זעלבער פּלאַץ. — רחל שטעהט נאָך אויף די קני, דאָס געזיכט בעהאַלטען אין די הענד. הלל שטעהט לעבען איהר, זיין האַנד אויף איהר קאָפּ. לאה שטעהט פאר פּנינה'ס געלט, איהר בליק אויף די עפּענונג; צייטענווייס טראָגט זי איהם אריבער אויף רחל'ן: אַ פּער־וואונדערטער, רחמנות'דיגער בליק.

הלל. רחל, ווי לאַנג וועסטו אזוי נאָך שטעהן? קום דאָך צו דיר.

רחל (מיט יאָמער). פּאַטער! פּאַטער! יעצט איז ער שטום! ווי ברענט עס אין מיינע אויערן! ווי צורייסט עס מיין הארץ! איך, נישט דער קעניג, האָב איהם שטום געמאכט! איך, נישט דער קעניג, האָב די צונג איהם אויסגעשניטען!

הלל. מען האָט דיך הערען נישט געוואָלט. מען איז זיך דאָך צולאָפען. דיין פּאַטער אליין וואָלט גאָרנישט אויסגעפיהרט

רחל. ניין, ניין, איך וויים! איך האָב מיין שולדיגקייט נישט געטאָן. מיין מויל האָט וואָס גערעדט, דאָך מיין קאָפּ און הארץ זיינען אנדערסוואו געוועזען. ווי אזוי האָט מען מיך גע־זאָלט הערען, ווען איך אליין האָב מיך נישט געהערט! ווען איך אליין האָב מיך גאָר צוגעהערט צו דיר, און מיין הארץ איז אויס־געפילט געוועזען פון אַ נייער מורא: דו וועסט זיך אומקעהרען צוריק נאָך איליריען!

הלל. מיר וועלען אונז אלע אומקעהרען צוריק נאָך אילי־ריען. אויך דו און דיין פּאַטער.

רחל. מיר דארפען אונז נישט אומקעהרען נאָך איליריען! מיר מוזען געהן נאָך ציון!

הלל. האָסט געהערט, וואָס דאָס פאָלק האָט דיר געענטפערט.

רחל. ניין, איך בין נישט געוועזען איך. ווען נישט דער נייער שרעק, וואָלט איך אנדערס גאָר גערעדט.

הלל. מיט דעם זעלביגען ערפאָלג. שושן האָט עס דיר שוין געזאָגט: מלאכים־צונגען וואָלטען זיי נישט איבערגערעדט.

רחל. ווערסטו דיך אומקערהען נאָך אילירִיען?

הלל. און דו און דיין פאָטער.

רחל. דאָס איז אונמעגליך! דאָס איז אונמעגליך! מען האָט מיין פאָטער געמאכט דאָרט פאר אַ קריפּעל!

הלל. ווייסט — יעצט האָסטו מעהר קיין רעכט נישט צו רעדען צום פאָלק פאר ציון און געגען אילירִיען.

רחל (קוקט־אויף פערוואונדערט). ווי מיינסטו עס?

הלל. עס רעדט אין דיר די בעליידיגונג, וועלכע מען האָט אנגעטאָן דיין פאָטער.

רחל. דאָס איז נישט אמת! דאָס האָט מיט דעם ציון־געדאנק נישט צו טאָן: דער ציון־געדאנק איז אלט אין אונזער הויז.

הלל. ווערסטו דיך נישט אומקערהען צוריק נאָך אילירִיען?

רחל (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ). מיין פאָטער איז דאָרטין פערקריפּעלט געוואָרען.

הלל. דאָס וואָלט געקאָנט איהם טרעפען אין ארץ ישראל און אונטער אַ אידישען קעניג — וואָלסטו יעמאָלט אויך דאָס לאנד פערוואָרפען? און ווען מען וואָלט אונז נישט ארויסגעטריבען, וואָלסטו אילירִיען פרייוויליג פערלאָזען, אויפגעבראכט דורך דער בעליידיגונג? ליעבסטו ווירקליך נישט אילירִיען? קום, מיר זעצען אונז אין שאָטען פון דעם בוים און איך וועל דיר אילירִיען דערמאָנען. טייך און בארג און פעלד און וואלד וועל איך ארויפברענגען אויף דיין זכרון, אילירִיען׳ס טיעפען הימעל און אילירִיען׳ס זון און שטערען. אין אלע ערטער וועל איך דיך דורכפיהרען, וואו אונזער קינדהייט האָט געיובעלט, און ארויפברינגען וועל איך דיך אויך אויף דעם בית־עולם...

רחל (צוּוויינט זיך).

הלל. קום, קום. פערשליעס דיין הארץ נישט און לאָז מיך דיך דערוויייכען.

רחל (געבראָכען). און ווי, ווען מיין פאָטער וועט דאָך בעשטעהן אויף ציון?

הלל. אליין אהין צו געהן? דאן זאָגט ער זיך אָב פון דעם משיח־געדאנק און דו ביזט נישט מעהר זיין צונג.

רחל (פערדעקט זיך דאָס געזיכט). שרעקליך! (שטעהט אזוי א ווײלע, דערנאָך רוקט זי אראָב די הענד פון די אויגען). און ווי, ווען דער פאָטער איז דאָך משיח?

לאה (ציטערט אויף, טרייסעלט זיך און קוקט דערשראָקען אויף רחל'ען, דערנאָך אויפ'ן צעלט).

הלל. ווען דיין פאָטער איז משיח, וועט גאָט'ס ווילען גע־שעהן. אָבער צוערסט וועט גאָט אונז זיין ווילען דייטליך נענוג ענטפלעקען. גאָט האָט וואונדער נאָך גענוג.

רחל. האָסט פריער מיר געזאָגט, אז משיח אליין...

לאה (שרייט־אויף און מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און אָבוועה־רענדיגע הענד רוקט זי זיך אויף הינטען צו איהר צעלט. אָנשלאָגענדיג זיך אָן איהר צעלט, לאָזט זי זיך אראָב אויף די קני און הערט אָן צו בעוועגען מיט די ליפען).

רחל (שפרינגט־אויף מיט שרעק).

הלל (איילט־צו צו לאה'ן). וואָס איז דיר, מוטער? מוטער, וואָס האָט דיך דערשראָקען? (נעמט זי ארום, דריקט־צו איהר קאָפּ צו זיך און גלעט זי, בערוהיגט זי.)

פּניני (קומט ארויס פון זיין צעלט. קוקט זיך ארום, זוכט־אויף מיט די אויגען לאה'ן, וועלכע איז פערשטעלט פון איהם דורך הלל'ן און רחל'ן, און קוקט־אָן רחל'ן מיט טרויעריגע אויגען און קאָפּ־שאָקלען. — פּלוצלונג הערט זיך אויף ווייט לינקס אַ טומעל און אַ בעוועגונג. פּניני מאַכט אַ פּאָר שריט צום וועג).

לאה (דערזעהט איהם יעצט און שרייט ווידער אויף. הלל און רחל קוקען זיך אום אין ריכטונג פון איהר בליק).

רחל. מיין פאָטער! זעה, מיט וועלכען שרעק זי קוקט איהם אָן!

הלל. דאָס איז גאַנץ אונבעגרייפליך!

געשרייען (ליַנקס). דעם קעניג'ס שלוחים! דעם קעניג'ס שלוחים! (די געשרייען און די בעוועגונג ווערען נעהנטער און שטאַר־קער.)

הלל (ציטערט־אויף, כאַפּט אָן רחל'ן). וואָס איז דער געשריי? הער איך דייטליך? דעם קעניג'ס שלוחים!

רחל. יעצט — יעצט וועט עפּעס מוזען געשעהן.

פּניני (געהט ארויף אויפ'ן פעלזען, שטעלט זיך הינטער'ן בוים און קוקט אראָב נאָך לינקס. באלד קעהרט ער זיך אום מיט'ן געזיכט צום ים און בלייבט אַזוי שטעהן ווי פערגליווערט. — אביגדור, שושן, רב יחיאל און נאָך עטליכע מענער לויפען דורך פון רעכטס נאָך לינקס. זיי ווערען אָבגעשטעלט פון דעם אַגלויפענדיגען עולם).

געשרייען. דעם קעניג'ס שלוחים! דעם קעניג'ס שלוחים!

לוי. איך האָב זיי גלייך דערזעהן, ווי זיי זיינען ארויסגערי־טען פון צווישען די בערג.

אביגדור. ששש! צוגעהט אייך אין אייערע צעלטען, צוזעצט אייך, ווער עס וויל, ביים ברעג ים און קוקט אייך גאָרנישט אום.

שושן. איך זעה נישט איין, צו וואָס.

אביגדור. זיי דארפען דאָך נישט וויסען, אז מיר האָבען זיי דאָ אָבגעוואַרט, אז מיר ווייסען עפּעס.

שושן. זיי וועלען עס אויך נישט וויסען. מאַלע וואָס מיר שטעהען דאָ. מיר דאַוונען.

אביגדור. איז גוט. איז בלייבט דאָ שטעהן. נאָר איין זאַך נישט פערגעסט: נעמט־אויף זייער בשורה אזוי קאַלט נאָר ווי מעגליך. קיין פריידגעשריי. קיין יובלען.

לוי. וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

א ב י ג ד ו ר. דאָס איז פעלקער־פּאָליטיק.

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. דו שטופּ מיך כלומרסט און איך וויל נישט. עס איז, ווי מען וואָלט מיך צו אַ רייכער מאָלצייט איינגעלאַדען, און איך וואָלט מיך איינגעשפּאַרט מיטביידע פיס... (אַ טרומייטער לינקס. דער עולם לאָזט זיך אַהינצו לויפען.)

א ב י ג ד ו ר. לויפט נישט! לויפט נישט!

ש ו ש ן. אז מען טרומייטערט? יעצט דאַ שטעהן בלייבען, וואָלט געהייסען אָן אָבגעמאַכטע זאַך.

א ב י ג ד ו ר (פּיהרט פּערנאַנדער מיט די הענד). טע!

ד ע ר ב ע ט ל ע ר (דריקט מיט די אַקסלען). טע!

ר ב י ו ס ף (קומט אַרויס פון רעכטס). ווער טרומייטערט עס? משולם שלאָפט און איך בין גראָד פּערטאָן אין אַ גרויסער שאלה ותשובה...

א ב י ג ד ו ר. דעם קעניג'ס שלוחים קומען.

ר ב י ו ס ף. קאָן איך ווייטער געהן צו מיין ענין. וואָס זיינען זיי מיר? איך געה נאָך אילירייען נישט צוריק. קריסט בלייבט קריסט און איד בלייבט איד, און שטענדיג וועלען זיי אונז פּערפאָלגען.

א ב י ג ד ו ר (אומגעדולדיג). איך קען שוין דיינע געדאַנקען.

ר ב י ו ס ף. אַ שאָד, וואָס זיי זיינען אויך נישט דיינע. יאָ, איך געה צוריק צו מיין ענין. איך פרעה מיך שוין, וואָס איך וועל קומען אין אָן אָרט, וואו איך וועל ווידער קאָנען האָבען אַ גמרא. אָך, וואָס פאַר אַ ליכט וועט אויפגעהן מיר אין די אויגען. איך דאַרף יעצט זעהר נויטיג צו מיין ענין די מסכתא „עבודה זרה". עס האַנדעלט זיך וועגען אַ כהן, וועלכער האָט זיך גע'שמד'ט און איז ווידער געוואָרען אַ איד — אַ גרויסער ענין. (געהט צוריק אַוועק נאָך רעכטס. — דער עולם העבט־אָן ווידער אַרויפצושיטען אויפ'ן פּלאַץ. גראַף געסקלען טרעט אויף. הינטער איהם אַ טראָמפּייטער. דער גראַף האַלט אַ צונויפגעוויקעלטע שריפט. דער טראָמפּייטער האַלט אין דער רעכטער האַנד די טראָמפּייט און אין דער לינקער אַ צונויפגעוויקעלטע

שריפט. ער שטעהט עטליכע שריט הינטער דעם גראף און זעהט־צו, אַז די אידען זאָלען נישט צוטרעטען צו נאָהענט צו זיין הערר. דער עולם שטעלט זיך אויס אין האלב־קרייז. אביגדור, שושן און רב יחיאל שטעהען גאַנץ הינטען. הלל און רחל שטעהען לעבען אביגדור׳ס צעלט, אויפגערעגט, צושטרויט. לאה גנב׳עט זיך אַוועק אַרום דעם עולם צום פעלזען און בלייבט שטעהן נישט ווייט פון פּניני׳ן.)

הלל (קוקט נאָך לאה׳ן). אונבעגרייפליך!

דער טראָמפּייטער (שטעלט־צו די טראָמפּייט צום מויל און בלאָזט דריי מאָל).

גראף געסקלען (ווען דער טראָמפּייטענקלאַנג איז צום לעצטען מאָל פערקלונגען). אידען־פאָלק, איך קום צו אייך מיט אַ גרויסער בשורה.

דער בעטלער (זיפצט אָב). יא, יא.

שטימען. ששש!

געסקלען. קעניג פיליפּ איז געשטאָרבען... (בלייבט שטעהן. צו זעהן וואָס פאר אן איינדרוק זיין בשורה האָט געמאַכט. דער עולם שטעהט רוהיג, קיין טאָן, קיין בעוועגונג.) איז פּעראונגליקט געוואָרען אויף א געיעג און איז געשטאָרבען... (בלייבט ווידער שטעהן.)

דער בעטלער. ברוך דין האמת!

בלאנש (ברעכט אויס אין אַ געוויין). דער שיינער קעניג!

אַ גרופּע קינדער (העבט־אָן צו זינגען און צו טאַנצען אין אַ ראָד) ליא־ליא־ליא־ליא! (מען וואַרפט זיך אויף זיי אַרויף און שטעלט אָב זייער טאַנץ.)

געסקלען (מיט אַ שמייכעל). קינדער קאָנען נישט צבועציען. טאנצט, קינדער, און נעמט אייערע עלטערן מיט אין אייער טאנץ. איהר האָט נישט וואָס צו וויינען אויף קעניג פיליפּ׳ס טויט, און טאנצט נאָך מעהר, וואָס זיין זוהן, דער עדעלער קרוינפּרינץ לואי, איז יעצט געוואָרען קעניג.

די קינדער (טאַנצען וויעדער). ליא־ליא־ליא־ליא! דער קעניג רופט צוריק אונז נאָך איליריען!

שטימען. ששש!...

געסקלען. ווי? די קינדער וויסען עס? זיי האָבען מיר פערשפּאָרט די טרחה אייך עס אָנצוזאָגען. יא, דער קעניג לואי רופט צוריק אייך נאָך איליריען.

די קינדער (טאַנצען וויעדער). ליא־ליא־ליא־ליא! דער קעניג רופט צוריק אונז נאָך איליריען!

דער עולם (בלייבט רוהיג, קיין טאָן, קיין בעוועגונג).

געסקלען. ווי? איהר שווייגט? איהר זייט נישט ווילד דערפרעהט? איהר בלייבט גאַנץ רוהיג און טוט נישט נאָך די קינדער? איהר גלויבט פיעלייכט מיר נישט? דאָ האָב איך דעם קעניג׳ס שריפט צו אייך, אונטערגעשריבען מיט זיין נאָמען און אָבגעשטעמפּעלט מיט זיין רינג. (מאַכט אַ צייכען צום טראָמפּייטער.)

דער טראָמפּייטער (בלאָזט דאָס סיגנאַל דריי מאָל).

געסקלען (וואָרט־אָב, ווי פריהער, און הערבט־אָן צו לייענען מיט אַ געהעכערטער שטימע). „איך, לואי דער צעהנטער, מיט גאָט׳ס חסד קעניג פון איליריען, צו אייך מיינע אידישע אונטערטאַנען. עס איז געוועזען גאָט׳ס ווילען אָבצורופען צו זיך מיין טייערן פאָטער, קעניג פיליפּ דעם פיערטען, און מיך ארויפצוזעצען אויף זיין טראָן. און וויל איך בין קיינמאָל נישט איינשטימיג געוועזען מיט מיין גאָטזעליגען פאָטער׳ס גזרה אויף אייך, איהר זאָלט ארויסגעטריבען ווערען פון אונזער געליעבטער איליריען׳ס גרענצען, בעאייל איך מיך, ווי נאָר גאָט האָט איבערגעגעבען די מלוכה־מאַכט אין מיינע הענד, די דאָזיגע פאר אייך זעהר שווערע און טרויעריגע גזרה צוריקצורופען.“ (בלייבט שטעהן און קוקט זיך אַרום.)

דער עולם (שטעהט רוהיג, ווי פערשטיינערט).

געסקלען (צוקט מיט די אַקסלען און לייענט ווייטער, ווי צעהלענדיג די ווערטער). „איהר זייט מיר געווינשטע אונטערטאַנען, און אָפען שטעהען פאר אייך איליריען׳ס טויערן. מיט אַלע פּריווי־

לעגיען, וועלכע איהר האָט פון פריהער אָן געהאַט..." (פריידגעמור־מעל צווישען עולם.)

בלאנש. דער גוטער קעניג!

דער בעטלער. ווי די פּריווילעגיע, צום ביישפּיעל, צו טראָגען א געלען לאַפּיק.

געסקלען (זוכט איהם אויף מיט די אויגען).

שטימען. ששששש... שא!

געסקלען (לייענט ווייטער). „מיט אלע פּריווילעגיען, וועל־כע איהר האָט פון פריהער אָן געהאַט..."

דער בעטלער. איך האָב שוין געהערט.

שטימען. ששששש... די העזה!

געסקלען. „איהר וועט מיר אייער שבועה געבען, און איך וויים, איך וועל אין אייך האָבען טרייע אונטערטאַנען. פון מיין זייט האָט איהר מיין קעניגליך וואָרט, אז איך וועל אייך און אייע־רע קינדער און אייער האָב און גאָב געבען מיין קעניגליכע בעשי־צונג, כל זמן גאָט וועט מיך וועלען פאר א קעניג איבער מיין לאַנד. צום בעוויז פון מיין גענייגטקייט צו אייך זאָל אייך דיענען דאָס, וואָס איך האָב גלייך בעשטראָפט די הערען, וועלכע האָבען פער־פיהרט מיין גאָטזעליגען פאָטער מיט זייער שלעכטען ראַט וועגען אייך, און האָב געמאכט פאָרבערייטונגען אויסצוהאַלטען די פון אייך, וועלכע האָבען אם שטארקסטען געליטען פון דער גזרה, א גאַנץ יאָהר מיט נאָהרונג און מיט קליידונג. אונטערגעשריעבען מיט דער אייגענער האַנד און בעזיעגעלט מיט דעם קעניגליכען זיעגעל." (פּאַטעטיש.) „לואי דער צעהנטער, קעניג פון אילירין." (קוקט זיך אַרום.)

דער עולם (שטעהט רוהיג).

געסקלען (שוין גאַנץ פערוואונדערט). ווי? איהר שטעהט שטום? קיין פריידגעשריי, קיין אויסרוף, קיין שמחה אויף די גע־זיכטער? — וואו זיינען אייערע פאָרשטעהער? וואו איז דער עדעלער פּניני? דער אונגליקליכער ליעגט קראַנק פיעלייכט? —

וואו איז דער רב? (אביגדור, שושן און רב יחיאל שטופּען זיך דורך פון הינטען.) אך, דאָ קומט הערר דע קאָרבעי. זיי מיר געגריסט!

א ב י ג ד ו ר (פערבויגט זיך). זיי אונז געגריסט, עדעלער גראף געסקלען!

ג ע ס ק ל ע ן. קאָנסטו מיר נישט ערקלערען, פאר וואָס זייט איהר אלע ווי פערגליווערט? פרעהט אייך נישט דעם קעניג'ס חסד? פרעהט אייך נישט דאָס אומקערען זיך נאָך אילירען? אָדער גלויבט איהר מיר נאָך אלץ נישט? דאָ האָסטו די שריפט, לייענט זי אליין און פערגעוויסערט אייך. (גיט־איבער אביגדור'ן די שריפט.)

א ב י ג ד ו ר (נעמט זי איבער מיט א פערבויגונג). מיר זיינען אָנגעשראָקען, עדעלער גראף.

ג ע ס ק ל ע ן. יא, יא, דאָס קאָן איך גוט פערשטעהן. דאָך —

א ב י ג ד ו ר. און מיר האָבען צו איבערלעגען.

ג ע ס ק ל ע ן. צו איבערלעגען? האָט איהר א נייע היים שוין געפונען?

א ב י ג ד ו ר. מיר האָבען אונזער אלטע היים ניי ענטדעקט.

ר ח ל (שטיל). הלל, הערסט?

ה ל ל. פעלקער־פּאָליטיק, נישט מעהר.

ג ע ס ק ל ע ן (איינקוקענדיג זיך אין אביגדור'ן, וועלענדיג פערשטעהן). דאָס פערשטעה איך נישט.

א ב י ג ד ו ר. נישט שטענדיג זיינען מיר געזעסען אין פרעמדע לענדער, עדעלער גראף, נישט שטענדיג זיינען מיר געווען אין גלות. אמאָל האָט ישראל געהאט זיין אייגען לאנד.

ג ע ס ק ל ע ן. איז אילירען פאר אייך א פרעמד לאנד?

א ב י ג ד ו ר. מען האָט אונז פון אילירען ווי פרעמדע ארויסגעטריבען.

ג ע ס ק ל ע ן. דאָס האָט מען אייך אויך פון אייער אלטען לאנד.

א ב י ג ד ו ר. דאמאָלס זיינען מיר בעזיעגט געוואָרען, אצינד

זיינען מיר פשוט ווי הינד מיט א פוסטריט ארויסגעשמיסען געוואָרען.

רחל (ווי פריהער). דאָס איז דאָך אמת, הלל!

הלל. און דאָך!

געסקלען. יא, עס איז אן עולה אייך געשעהן. דער קעניג אָבער וויל די עולה יעצט פעררריכטען. ווי ווייט ער וויל עס, קאָנט איהר נאָך זעהן דערפון, וואָס ער האָט ארויסגעשיקט נאָך אייך פערד און פוהרען.

פריידיגע שטימען. פערד און פוהרען?!

געסקלען. יא, פערד און פוהרען, איהר זאָלט דעם וועג צוריק אהיים לייכטער האָבען. (גרויסע בעוועגונג, פריידגעשרייען — דער עולם האָט זיין ראָלע פערגעסען. די קינדער טאַנצען און די גרויסע טאַנצען מיט זיי מיט.)

הלל (צו רחל'ן). זעהסטו?

געסקלען. נא, ענדליך. די גוטע פערד און וואָגען האָבען איבער אלע איבערלעגעכטסען אריבערגעפיהרט. ווילט איהר ווייטער נאָך איבערלעגען?

דער בעטלער (צו אביגדור'ן). פוהר און פערד און פעלקער־פאָליטיק!

אביגדור. די שטימע פון פאָלק איז גאָט'ס שטימע. געבענשט זאָל זיין גאָט און אונזער גוטער קעניג פון היינט אָן און אייביג! (די פרייד פערגרעסערט זיך.) דאָך מיר ווילען — (ער, שושן, רב יחיאל, געסקלען און נאָך עטליכע מענער טרעטען אָב א ביסעל אָן א זייט נאָך לינקס און רעדען פלייסיג.)

פניני (קוקט אָן דעם טאַנצענדיגען, רוישענדיגען עולם, דאן ווענדט ער זיין בליק אויף רחל'ן און העבט אָן אראָבצוגעהן פון פעלזען).

רחל (צו הלל'ן). מיין פאָטער האָט וואָס פאָר! ער קוקט צו מיר! הלל!

הלל. ווארט אָב. זאָל ער דיר וויסען לאָזען, וואָס ער וויל.

דאָך דו זעהסט דעם עולם — ווערטער וועלען גאַרנישט העלפען, וואונדער מוזען דאָ געשעהן.

פ נ י נ י (איז אראָב פון פעליזען. דער עולם בעמערקט איהם. עס ווערט פלוצלונג שטיל. מען קוקט זיך אויף איהם אום און טרעט פאַר איהם אָב מיט אבשיי. ער געהט לאנגזאַם, פייערליך, זיין בליק געווענדעט אויף רחל'ען).

ל א ה (בעוויזט זיך אונטען ביים פעליזען הינטער פניני'ן).

ג ע ס ק ל ע ן. דאָס איז דאָך דער ערעלער פניני. — וועה, ווי אונקענטיג מען האָט איהם געמאכט! (געהט איהם ענטקעגען.) אָרמער, אונגליקליכער פריינד, זיי מיר געגריסט! (שטרעקט אויס צו איהם די האנד.)

פ נ י נ י (קוקט זיך אויף איהם ניט אום און געהט ווייטער).

ג ע ס ק ל ע ן (קוקט זיך אום, זוכט ערקלערונג). ווי? וואָס זאָל דאָס בעדייטען? — דאָ, העדר מנחם פניני, האָב איך פאַר דיר א גנאָדשריפט פון דעם קעניג. (נעמט ביים טראָמפייטער די שריפט.)

ד ע ר ב ע ט ל ע ר. איך וואַרט נאָך אויף דער שריפט צו מיר.

ש ט י מ ע ן. שטיל! מאכט דאָס מויל איהם צו!

ג ע ס ק ל ע ן (אויסשטרעקענדיג די שריפט צו פניני'ן). ער קאָן דיר די צונג נישט אומקעהרען צוריק, ער קאָן נישט די שמערצען דיר אלס נישט געוועזען מאכען, אָבער...

פ נ י נ י (קוקט איהם פרעמד אָן, נעמט די שריפט, צוקנויטשט זי, וואַרפט זי אראָב אויף דער ערד און געהט ווייטער. גרויסע בעוועגונג).

ש ט י מ ע ן. אָהההה, די שריפט! דעם קעניג'ס שריפט!

ג ע ס ק ל ע ן. דעם קעניג'ס שריפט! — דו ביזט קראַנק, דאָס וועט זיין דיין ענטשולדיגונג. דאָך איך האָב מיין שליחות ערפילט, יעצט קאָן איך רייטען צוריק. זייט אלע געגריסט. (ווינקט דעם טראָמפייטער און ביידע געהען אָב נאָך לינקס.)

א ב י ג ד ו ר (הינטער איהם). די טאַט פון א פיעל געפייניג־טען און געפלאָגטען מאַן דאַרף אויף אונז נישט פאַלען. (גרויסע

בעוועגונג. וועהגעשרייען. האנדברעכעניס. אלע לויפען אוועק נאָך געסקלענ׳ען.)

פ נ י נ י (טרעט־צו צו רחל׳ען און קוקט זי אָן שטום און אייג־דרינגליך).

ר ח ל (גאנץ פערלאָרען). וואָס — זאָל — איך, פאָטער ?

פ נ י נ י. ב־ב־בע !

ר ח ל (מיט פערצווייפלונג). איך ווייס נישט וואָס צו רעדען ! מיין הארץ איז שווער, מיין קאָפּ צוטומעלט — פאָטער, זיי וועלען אלע אומקעהרען זיך צוריק נאָך איליריען.

פ נ י נ י (בעוועגט מיט׳ן קאָפּ אין הלל׳ס זייט). עבבב !

ר ח ל (שטיל, פערשעמט). ווערטער וועלען גאָרנישט העלפען, וואונדער מוזען דאָ געשעהן !

פ נ י נ י (נעמט ארויס פון מאנטעל־טאשע א שריפט און גיט עס איהר).

ר ח ל (נעמט די שריפט מיט ציטערדיגע הענד און קוקט אַריין). דיינע חלומות זאָל איך — דיינע זעהונגען זיי דערצעהלען ? וועלען זיי דען מיר גלויבען ?

פ נ י נ י (שטרענג, אַרויסרייסענדיג ביי איהר די שריפט). מיבבבב ני גגויבען ? ! (אביגדור מיט׳ן גאנצען עולם קומען אָן צוריק.)

א ב י ג ד ו ר (מיט כעס צו פניני׳ן). ווי האָסטו דאָס געטאָן ? וו לסט דעם קעניג׳ס כעס ארויפציהען אויף אונז ?

פ נ י נ י (נעמט נישט אַוועק זיין שטרענגען בליק פון רחל׳ען).

ש ו ש ן. א קעניג׳ס וואָרט בעליידיגען, דאָס טאָר מען אפילו נישט על פי תורה.

ר ב י ח י א ל. און פאר דעם גראף נאָך אין די אויגען !

ש ט י מ ע ן. אוי ! אוי ! אוי ! — אַ ! אַ ! אַ !

א ב י ג ד ו ר. פול כעס איז ער אוועק, גאנץ אויפגערעגט און בייז.

ש ט י מ ע ן. אוי וועה ! אוי וועה !

א ב י ג ד ו ר. ווילסט צווינגען אונז נאָך דיר צו געהן ?

פ נ י נ י (בעיאַחט מיט א שטאַרקען שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און אַ שטאַרקען אויסגעשריי). אָ!

א ב י ג ד ו ר (צאָרניג). ווי? ווילסט צווינגען אונז? ווי נעמסטו דיך דאָס אוים? ביזטו פון גאָט געשטעלט?

פ נ י נ י (ווי פריהער). אָ!

א ב י ג ד ו ר. וואָס? ווי דערוועגסטו דיך? ווילסט זאָגען, ביזט משיח?

פ נ י נ י (שטרעקט אוים די שריפט מיט אַ לאַנגזאמער, פעסטער האַנד־בעוועגונג צו אביגדור׳ן).

ל א ה (שרייט אויף). ער איז משיח! (עטליכע פרויען שרייען דערשראָקען אויף.)

פ נ י נ י (שוידערט אויף, מאַכט אַ שריט נאָך פאָרנט און הערט אויף די אויגען צום הימעל). גאָ־אָק!

א ב י ג ד ו ר (בלייבט גאַנץ פערשטאַרט מיט אַן אָפענעם מויל).

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר (שרייט דערשראָקען). וועֶר רעדט דאָס? ווער האָט עס אויסגערופען?

ר ח ל (אַנבאַפּעגדיג זיך מיטביידע הענד פאר הלל׳ס אָרם). אַ וואונדער, הלל, אַ וואונדער!

ל א ה (שטאַרקער). ער איז משיח! (מען הערט אַן אָבצוטרעטען פון פּנינ׳ן. אַ געוויין פון פרויען און קינדער.)

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר (ווי פריהער). דורך וועמען לאָזט עס גאָט אונז וויסען?

ש ט י מ ע ן א ר ו ם א י ה ם. די משוגענע! די מרה שחורה!

ר ח ל (שרייט גאַנץ פערשטערט). גאָט רעדט דורך דעם פער־שטערטען גייסט!

ה ל ל (ווי פאר זיך). אַ וואונדער! אַ וואונדער!

ל א ה. ער איז משיח!

ד ע ר ב ל י נ ד ע ר (אין עקסטאַזע). וועֶר גיט מיר מיינע אויגען צוריק? איך וויל איהם זעהן! גרויסער גאָט, איך וויל דיין

משיח זעהן! מיינע אויגען וויל איך האָבען! מיינע אויגען גיב מיר צוריק! (לאָזט זיך אַראָב אויף די קני. דער עולם, אויף איהם קוקענדיג, הערבט זיך אָן לאַנגזאם אראָבצולאָזען אויף די קני.)

בלאנש (פאלט אין היסטעריע און רייסט אויף זיך די האָר און קלאַפּט זיך אין האַרצען).

דער בעטלער (שטעהט מיט אונטערגעבויגענע קני. אביגדור, שושן און רבי יחיאל שטעהען לינקס, רחל און הלל רעכטס, לאות הינטען).

פניני (הערבט אויף די הענד, אַרויסגעבענדיג פון זיך טענער, געמישט פון פרייד און געוויין).

רחל (אויפגערעגט, פערשטערט). דורך דעם פערשטערטען גייסט זאָגט אונז גאָט עס אָן! משיח שטעהט דאָ פאר אייך! פאָלגט איהם! אידען, הערט! ווען דער פאָטער איז אין קערקער־קעלער געלעגען, האָט ער א זעהונג געהאט. ווען ער איז געלעגען און געוואַרט אויף'ן טויט, האָט ער א קול דערהערט. דאָס איז געוועזען גאָט'ס קול. גאָט האָט זיך צו איהם ענטפּלעקט, צו זיין אויסגעוועהלטען. און ער האָט איהם אָנגעזאָגט... (האַקט זיך פּלוצ־לונג אָב און בלייבט שטעהן ווי פערשטאַרט. די אויגען אַנגעווענדט אויף לאה'ן. מען קוקט זי אָן פערוואונדערט, דאן ווענדט מען די בליקען אין דער זייט פון איהרע בליקען.)

פניני (קוקט זי אָן פערוואונדערט, לאָזט אַראָב די הענד און קוקט זיך אויך אום).

לאה (מיט דעם פייער פון משוגעת אין איהרע אויגען, הערבט אָן ארומצוגעהן פון איינעם צום אַנדערען, שעפּטשענדיג). משיח, משיח, משיח... (בלייבט שטעהן איבער'ן בלינדען.) דו ביזט משיח! דו ביזט משיח! הא־הא־הא... דו ביזט משיח! דו ביזט משיח!

דער בלינדער. ווער מאכט לצנות דאָ?

לאה. הא־הא־הא... (צום בעטלער.) דו ביזט משיח! דו ביזט משיח!

דער בעטלער. איך שוין גאָר?

לאה. דו, דו, דו... (דער עולם העבט אָן אויפצושטעהן פון די קני.)

דער בעטלער. און ווער נאָך? (אָנצייגענדיג אויף בלאַנש'ן.) זי אפשר אויך?

לאה. זי, זי, זי... זי איז משיח! זי איז משיח! (אַ געלעכטער שיסט אויס.)

לאה. האַ־האַ־האַ... (העבט אָן צו טאַנצען אין קרייז.) משיח! משיח! משיח!

פניני (ווענדט זיין בליק אויף רחל'ן).

רחל (אָבטרעטענדיג צו הלל'ן און אַרויפלעגענדיג אויף איהם איהר קאָפּ, דערשלאָגען). דאָס וואונדער איז פערשוואונדען. מען לאַכט. איך וועל נישט רעדען מעהר.

פניני (כאַפּט זיך פאַר'ן האַלז, ווי עס וואָלט איהם געשטיקט, גיט אַרויס אַ פּאָר פערצווייפלונגס־טענער, און פּלוצלונג, מיט'ן געשריי „גאָ־ק!" לאָזט ער זיך צום פענצטער, לויפט אויף איהם אַרויף און שפּרינגט אריין אין ים).

רחל (מיט פערצווייפלונג, מאַכענדיג אַ פּאָר שריט). פאָטער! (פאַלט אין הלל'ס אָרעמס.)

דער עולם (קוקט מיט שרעק אין פניני'ס זייט).

לאה (טאַנצט אין קרייז). משיח! משיח! משיח!

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

# בעמערקונגען

## די פּערזאָנען. די מעשה. דאָס לאַנד.

אַלע פּערזאָנען פון מיין דראַמע זיינען אויסגעטראַכטע — קינדער פון מיין פאַנטאַזיע, ווי אויך די גאַנצע מ ע ש ה מיט דעם שטומען משיח.

אָבער אונטער דער „צייט פון א גרויסען גירוש" איז געמיינט די ארויסטרייבונג פון אַלע אידען פון פראַנקרייך אין יאָהר 1306 אונטער דעם קעניג פיליפּ דעם פיערטען, וועלכער האָט אויך געהייסען פיליפּ דער שיינער. נאָר ווייל די מעשה איז זיך אין פראַנקרייך נישט פערלאָפען, און די פּערזאָנען האָבען אין פראַנקרייך קיינמאָל נישט געלעבט, האָב איך מיר אויסגעקליבען דאָס לאַנד אילירען, וואוהין א סך דיכטער פאַר מיר האָבען שוין פערזעצט די קינדער פון זייערע פאַנטאַזיען.

## די ארויסטרייבונג און דער אומקעהר אין דער געשיכטע

I.

פּראָפ. גרעץ אין 8טען קאַפּיטעל פון דעם זיעבענטען באַנד פון זיין „געשיכטע דער יודען":

„פיליפּ דער פיערטער, דער שיינער, דער דאַמאַלסדיגער קעניג פון פראַנקרייך... האָט פּלוצלונג ארויסגעגעבען א געהיימען בעפעהל (21 יוני 1306) צו זיינע העכערע און קלענערע בעאַמטע אין דער גאַנצער מלוכה מיט דעם אָנזאָג פון דער שטרענגסטער פערשוויגענהייט צו ארעסטירען אַלע אידען פון פראַנקרייך אין איין און

דעמזעלבען טאָג אונגעוואָרנט און נישט־פאָרבערייט. ווען די אידען זיינען קוים געקומען צו זיך פון דעם תשעה באָב'דיגען תענית און געוואָלט זיך נעמען צו זייערע געשעפטען, זיינען געקומען די פּאָליציילייט און האָבען זיי ארעסטירט און אוועקגעשלעפּט אין די קערקער יונג און אלט, פרויען און קינדער (10 אָב, 22 יולי). דאָרטען האָט מען זיי מודיע געוועזען, אז אין א חודש צייט מוזען זיי פערלאָזען דאָס לאַנד, איבערלאָזענדיג זייער פערמעגען און זייערע חובות. ווער פון זיי וועט געפונען ווערען שפּעטער אין פראנקרייך, וועט געטויט ווערען... דורך דאָס פערמעגען פון די אידען האָט פיליפּ געוואָלט ווידער אָנפילען זיין קאסע.

...אז ער האָט געמיינט בלויז דאָס אידישע געלד, האָט ער בעוויזען דורך זיין אונברחמנות'דיג בעראבעווען זיי. די בעאמטע האָבען איבערגעלאָזען די אונגליקליכע נישט מעהר ווי די קליידער, וועלכע זיי האָבען אויף זיך געטראָגען, און יעדעם, ווי רייך ער איז פריהער נישט געוועזען, נישט מעהר ווי אויף איין טאָג עסען. גאנצע וועגען פול מיט אידישער האָב: גאָלד, זילבער, עדעלשטיינער זיינען געבראכט געוואָרען דעם קעניג; דאָס ווענינער ווערטפולע איז פערקויפט געוואָרען פאר א שפּאָטפּרייז.

...די פערטריעבענע האָבען זיך צושטרויט איבער דער גאנצער וועלט; מאנכע האָבען געוואנדערט ביז נאָך פּאַלעסטינע, דער גרעסטער טייל אָבער האָט זיך געהאַלטען אזוי פיעל ווי מעגליך נאָהנט ביי דער פראנצויזישער גרעניץ... זיי האָבען געוואָלט אָבווארטען א גינסטיגע ווענדונג, וועלכע זאָל מאכען א סוף צו זייער פערטרייבונג און ערלויבען זיי אומקעהרען זיך צוריק."

„...לודוויג דער צעהנטער האָט זיי צוריקגערופען ניין יאָהר נאָך זייער ארויסטרייבונג. דיעזעם קעניג איז איינגעפאלען מבטל צו זיין דעם בעפעהל פון זיין פאָטער און זיינע בעלי־יועצים צו פערקלאָגען און, געבעטען פון פאָלק און די עדעללייט, וועלכע האָבען נישט געקאָנט אויסקומען אָהן די אידען, האָט ער פערפיהרט מיט זיי אונטערהאנדלונגען וועגען זייער אומקעהר. אָבער אזוי אָהן

גאָרנישט זיינען די אידען אויף דארויף נישט איינגעגאנגען, ווייל זיי האָבען געקאָנט די אונבעשטענדיגקייט פון די פראנצויזישע קעניגען און דעם פאנאטישען האס פון דער גייסטליכקייט געגען זיי. זיי האָבען זיך דערפאר אין אָנפאנג געלאָזט בעטען און געשטעלט בעדינגונגען."

II.

דאָס בוך „שבט יהודה" (קאַפּ. 21 און 24).

„אין דעם יאָהר 5046 לבריאת העולם איז געקומען א מלך אכזר אויפ'ן טחראָן, וועלכער האָט געהייסען פיליפ, זוהן פון פיליפ. ער האָט ארויסגעטריבען אלע אידען פון זיין מלוכה, בעהאנדעלט זיי זעהר גרויזאם און אוועקגענומען ביי זיי זילבער און גאָלד, זייערע בעוועגליכע און נישט־בעוועגליכע גיטער. אזוי אז זיי זיינען ארויסגעיאָגט געוואָרען הייל און נאקעט, בערויבט פון זייער גאנצער האָב..."

„אין דעם יאָהר, וואָס איז בגמטריה „כלה", איז דער קעניג פיליפ, וועלכער האָט זיי פערטריבען, אוועק אויף געיעג און האָט דאָרטין בעמערקט א הירש לויפען, וועלכען ער האָט אויף זיין פערד נאָכגעיאָגט מיט גרויסער שנעלקייט. דאָרטין איז אָבער געוועזען א גרויסע גרוב, אין וועלכער ער איז ארייגעפאלען צוזאמען מיט זיין פערד; דערביי האָט ער זיך צובראָכען דעם קאָרק און איז געשטאָרבען, און אלע האָבען געוואוסט, אז זיין אכזריות געגען די אידען האָט איהם דעם טויט פעראורזאכט... נאָך יענעם גרויזאמען קעניג איז געקומען זיין זוהן, וועלכער איז געוועזען א מילדער קעניג און האָט געליעבט רעכט און גערעכטיגקייט. ווען ער האָט געזעהן, וואָס עס האָט געטראָפען מיט זיין פאָטער, האָט ער געשיקט א שליח צו די אידען מיט דער איינלאַדונג, אז אויב זיי ווילען, זאָלען זיי זיך אומקעהרען אין זייערע שטעדט אונטער דער גרעסטער זיכערהייט; ער וועט זיי בעשיצען ווי זיין שווארצאפּעל פון אויג... דאָך ווען אפילו דער קעניג גאַווירט זיכערהייט, ווי

קאָן מען זיכער זיין, ווען דאָס פאָלק וועט זיך אויפהעבען געגען אונז? האָבען אנדערע גע׳טענה׳ט... נאָך א קורצער צייט אָבער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק, זאָגענדיג: מילא, לאָמיר זיך אומקעהרען אין דאָס לאנד, וואו מיר זיינען געבאָרען געוואָרען, וואָרום דאָס איז אונזער מוטער, און דער קעניג איז א גוטער און גערעכטער הערשער, און וואָס ער פערשפּרעכט האלט ער, און אזוי האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צוריק נאָך יענע פּראָווינצען. אויפ׳ן וועג אָבער זיינען זיי בעפאלען געוואָרען פון וואנדערער און אויסגערויבט געוואָרען... דאָ האָט דער קעניג בעפאָהלען די אידען אויסצוהאלטען א גאנץ יאָהר מיט קליידונג און נאהרונג...“

## אַ פּאָר היסטאָרישע איינצעלהייטען

(גרעץ, דער גירוש פון שפּאַניען, 8טער באַנד, 13טער קאַפּיטעל.)

„די קברים פון די עלטערן, דאָס איז זיי געוועזען דאָס טייערסטע, פון זיי האָבען זיי זיך אם שווערסטען געקאָנט שיידען, און דער געדאנק וועגען זיי האָט זיי אָנגעפילט מיט פינסטערען טרויער... די אידען פון סעגאוויא האָבען פאר זייער אויסוואנדערונג פערבראכט דריי טעג אויפ׳ן בית עולם... די מצבות האָבען זיי ארויסגעריסען און גענומען מיט זיך ווי טייערע רעליקוויען...

„...א סך רבנים האָבען געלאָזען פרויען און אינגלעך זינגען, מיט פייפלעך און טרומייטען רוישענדע מוזיק מאכען, כדי אויף א קורצע צייט כאָטש פערטומלען ביי דער מאסע דעם נאָגענדען שמערץ.

# די פאמיליע צבי

טראגעדיע אין פיער אקטען

(יוני 1903 — מאי 1904.)

„...ביים אָפענעם קבר פון די קישענעווער הרוגים, ווען זייער בלוט האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט פערטריקענט צו ווערען, האָב איך פערטראַכט און אָנגעהויבען צו שרייבען מיין „פאַמיליע צבי", וועלכע איך האָב אַ לאַנגע צייט גערופען אין מיינע געדאַנקען: „אַ טאָג פון דין וחשבון". נישט אויף דאָס, וואָס איז געוועזען, וואָס האָט ערשט פּאַסירט, האָב איך געווענדט מיין בליק. קיין קונסטווערק קאָן נישט פאָרשטעלען אַ פּאָגראָם־טראַגעדיע אין איהר גאַנצער, גרויסער שרעקליכקייט און שוידערהאַפטיגקייט, ווי זי שפּיעלט זיך אָב אין דער ווירקליכקייט. נאָר אויפגערעגט פון דעם אויסערן שטורם, האָב איך מיך געווענדט צו די אינערע פאָרגיינג אין דעם אידישען פאָלק — צו דעם, וואָס געהט אין איהם פאָר און וואָס מוז אין איהם פאָרגעהן. מיט דעם וואַקסען פון מיין ווערק איז אין מיר געוואַקסען דאָס בעוואוסטזיין, אַז איך שאַף דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מוז געלייענט ווערען פון דעם גאַנצען פאָלק, פון אַלע זיינע קלאַסען און מאַסען. און איך האָב געשריבען, ווי אין אַ פיעבער, מיט אַ האַרץ־קלאַפּענים: איך האָב גערעדט צו אַ גאַנצען פאָלק, איך האָב דאָס גאַנצע פאָלק פער־קליבען צו מיר אונטער מיין אייגענעם בארג סיני.

אָבער איך האָב געמאַכט דעם חשבון אָהן דעם בעל הבית. און דער בעל הבית איז דאָ געוועזען די ליעבהאַרציגע רוסישע צענזור. נאָך אין זומער 1903 האָב איך אוועקגעשיקט דעם ער־

סטען אקט אין דאס זאמעלבוך „הילף“, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין ווארשא פאר די גויטלויידענדע אין קישינעוו. די רוסישע צענזור האט איהם נישט דורכגעלאזען. דאס איז פאר מיר געוועזען א קלאפ, וועלכען איך האב נישט לייכט געקאנט פערטראגען. איך האב איבערגעלעבט א גייסטיגען פאגראם און פערלארען די לוסט צו דערשרייבען, וואס איך האב געהאט צו דער־שרייבען. דאס איז אויך איינע פון די אורזאכען, פאר וואס מיין טראגעדיע, וועלכע איך האב אנגעהויבען אין יוני 1903, ערשיינט ערסט יעצט. און אויך יעצט, ווען איך געה צו פערעפענטליכען זי אויף דעם נישט־לעגאלען וועג, טו איך עס מיט הארץ־וועהטאג. עס פערדריסט מיך פאר געוויסע טיילען פון אונזער מאסע, צו וועלכע דאס ווערק וועט נישט דערגרייכען. דאך טרייסט איך מיך מיט דער האפנונג, אז דער „בונד“ מיט זיין וואונדערבארער ארגאניזאציאן וועט פערשאפען מיין טראגעדיע די מעגליכסט גרעסטע פערשפרייטונג און —

פערבארגען וועט מען זי דארט לעזען,
און שפיעלען שטיל, בעהאלטנערהייט —
נאר טיעף אין ד'ר'ערד ליעגט אויך דער זאמען,
דאך מעכטיג וואקסט ארוים דאס ברויט.

יאנואר, 1905.

## פארערעדע צו דער ענגלישער איבערזעצונג.

דאס איז נישט קיין פאגראם־טראגעדיע, נאר די טראגעדיע פון א לעצטען, די טראגעדיע פון אן אבשטארבענדיגער רעליגיאן, פון אן אונטערגעהענדיגער וועלטאנשויאונג. ווער קאן זאגען, אז דאס איז אויסשליסליך אידיש?

אקטאבער 1917.

## פּערזאָנען:

ר׳ משה צבי, דער שטאָדט־מגיד.

יעקעף, זיין זוהן.

מיניע, יעקעף׳ס פרוי.

לעאָן
ראובן } זיינע אייניקלעך פון יעקעף און מיניע.
ליפּמאַן

אידע, זיין אייניקעל פון אַן אַנדער זוהן.

באנקיר הערשמאן.

דער יונגער הערשמאן, זיין זוהן.

דער רב.

ערסטער דיין.

צווייטער דיין.

דער דיקער בטלן.

דער דינער בטלן.

דער געלער איד.

דעם געלען׳ס ווייב.

דער איד אין שליאפּע.

דער איד אין היטעל.

דער בחור מיט׳ן מיידעל.

די שטומע בעטלערקע.

אידען, אידענעס, בחורים, קינדער.

אָרט: דער גלות.

צייט: אַ שווערע פאַר אידען.

# ערסטער אַקט

אַ גרויס, בעל־הבית'יש פערפוצט צימער ביי די צבי'ס. רעכטס אַ משוי־ראטענע קאנאפע מיט א פליגעלטיש פאר איהר און שטולען ארום דעם טיש. איבער דער קאנאפע פאָטאָגראפישע בילדער. לינקס צוויי פענסטער מיט גארדינען און בלומען; פאָרנט א ווינקעלטישעל מיט אַ קאנדע־ליאברע. אין הינטערגרונד די טיר צום פאָרהויז און צו די איבריגע צימער; רעכטס פון דער טיר א קאבעלהרובע, לינקס א גלעזער־שראנק, אויף וועלכען עס ליעגט ר' משה'ס שטריימעל.

דער לעצטער טאָג פסח. ר' משה, יעקעף, מיניע, לעאָן, ראובן, ליפמאן זיצען ארום טיש און ענדיגען דאָס עסען. טרויעריגע, פערזאָרגטע פנים'ער. לעאָן, ראובן און ליפמאַן שטעהען באלד אויף פון טיש. לעאָן פעררויכערט אַ פאַפּיראָס און געהט צו צום פאָרנסטען פענסטער; ראובן און ליפמאן געהען אום פערטראכט איבער'ן צימער, רייניגענדיג די ציינער.

ר' משה. אָפּגע'פטר'ט שוין, ברוך השם, דעם לעצטען פסח'דיגען ווארמעס אויך. — אָך!

מיניע (זיפצט). יאָ־יאָ. דער ביסען איז קוים נעגאנגען אין מויל און יעצט נעמען נישט די הענד אויף אָבצורוימען פון טיש.

ר' משה. גאָטוניו, דו זעהסט מיין הארץ. געפאסט וואָלט איך דיר בעסער, מיט א בייגעל און אש וואָלט איך מיך אָבגעפאסט, ווען דאָס וואָלט נאָר דיין הייליגער יום טוב נישט געוועזען.

פערדעבען מיר מיין עסען ווי א גרויסען קרבן און וועגד אָב פון דיין הייליגער תורה און דיין פאָלק ישראל א נייעם חורבן.

מיניע. גאָטוניו, רבונו של עולם!

ר' משה. אחרון של פסח! גאָטוניו, איך האָב מיך שטענדיג משמח געוועזען מיט געזאנג און טענץ, א גאנצען טאָג געהוליעט און געריהמט און געלויבט דיין ליעבען נאָמען פאר די חסדים, וועלכע דו האָסט בעוויזען דיין פאָלק ישראל. רחום וחנון, דאָס מאָל נעם אָן פאר גוט, וואָס מיר האָבען נישט געוויינט, וואָס מיר האָבען אונזער ביסען נישט דורכגעווייקט מיט אונזערע טרערען, וואָס מיר האָבען פון דיין הייליגען יום־טוב נישט געמאכט קיין תשעה־באָב.

מיניע (צואוויינט זיך).

ר' משה. נא, לאָ'מיר בענשען. — מען טאָר נישט וויינען, מיניע. — טריקען דיינע אויגען און בענש מיט א פרום הארץ. בענש פאר דיר און דיינע זיהן, און גאָט וועט זיך מסתמא מרחם זיין. (העבט אָן בענשען, שאַרף אַרויסרעדענדיג וואָרט ביי וואָרט.)

מיניע (פערדעקט זיך די אויגען מיט איהר טאשענ־טוך און בענשט שטיל).

יעקעף (בענשט שנעל און שנעלען שאָקלען זיך. — ווען זיי ענדיגען דאָס בענשען, הערען זיי זיך צו צום געשפרעך פון די יונגע).

לעאָן (ווי פאָרטזעצענדיג אן איבערגעריסענעם געשפרעך). און איהר וועט זעהן, עס וועט אריבער מיט'ן שרעק.

ליפמאן. הלואי! עס איז אָבער גענוג, אז מען רעדט פון א פאָגראָם, אז מען לאָזט גאָר צו די מעגליכקייט.

לעאָן (מיט שוואכער איראָניע). מעגליכקייט!

ליפמאן. זיי עהרליך, לעאָן! פיהלסט דו דען נישט די פאָגראָם־שטימונג ווי מיר אלע? זעהסט דו דען נישט דעם חושך, וועלכער ליעגט אויף די אידען, און די עזות, וועלכע קוקט ארויס פון די אויגען פון די קריסטען!

לעאָן. איבערטרייבונג! איבערטרייבונג!

ליפמאן. ביזט געשלאָגען, לעאָן, און פערברען אלע דיינע ליעדער און אלע דיינע כתבים. דו האָסט געלייגט אין זיי, דאָס לעבען האָט דיך פאר א ליגנער געמאכט.

לעאָן (צושטרויט). אר־הום!

ליפמאן. פאלש זיינען געווען דיינע אידעען פון אָנהעב ביז'ן סוף. דיין גאנצע אסימילאציאָן איז געווען א זייפענבלאָז. דו האָסט דיך געפיהלט גליקליך אין דעם גוי'שען הימעל אלס אן אויסענשטעהענדיגער, אלס אן אוועקגעגאנגענער פון די אידען, יעצט מוזט דו אויפשטעהן אלס איד מיט א צובראָכענעם קאָפּ.

לעאָן. גוט געזאָגט.

ליפמאן. דיר וועט נישט גילטען אָבצואוויצלען זיך, ווייל דיין הארץ צוגעהט אין דיר. לעאָן, פרעמדע זיינען מיר, אין גלות זיינען מיר. מיר זיינען מאכטלאָז און רעכטלאָז. מיר זיינען קליין אין אלע אויגען ביי אלע אונזערע פעהיגקייטען, מיר זיינען פערא־אכט, מיר זיינען צו שאנד און צו שפּאָט ביי אלע אונזערע מעלות. אומעטום בעטראכט מען אונז ווי א קרעץ אויף א פרעמדען קערפּער. ווען מיר ווילען נישט אָבטרעטען מיט גוטען, טרייסעלט מען אונז אָב מיט געוואלט. דערפאר מוזען מיר אָבטרעטען! — אָב־טרעטען! אָבטרעטען! א היים געהן, זעלבסטשטענדיג ווערען, א לאנד האָבען, א דעה האָבען, זיין מיר אליין.

ראובן (וועלכער איז אומגעגאנגען די גאנצע צייט הין און צוריק). פּונקטום! פּונקטום! — אלץ, וואָס דו האָסט גערעדט וועגען זיין אסימילאציע, שרייב איך אונטער. דאָס איז איבער־הויפּט קיין אסימילאציע נישט, נאָר א צוטשעפּענים, אן ארויפ־דרינגען זיך מיט געוואלט אויף א פרעמדען קערפּער. פון דעם קאָן קיין גוטס נישט ארויסקומען. אלץ ריכטיג. און ריכטיג איז, אז א היים, זעלבסטשטענדיגקייט, אן אייגען לאנד, וואָלטען געוועזען א פאָלשטענדיגע לייזונג צו דער אלטער אידענפראגע. אָבער... ביז אויף דאָס „וואָלטען" געה איך מיט דיר און ווייטער נישט. ערקלער דאָך מיר נאָר איינס. יאָהרטויזענדער האָט דאָס

אידישע פאָלק נישט אויפגעהערט צו טרוימען פון דעם אייגענעם לאנד, א משיח האָט עס זיך בעשאפען און נאָך פאלשע משיחים איז עס נאָכגעלאָפען. און נאָך מעהר: מיט שטאָק און טאָרבע שטעהען יעצט די אידען אָנגעגרייט צו לויפען פון לאנד צו לאנד און צו זוכען, וואו פרייער און וואו בעסער.... ווי קומט עס, אז דו האָסט נישט דאָס פאָלק הינטער זיך? ווי קומט עס, אז דאָס גיט דיר נישט אוועק זיין גאנצע קראפט און ענערגיע אויף צו דער־גרייכען דאָס אייגענע לאנד און די זעלבסטשטענדיגקייט? ווי א פונק אין א פאס פולווער, אזוי האָט געדארפט דיין אידעע ווירקען אין די אידישע מוחות. איין רוף נאָר, און אלע הערצער, וועלכע בייגקען אזוי לאנג נאָך אן אויסלייזונג פון דעם שווערען גלות, האָבען זיך געדארפט צואווענדען צו דיר.

ליפמאן. און זיי זיינען עס!

ראובן. ביזט דו ביים זינען?

ליפמאן. יאָ! יאָ! יאָ! זיי זיינען עס. אלע אידישע הערצער זיינען צוגעווענדט צו מיר, מיין בעוועגונג איז א פאָלקס־בעוועגונג.

ראובן. מענש איינער, דאָס איז דאָך גלאט אבי גערעדט! דאָ לאָזט זיך שוין נישט מעהר מיט דיר שטרייטען. אָבער בעגרייף נאָר איינס: ווי קאָן דאָס פאָלק צושטעהן צו דיר, ווען דאָס זעהט נישט דעם וועג, אויף וועלכען עס קאָן זיך דורכקעמפפען צו זיין ציעל? צו וואָס זאָל עס זיך אָרגאניזירען? צו גאָר נישט טאָן? ווי איז מעגליך א פאָלקס־בעוועגונג אָהן יעדער בעוועגונג? משה האָט גערופען זיין פאָלק נאָך כנען. דער וועג, וועלכען ער האָט איהם אָנגעוויזען, איז געווען א ים, א מדבר און בעוואפענטע פעל־קער. דאָס פאָלק איז אויפגעשטאנען און געגאנגען. א שלעכטער וועג, אָבער דאָך א וועג. קום דו יעצט און זאָג: איך האָב א לאנד פאר אייך, אָבער דאָס קאָן גענומען ווערען נאָר מיט פייל און בויגען, מיט ביקס און פולווער און מיט אונצעהליגע מענשליכע קרבנות, דאן, כאָטש איך שטעה אין אן אנדער לאגער, קאָן איך

דאָך נישט לייקענען, אז דו וואָלסט געהאט א גרויסע פאָלקס־בעוועגונג הינטער דיר און לעבעדיג וואָלט עס צוגעגאנגען אין דיין לאגער. אָבער יעצט...

ליפמאן (רייסט איהם איבער). דאָס, וואָס איך קאָן נישט קומען צום פאָלק מיט אזא לשון, איז דאָס טרויעריגסטע מיט מיר. וואָס וואָלט איך נישט אוועקגעגעבען פאר אזא מעגליכקייט! אָבער דאָס פאָלק איז דאָך מיט מיר. אונזער בעוועגונג איז ווי א גרויס וואסער, וואָס ווערט אָבגעהאלטען פון ברעטער. די ברעטער דאַרפען נאָר אָבגערוקט ווערען, און דאָס וואסער וועט זיך א לאָז טאָן און זיעגרייך פערפלייצען דאָס גאנצע לאנד. אך, די ברעטער וועלען שוין אָבגערוקט ווערען.

ראובן. גליקליכער מענש! ער בעשאפט זיך בילדער און בערוהיגט זיך אויף זיי. ווייסט דו אָבער נישט, אז א פאָלקס־בעוועגונג דאַרף זיין ווי א וואסער, וואָס רייסט אוועק די ברעטער, וועלכע פערשטעלען איהם דעם וועג? ווען דאָס זאָל ווארטען, ביז די ברעטער וועלען אוועקגענומען ווערען, קאָן עס דערווייליע ווערען צו א שטעהענדיגער, שטינקענדיגער בלאָטע. דאָס איז דאָס אי־דישע פאָלק געוואָרען הינטער די ברעטער, וועלכע דער משיח־גלויבען האָט איהם אויפגעשטעלט. דאָס קאָן עס ווערען הינטער דיין ציון־אידעע, אויב דו וועסט נישט געפינען גלייך און באלד א וועג, אויף וועלכען זי זאָל קאָנען אויסגעפיהרט ווערען. ווייסט דו, ווי דו קאָנסט זי אויספיהרען? זעהסט דו איבערהויפט איהר אויספיהרונג?

ליפמאן. יאָ, איך זעה די אויספיהרונג און גלויב אין איהר און איבערלעב זי טאָג־טעגליך מיט אלע גליעדער און אלע נערוועז...

ראובן. אָבער דאָס איז דאָך נאָר א פראזע!

ליפמאן. אַ, רעד נישט, לאָך נישט! דו פערשטעהסט מיך. אָפט מאָל פיהל איך מיך, ווי די פערקערפערונג פון דעם טויזענד־

יעהריגען אידישען האפען, און איך פערגעה פון בײנקענים, און איך װײן װי א קינד. דו, ער, איהר אלע, האט מיך נאך קײנמאל נישט געזעהן. איך דריק צונויף די פויסטען, שפּרײט פאנאנדער די הענד און רוף: זעלבסטשטענדיגקײט, זעלבסטשטענדיגקײט, זעלבסטשטענדיגקײט! איך זעה אין חלום אונזער אײגען לאנד, איך זעה עס אויפ'ן װאהר, און די פרעמדע ערד, אויף װעלכער איך טרעט, ברענט מיר מײנע פיס. און נישט נאר דא אונטער דעם דרוק פון האס און פאגראמען, נאר אפילו אין דער גרעסטער פרײהײט און גלײכהײט, אונטער די פרײנדליכסטע און ברידערליכסטע בעדינגונגען, פרעמד איז מיר די ערד און ברענט מיר מײנע פיס. די בעסטע גלײכבערעכטיגונג איז נישט קײן זעלבסטשטענדיגקײט. און נאר די זעלבסטשטענדיגקײט מוז זײן דער שכר פון אונזער פאלק פאר זײנע טויזענד־יעהריגע לײדען. א, מײן גרעסטע בײנקענים איז זי, און מײן ארבײט איז, צו מאכען דאס פאלק זעהן, װאס איך זעה, צו איבערלעבען, װאס איך איבערלעב, צו פיהלען, װאס איך פיהל, און צו װעלען, װאס איך װיל. דער מענש זאל אויפגעװעקט װערען אין דעם אידען, ער זאל מעהר קײן קנעכט נישט װעלען זײן, און דער איד זאל אויפגעלעבט װערען אין דעם שוין מענש־געװארענעם, אז די זעלבסטשטענדיגקײט פון זײן פאלק זאל איהם זײן טײערער װי אלץ אין דער װעלט. דאס איז מײן ארבײט, אין איהר ליעגט די גאראנטיע, אז דאס װאסער װעט נישט װערען קײן זומפּף, ביז װאנען די ברעטער װעלען אװעקגענומען װערען. און דו מאגסט דיר לאכען!

ראובן. אומזיסט זאגסט דו עס. איך װעל פון דיר נישט לאכען, בעדויערען װעל איך דיך. דו בלאנדזשעסט, ברודער, און דו װעסט צו גאר נישט קומען. גיכער װעלען מיר דערװײל אבפיהרען דאס װאסער פון הינטער דײנע ברעטער אין דעם גרויסען און ברײטען ים פון דער פעלקער בעפרײענדער און פעלקער פעראײניגענדער אידעע. און דער שכר פון דעם אידישען פאלק פאר זײנע טויזענד־יעהריגע לײדען — אויב דו װילסט שוין האבען אזא שכר!

— וועט זיין די בעדייטענדע און כמעט פיהרענדע שטעלונג אין דעם קאמפף פון דער מענשהייט פאר איהר בעפרייאונג. דאס איז דער גרעסטער שכר אין מיינע אויגען און די איידעלסטע היסטאָ־רישע גערעכטיגקייט. יאָ, ברודער, אונזער וועג איז אָפען, און אלע גרעסער ווערען די מאסען, וועלכע טרעטען אויף איהם ארויף. אונזער זאך געווינט מיט יעדען טאָג, אונזער וואוקס קאָן נישט אָבגעהאלטען ווערען, און די גרעסטע הינדערנים שפרייזען מיר אריבער. מיר וואקסען מיט דער שטענדיגקייט, מיט וועלכער עס וואקסט א קויל שניי, וועלכע קויקעלט זיך אראָב א שנייעדיגען בארג, און ווער עס שטעלט זיך אונז אין וועג, איז צושמעטערט. דער סאָציאַליזמוס וועט...

יעקעף (שפרינגט אויף). טפו, ימח שמו וזכרו! ביי מיר אין שטוב. האָב איך דיר, דאכט זיך, אָנגעזאָגט, זאָלסטו גאָר דאָס וואָרט נישט דערמאָנען. אלע צרות נעמען זיך פון איהם. ווען אידישע קינדער וואָלטען זיך אין איהם נישט געמישט, וואָלטען מיר פון קיין פאָגראָם נישט געוואוסט און פון קיין שום תוכחה. און ווערסט זעהן מיין וואָרט, אז מיר וועלען אונז אלע נעמען צו אייך און וועלען אייך עוקר זיין מן השורש, אז קיין זכר וועט פון אייך נישט בלייבען.

ראובן. הערסטו, טאטע, ווען דער פאָגראָם וואָלט נישט געוועזען קיין העסליכע זאך אן און פיר זיך, וואָלט איך געזאָגט, אז דו האסט איהם פאָלשטענדיג פערדיענט. און ווען דו וואָלסט מיר קיין טאטע נישט געוועזן...

יעקעף (נאך היציגער). ווען איך וואָלט דיר קיין טאטע נישט געוועזען, וואָלסטו שוין ביי מיר לאנג געפוילט אין שאול־תחתיה. און איך זאָג דיר יעצט, אז דו זאָלסט זיך היטען, איך וועל נישט קוקען מעהר, וואָס דו ביזט מיין זוהן... (אין גרויסער אויפרעגונג.) אוים, זאָג איך דיר, אוים!

ראובן. צווישען אונז איז שוין לאנג אלץ אוים. און היינ

דיך נישט אומזיסט: פאר גרעסערע און שטארקערע פון דיר האבן מיר אויך קיין מורא נישט.

יעקעף. איך וועל דיר שוין בעוויזען, איך וועל דיך שוין אנלערנען...

מיניע. וואס דארפט איהר אייך קריגען? (צו ראובן'ען.) אך, מאלע וואס ער רעדט! — אז איך זאג גאר אנדערש: טאקי ליפמאן וועט אונז אריינברייגנען בשלום אין ארץ־ישראל און אויפ־בויען אונז דעם בית־המקדש, ראובן וועט גאר אין גאנצען אראב־ברייגנען משיח'ס צייטען. טאקי אלץ גוט. אבער דערווייל וואס? דערווייל וועט מען אונז דאך צו'הרג'ענען, אז קיין שריד און פליט וועט פון אונז נישט בלייבען. וואס איז מיר די פעולה, אז „עס וועט זיין"? דערווייל אבער, דערווייל?...

ליפמאן (אונגעדולדיג). דערווייל... דערווייל!

ראובן. דערווייל, מאמינקע? דערווייל איז נישט גוט.

ר' משה (וועלכער איז שוין לאנג געשטאנען אנגעשפארט אן הער הרובע). דא שטעהען זיי, די חכמים, די אויפגעקלערטע און וואויל־געלערענטע, וועלכע האבען אראבגעזעצט גאט פון זיין כסא־הכבוד און ווילען אליין פיהרען די וועלט — דא שטעהען זיי מיט אפענע מיילער, פול מיט צונג, און ווייסען נישט וואס צו ענטפערען אויף אזא קליין ווארט ווי „דערווייל", און נישט קיין ענטפער איז ביי זיי אויך אן ענטפער! ענטפערט — אדער געהט אין אל־די רוחות, אדער קערט אייך אום צו גאט!

ליפמאן. די פראגע, זיידע, איז ביי מיר קיין פראגע נישט. טויזענדער יאהרען האבען די אידען געליטען און אין אייזערנער געדולד אריבערגעטראגען די שווערסטע צרות, און די דאזיגע געדולד טאר אונז אויך ווייטער נישט פערלאזען, ביז עס וועט קומען דער גליקליכער סוף.

ר' משה. יא, טויזענדער יאהרען איז אונזער כח געווען אין אונזער גאט, און אונזער געדולד אין אונזער אמונה. איהר ווילט אבער אלץ טאן מיט מענשליכע הענד, אהן גאט און געגען

אונזער אמונה, דאַ האָבען מיר נישט נישט קיין כח און נישט קיין געדולד.

ליפמאן. דאָס זיינען גלאט ווערטער, וועלכער דער אונ־פערשטאנד הערט נישט אויף צו רעדען. און איך זאָג דיר, זיידע, אן עמא דפזיזא זיינען מיר, א כאפ־לאפ־פאָלק. דאָס האָט אונז, דאכט זיך, נאָך משה רבנו פאָרגעוואָרפען, און די גמרא האָט אויך אזוי גע׳פסק׳ענט וועגען אונז. אן עמא דפזיזא, וואָס וויל נישט איינזעהן, אז א לאנד ווערט נישט אויפגעבויט איבער א נאכט, און א פאָלק ווערט נישט אויפגעשטעלט אין איין טאָג. אייבינקייטען קענען מיר ליידען און שווייגען, אָבער ווי מען בעווייזט אונז א שטיקעל אויסוועג, פערלירען מיר גלייך די געדולד. און אָנשטאָט צו טאָן רוהיגע ארבייט, שטערען מיר מיט אונזער איילענים און אונזערע „דערוויילס“.

ר׳ משה. און איך זאָג דיר, אפיקורסים זייט איהר און גאָטעסלעסטערער. איהר נעמט נאָר משה רבנו און די גמרא אום צו לעסטערען. דאָס זאָג איך אייך. פערדארבער זייט איהר, נישט קיין העלפער. צושטערער, נישט קיין אויפבויער. בלינדע זייט איהר, בלינדע! איהר טאפּט אין דער פינסטערניש און מיינט, איהר זעהט א וועג. וואָס ווייסט איהר פון גלייך און קרום, פון גוט און שלעכט? וואָס ווייסט איהר, וואָס דער מאָרגען קאָן אייך ברייננען? וואָס ווייסט איהר פון די סודות אין דעם גאנצ פון גאָט׳ס וועלט? איהר פלאַנעוועט, און מאָלט נאָר אייערע פלענער אויף זאמד, וואָס דער קלענסטער ווינד קאָן איהם פערבלאָזען. איהר בויט, און אייערע געביידעס זיינען נאָר ווי א קיקיון דיונה, וועלכע איז איבער א נאכט געוואָרען און איבער א נאכט פער־שוואונדען. איהר טראכט, און גאָט לאכט. וועלכע ערבות קאָנט איהר געבען, אז דאָס איז נישט אזוי? און ווי קאָנט איהר גאָר נעמען אזא אחריות פאר׳ן פאָלק, וואָס וועט אריינפאלען נאָך אין א גרעסערען אָבגרונד פון יאוש, ווען דאָס וועט איינזעהן, אז נישט געפיהרט, נאָר פערפיהרט איז עס געוואָרען? אָ, איהר לצים! און

איך זאג אייך, אין גאט איז אונזער קראפט, און אין אונזער אמונה איז אונזער געדולד. מיר ווייסען, אז גאט שטראפט אונז, אז גאט וויל אונזערע צרות, און מיר זיינען זיי מקבל באהבה, ווייל מיר ווייסען אויך, אז אן אב הרחמן איז ער, און ער וועט מאכען א סוף צו אונזערע צרות, און ער וועט אונז אויפריכטען, און מיר פרעגען נישט. וואס וועט זיין דערוויייל. ווי א פעלזען אין מיטען שטורמ־דיגען ים, געפייטשט פון ווינטען און רעגען און מורא'דיגע כוואַ־ליעס, שטעהען מיר. זיי ברעכען אב, זיי ברעקלען אב אונצעהליגע שטיינדלעך פון איהם, אבער ער שטעהט פעסט און ווערט אפילו נישט קלענער. ער לאכט פון זיינע שונאים און וויים, אז די זון וועט דאך סוף כל סוף ארוים און וועט איהם אבטריקענען, דער־ווארעמען און דערפרעהען מיט איהרע שטראלען. אזוי איז דאס פאלק ישראל, ווען עס איז שטארק אין זיין אמונה און האלט זיך פעסט אן זיין תורה. דערפאר הער איך נישט אויף צו שרייען מיט'ן נביא: שובו בנים שובבים! קעהרט אייך אום, איהר פערבלאנ־דזשעטע און פערווילדעטע, איהר פערפיהרטע און פערפיהרער! קעהרט אייך אום צו גאט און זיין תורה! האלט פעסט אן אונזער אמונה! וזכותו יגן עלינו ובא לציון גואל!

מיניע. אמן, רבונו של עולם!

לעאן. זיידע, אזוי שיין האב איך דיך נאך קיינמאל נישט געזעהן. איך האב געקוקט אויף דיר און איבערגעלעבט א גדיבט.

ר' משה (קוקט איהם א ווײלע אן מיט פעראכטונג). טפו, איהר טויבע אויערען און פערשטאפטע הערצער!

ראובן. ריכטיג, זיידע, מיר קאנען דיך געניסען נאר מיט די אויגען, אבער נישט מיט די אויערען און נישט מיט'ן הארץ. וואס דו האסט דא געפרעדיגט, זיידע, איז די פינסטערנים אליין.

ר' משה. אהא, פינסטערנים, פאנאטיזמוס!... אך, וואס האב איך מיט אייך צו רעדען! אונזער קראפט איז עס און אונזער לעבען, אונזער געדולד און אונזער שטיצע אין דעם גאנצען לאנגען

און שווערן גלות — און דא קומען זיי, די לצים, און רופען עס פינסטערנים און גאט וויים וואס!

ראובן. יא, פינסטערנים איז עס, אראבגעבראכט פון די פינסטערע צייטען, ווען א חשך איז געלעגען אויף אלע פעלקער. און וויפיעל דו זאלסט נישט רעדען און ווי שיין דו זאלסט נישט רעדען, דיין קול וועט נישט געהערט ווערען. זיידע, דו טוסט מיר לייד — דיין צייט איז פאראיבער, דו ביזט צו שפעט געבארען געווארען. דיינע פרעדיגען וועלען קיינעם נישט אומקעהרען צוריק, ווען דו וועסט אפילו וויינען דערביי מיט די ביטערסטע טרערען. און נישט דערפאר, וואס מיר, די יונגע, די נייע מגידים זיינען געגען דיר און רעדען פון דיר אב דעם עולם. נאר דערפאר, וואס דאס לעבען איז געגען דיר. דאס לעבען, דאס אלמעכטיגע לעבען האט אוועקגענומען דעם עולם פון דיר אויף שטענדיג און אייביג. מיר, די נייע מגידים, פערזארגען איהם בלויז מיט א נייעם אינהאלט, מיט נייע געדאנקען און א נייעם גלויבען, מיט נייע הימלען און א נייער תורה.

ר' משה. וועה צו די אויערען, וועלכע הערען אזוינס

ראובן. יא־יא, עס איז נישט צו העלפען, און דו טוסט מיר לייד. זיידע, דו ביזט אן איינציגער און א לעצטער. די וועלט געהערט אונז, מיר...

ר' משה. דו לייגסט! איך בין נישט קיין איינציגער און נישט קיין לעצטער, און די וועלט געהערט נישט דיר און וועט דיר נישט געהערען. אונזער גאט לעבט נאך און וועט נאך זיעגען איבער אלע אייערע אבגעטער. און „לא אלמן ישראל" — ישראל האט נאך געגוג פרומע אידען און וועט נאך האבען. מאריה דאברהם! ווען איך וואלט געוואוסט, אז איך בין דער איינציגער און דער לעצטער פרומער איד, וואלט איך לאנג געבעטען גאט, ער זאל מיך צונעמען פון דער זינדיגער וועלט. אבער דאס איז נישט אמת, און איך וועל נאך דערלעבען צו זעהן, ווי איהר וועט אלע קומען צוריק אין דעם שוים פון אונזער תורה, ווי איהר וועט אלע

נאך תשובה טאָן און וויינען און קלאָגען אויף אייערע שגיונות. איך וועל עס נאך דערלעבען, אָ, איך וויים עס! גאָט וועט מיר פערליינגערען מיינע יאָהרען. אויב דאָס דארף נאָך געדויערען. — דו גרויסער, שטארקער, אלמעכטיגער גאָט, בעווייז דיין קראפט, בעווייז זיי, אז דו לעבסט נאָך... (פון גאס הערט זיך א געלויף, אַ קלאפעניס מיט טירען און לאָדען.)

מיניע. אָי, רבונו של עולם, וואָס איז שוין? וואָס איז שוין? (לויפט ארויס. ראובן, ליפמאן, לעאָן קוקען ארויס פון די פענסטער, יעקעף לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטול.)

ר' משה (שטילער). יעצט איז דיין צייט, גאָטוניו־פאָטער, יעצט איז דיין צייט.

יעקעף. עס ציטערען מיר הענד און פיס, בנאמנות. (פון דרויסען ווערען צוגעמאכט די לאָדען; אין צימער ווערט האלב־דונקעל, דאָס ליכט דרינגט אריין פון די לאָדען־שפאלטען און פון דער טיר.)

מיניע (לויפט אריין. מיט טרערען). וועה מיר נישט, עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען. אין דער ברייטער גאס..

יעקעף. אין דער ברייטער גאס?! וועה מיר נישט, אונ־זער קראָם! אונזער קראָם!

מיניע. ...און אויפ'ן ברעג. צוויי אידען האָט מען דער־טרונקען.

יעקעף. אין דער ברייטער גאס... וועה מיר נישט, אונזער קראָם! (אין גאס אַ פייפעריי, געגעבענע סיגנאַלען.)

ראובן און ליפמאן (לאָזען זיך צו דער טיר).

מיניע (אין טיר). וואָס איז? וואו לויפט איהר?

ראובן. דו ווייסט דאָך. צו אונזערע פערטיידיגונגס־אָרגאַניזאַציאָנען.

מיניע. אָי, קינדער, זיהן מיינע, איהר וועט נישט אוועק־געהן! איך וועל אייך נישט לאָזען! סיידען איהר וועט אריבער־טרעטען איבער מיר.

יעקעף. לאָמיר בעסער אַלע לויפען צו אונזער קראָם! ווערט מיר נישט, אונזער קראָם! לאָמיר לויפען!

מיניע. וואָס רעדסטו, משוגענער! וואָס קראָם! וועז קראָם! — קינדער, איהר גיעהט נישט! זיהן מיינע, איהר בלייבט דאָ. מיט אייער מאַמען בלייבט איהר.

ליפּמאַן. האַלט אונז נישט אָב, מאַמע. מיר האָבען אונז שוין אזוי אויך פערשפּעטיגט. יעדע ווייטערע מינוט, וואָס מיר בלייבען אויסעט, איז אַ פערברעכען געגען דעם כלל.

יעקעף. כלל! האָסט געהערט ווערטער? כלל! דריי דערוואַקסענע זיהן און מען זאָל פון זיי קיין שום נוצען נישט האָבען. כלל ליעגט זיי אַלץ אין זינען. ווערט מיר נישט, מיר וועלען דאָך מוזען אוועקגעהן מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער!

ראובן (רייסענדיג זיך דורך דער טיר). מאַמע!

מיניע. איהר וועט נישט געהן, קינדער! סיידען איהר ווילט איך זאָל שטאַרבען. איך וועל עס נישט אריבערטראָגען מיט מיין געזונט. איך וועל פון זינען אראָב. קינדער, האָט רחמנות, איז אונז בעשערט געהרג'עט צו ווערען, איז אַלע אין איינעם. אָבער נאָר אין איינעם. זיהן מיינע, געהט נישט! יעדע מינוט וועט זיך מיר דוכטען, אַז איהר זייט שוין געהרג'עט געוואָרען, אַז איהר וואַלגערט זיך ערגעץ ארום צוקאַליעטשעטע, צוטראָטענע. אַי, רבונו של עולם, רבונו של עולם!

ראובן. מאַמע, עס געהט נישט. גיב מיר פריי דעם וועג.

מיניע. אַרט דיך נישט, אַז דיין מאַמע זאָל משוגע ווערען פאַר שרעק? אַז דיין מאַמע זאָל שטאַרבען פאַר איינע איבער־קלערענים?

ליפּמאַן. מאַמע, שטאַרק דיך און זיי אַ מענש. ווען דו וואָלסט געוועזען אַ רעכטע אידישע מוטער, האָסט דו אונז נישט געדאַרפט אָבהאַלטען, נאָר פערקעהרט טרייבען, מיר זאָלען נישט בלייבען זיצען אין דער היים. שטאָלץ האָסט דו געדאַרפט זיין און פרעהען האָסט דו דיך געדאַרפט, וואָס מיר געהען מיט אזא פרייעם

הארץ. לאז, מאמע, אונז געהן, און זיי שטארק און מוטיג און ווייס, אז: קאָנען מיר נישט לעבען ווי מענשען, דארפען מיר קאָנען שטארבען ווי מענשען!

מיניע (ברעכט אויס אין אַ יאָמער און לאזט אַב דעם וועג).

ראובן און ליפמאן (איילען אוועק).

יעקעף (שרייט זיי נאָך). קינדער! גזלנים!

מיניע (כליפענדיג). וועה איז מיר, ווינד איז מיר!

ראובן (ערשיינט אין טיר). אויב איהר האָט מורא צו בלייבען אין דער היים, קאָן איך אייך זאָגען, וואו צו בעהאלטען זיך. אין גרויסען וואלד, ביי א פינף הונדערט שריט רעכטס פון הערשעל דעם שמיעד, וועט איהר אַנטרעפען אויף דאָס הייזעל פון וואלד־שומר. זאָגט איהם, אז איך האָב אייך געשיקט. ער וועט אייך שוין גוט בעהאלטען. צו אייך וועלען מסתמא אונטערקומען א סך שרעקעדיגע אידען. דאָרטין וועט איהר קענען אלע רוהיג זיצען און — שרעקען זיך. (פערשווינדט.)

יעקעף. גזלנים זיינען דאָס, נישט קיין קינדער. וועה מיר נישט, וועה מיר נישט. איבער די הייזער וועלען מיר אוועקגעהן, איבער די הייזער.

מיניע. אָי, גאָטוניו, זאָל איך זיי כאָטש נאָך האָבען לעבעדיגע!

ר' משה (נעמט זיין שטריימעל פון דעם גלעזער־שאַנק און טוט איהם אָן איבער דער יארמעלקע). נו, יעצט געה איך אויך.

מיניע. וואו? וואָס?

ר' משה. צו מיין אָרגאַניזאַציאָן.

יעקעף. ווי הייסט? ווי הייסט? משוגע, בנאמנות!

ר' משה. דו ווייסט גאָר נישט פון מיין אָרגאַניזאַציאָן? מערקווירדיג? — (שאַרף.) אין שול געה איך. דאָס איז מיין אָר־גאַניזאַציאָן. די שול מוז בעשיצט ווערען און די ספרי־תורות מוזען בעשיצט ווערען.

יעקעף. איז ער דער בעשיצער!

ר׳ משה. קום, זיי דו עס.

מיניע. וואָס רעדט איהר, שוועער, איז עס פאר אייערע יאָהרען און אייערע כחות?

ר׳ משה. דו ביזט יינגער און שטארקער, קום מיט.

מיניע. סיידען טאַקי. מעהר נישט טאַקי, ווי איך און איהר. מיר דארפען טאַקי ביידע אַ סך האָבען. איין קלאַפּ און מיר זיינען פאַרטיג.

ר׳ משה. דער וועניגער, אידענע, וועסט מיך נישט אָבּ־האַלטען. איך האָב יעצט עפּעס אָבגעלערנט פון די דאַרטין, פון די אוועקגעגאנגענע. אידען, אידען, קאָנען מיר נישט לעבען ווי אידען, טאָ זאָלען מיר שטארבען ווי אידען! אין שול קומט! נישט אָבהאַלטען זאָלט איהר מיך, נאָר געהן זאָלט איהר מיט מיר. נישט בעהאַלטען זאָלט איהר אייך, נאָר אין שול זאָלט איהר געהן, איינצושטעהן פאר אונזערע רייניגקייטען, זיי זאָלען נישט בעשמוצט ווערען פון טמא הענד. — אוועק פון מיין וועג, איך זאָל דיך נישט שעלטען!

מיניע (טרעט אָב אַ צובראָכענע).

לעאָן. זיידע, איך האָב מורא, אז דו וועסט זיין אליין אין שול, און ווען מען וועט בעפאַלען די שול, וועסט דו די ספרי־תורה׳ס קיין טובה נישט טאָן און דיר וועסט דו ברייגנען דעם טויט.

ר׳ משה. אליין וועל איך זיין אין שול? — אהא, איך בין דער איינציגער און דער לעצטער! הא־הא־הא. — אליין וועל איך זיין! אַ, ניין! איך וועל מיך מעהר נישט שעמען, וואָס פון מיינע אייגענע קינדער וועט דאָרט קיינער נישט זיין.

לעאָן. הלואי! איך וויגש דיר, זאָלסט דאָרט נישט זיין אליין, וועט דיין לעבען זיין אין אַ קלענערער סכנה.

ר׳ משה. וואָס דארפסטו עס מיר ווינשען? קום בעסער גלייך מיט.

לעאָן. בלייב דאָ, און איך וועל איינשטעלען מיין לעבען...

ר׳ משה. האָדיע רעדען! ווען דו וואָלסט געגאַנגען מיט

מיר, וואָלט איך פערשלאָסען די טיר אונטער דיין נאָז און וואָלט דיך נישט ארייננעלאָזט. דו ווילסט מיך בעשיצען, נישט די תורה, אן איבעריגער וואָלסטו געווען אין גאָט'ס חיל, א מחלל השם אונטער מקדישי־השם. בלייב, וואו מען קען דיך! אין וואלד בעהאַלט דיך און שרעק דיך מיט די שרעקעדיגע. דו, די האָסט דעם שרעק גאנץ עהרליך פערדיענט. (מאכט א בעוועגונג צו דער טיר.)

מיניע. שווער! שווער!

יעקעף. גאָרנישט, מען זוכט זיך עפּעס אוים זאכעניסען.

ר' משה. דו זאָלסט גאָר שווייגען, כדי אין מיין לעצטער מינוט זאָל איך נישט דאנקען גאָט, וואָס נישט דו וועסט מיר צומאכען מיינע אויגען. — אָ, זינדיגע, זינדיגע! איהר ווייסט גאָר נישט וואָס פאר א טאָג עס קאָן היינט ווערען. א לעצטער טאָג יום־טוב איז היינט ביי אונז, און ער קאָן אַן ערסטער ווערען ביי אונזער גאָט. גאָט'ס געטרייע וועלען מקדיש השם זיין, און באלד וועלען פערבלאָנדזשעטע קינדער אומקעהרען זיך צוריק צו זייער פאָטער, פערשטאָפּטע הערצער וועלען ווערען צוריק אמת'ע אידישע הערצער, און שוואכע און אָבהענגדיגע וועלען ווידער שטארק ווערען אין זייער גאָט. — היינט איז דיין צייט, גאָט, היינט איז דיין צייט! (געהט אוועק.)

מיניע (ברעכט אוים אין געוויין אויף דאָס ביי). וואָס פאר א טאג היינט איז, גאָט, וואָס פאר א טאָג! וואָלט איך איהם בעסער נישט דערלעבט, רבונו של עולם!

לעאָן (ווי פאר זיך). א טאָג פון א גרויסער אָברעכנונג.

יעקעף. אלערליי זאכעניסען זוכט מען זיך אוים, און אויף וואָס מען דארף איז נישטאָ קיין מענש. — וועה מיר נישט, וואָס טוט מען? וואָס העבט מען אָן צו טאָן? (קוקט אויף לעאָנ'ען.) וועה מיר נישט, אונזער קראָם! מיר וועלען דאָך בדיל הדל ווערען... וואָס טוט מען, וואָס העבט מען אָן צו טאָן?

לעאָן (גראָב). ווילסט פון מיר אַן ענטפער?

יעקעף. אדרבא, גיב אַן עצה. גיב!

לעאָן. לויף און פערטיידיג די קראָם. נעם אַ שטעקען, נעם אַ בעזים, נעם אַן אלטע הושענאַ און פערטיידיג זי, דיין היילִיגטום, דיין נשמה.

יעקעף. וואָס?! לצנות טרייבסטו פון מיר, לצנות? ביי מיר גיסט זיך בלוט פון די אויגען און דו טרייבסט גאָר לצנות!

לעאָן. איך מיין עס אָהן שפאס. ווען די קראָם איז דיר אזוי איבער אלץ...

יעקעף. הער אויף מיט דיינע לצנות, זאָג איך דיר, הערסט? וועסט זעהן, ווי עס וועט זיך לעבען אָהן דער קראָם, וועסטו וויסען, ווי לצנות צו טרייבען, וועסטו וויסען!

לעאָן. ניין, נישט פון לצנות, נאָר פון מיר אליין. מיך אליין וויל איך פערלאכען. ווי בלינד איך בין געוועזען! ווייל איך האָב דיך שטענדיג געהאט פאר מיינע אויגען, האָב איך דעם זיידען נישט בעמערקט און מיינע ברידער. ווייל איך האָב דיך שטענדיג געהאט פאר מיינע אויגען, ביזט דו ביי מיר געוואָרען דאָס גאנצע אידישע פאָלק, און עס האָט מיר געעקעלט פון איהם.

יעקעף. וואָס ווילסטו, וואָס? וואָס האָסטו דיך אָנגעזעצט? עס גיסט זיך פון מיר אזוי אויך גענוג בלוט!

לעאָן. וואָס וויל איך, וואָס? מתודה זיין מיך וויל איך, מיין הארץ אויסרעדען, מיין כעס אויסגיסען...

יעקעף. ווי געפעלט דיר עפעס, קרוינעלעך! — אויף מיר ווילסטו אפשר אויסגיסען דיין כעס?

לעאָן. אויף דיר, יאָ, אויף דיר! ווייל דורך דיר האָט מיך אָבגעעקעלט פון דעם גאנצען אידישען פאָלק. דאָס האָט ביי מיר אויסגעזעהען קליינליך אזוי ווי דו, קליינליך מיט קליינ־טשינקע גראָשען־אינטערעסען, אָהן אַ הארץ, אָהן אַ נשמה, אָהן אַ ווילען און אַ שטרעבען צו עטוואָס העכערען, אָהן כח צום לעבען און אָהן מוט צום שטארבען. און איך האָב עס געהאסט פון פולען הארצען! איך האָב געזעהן צו פערשרייען אין מיר יעדע עראינערונג, אז איך בין אַ איד. אלץ, וואָס איך האָב געהאט

אין מיר פון דעם אידען, פון דיר, האָב איך געזעהען אויסצו־ווארצלען פון מיר, פערגעסען עס, פערניכטען עס. בעפרייען האָב איך מיך געוואָלט פון דיר, פון מיר...

יעקעף (וועלכער האָט איהם גאָר נישט צוגעהערט). ווען דו אויפהערען? תנא־ברא מיינער! אקוראט ווי עמיצער וואָלט איהם געהערט. האָט זיך צו׳דרש׳נט!

לעאָן (קוקט איהם אָן מיט פעראכטונג). א, דו... אונגליקס־מענש!

מיניע (וויינענדיג). וואָס פאר א טאָג היינט איז, רבונו של עולם, וואָס פאר א טאָג!

יעקעף. וואָס העבט מען אָן צו טאָן, וויים איך נישט! מיין קאָפּ צופלאצט מיר אויף שטיקער... און וואָס זיצען מיר דאָ? מיר ווארטען, ביז מען וועט קומען צו אונז?

מיניע. זאָל מען קומען, זאָל מען ברעכען, זאָל מען הרג׳ענען — מיר איז שוין אלץ איינס.

יעקעף. ביזט דאָך משוגע ווי דיינע זיהן, ביזט דאָך! ווילסט אפשר אויך מתודה זיין זיך, דיין הארץ אויסרעדען.

מיניע. אָ, איך האָב מיך שוין מתודה געוועזען און מיין הארץ אויסגערעדט. מיין גאנץ לעבען מיט דיר און נאכדעם מיט די אויסגעוואקסענע קינדער איז נישט אוועק א טאָג, וואָס איך זאָל נישט אויסרעדען מיין הארץ. אין מיר האָב איך גערעדט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט, מען זאָל הערען, און האָב נישט געהאט פאר וועמען. אָבער גאָט האָט שוין געהערט. ער איז שוין געווען מיט מיר אומעטום: אי אין קיך, אי אין שטוב, אי אין קראָם. ער וויים מיין הארץ, און מעהר דארף איך נישט.

יעקעף. זאָל דיר זיין געגוג צו רעדען, מיין צדקניות. און לאָמיר מאכען, מיר זאָלען אוועקגעהן, וואו ראובן האָט געזאָגט. מען דארף אוועקנעמען דיין ציערונג, דאָס זילבער דארף מען נעמען. מיר וועלען פערשליעסען די שטוב און אוועקגעהן. און ממה נפשך: וועט מען נישט אָנפאלען אויף אונזער שטוב, איז

דאך א ודאי דאנקען גאט; וועט מען יא אנפאלען, טא זאלען מיר כאטש בלייבען גאנץ און דאס ביסעל גאלד און זילבער זאל אונז כאטש בלייבען.

מיניע. זעהר פיין.

יעקעף. טיק ריהר זיך, טיק שטעהט דאך אויף, טיק טו עפעס!

מיניע (העבט זיך שווער אויף פון איהר זיץ. עס קלאפט אין טיר).

יעקעף (מיט א דערשראקענער שטימע). שא, דאכט זיך, אז מען קלאפט אין טיר. (עס ווערט שטארקער געקלאפט.)

א פרויען־שטימע. עפענט אויף. איך בין עס. אידע!

מיניע. אידע? (געהט ארויס.)

לעאן (גיט זיך א לאז צום פארהויז און בלייבט שטעהן אין טיר).

יעקעף. א בעלנות פון איהר צו קומען אין אזא צייט, בנאמנות.

מיניע (קומט אריין מיט אידע'ן, וועלכע איז אנגעטאן אין א קאסטיום פון א רויטען קרייץ־שוועסטער מיט א שווארצען צלם אויפ'ן האלז).

אידע (גיט לעאנ'ען די האנד און האלט איהם אזוי די גאנצע צייט). גוט, וואס דו ביסט דא, לעאנטשיקעל. — ווי דונקעל! — דעם פעטער זעה איך שוין. — וואו איז דער זיידע? וואו איז ראובן? וואו איז ליפמאן?

מיניע (מיט טרערען). זיי זיינען זיך אוועק. ראובן און ליפמאן האבען זיך ז י י ע ר ע ארגאניזאציאנען, און דער זיידע האט זיך ז י י ן ארגאניזאציאן — זיין שול.

יעקעף. וואס טוט זיך עפעס? דערצעהל דאך, זאג דאך. ביזט אפשר געוועזען אויף דער ברייטער גאס?

אידע. ווער קאן יעצט דורכגעהן די ברייטע גאס?

יעקעף. אי, וועה איז מיר! אי, וועה איז מיר!

אידע. עס איז שוין אבער אריבער אויפ'ן ברעג און אין

דער אונטערגאס און אין דער לאנגער גאס. איך האב מורא, אז עס וועט באלד דערגעהן צו אייער גאס. ווען נישט מיין פרום־קריסטליכער אנצוג, וואלט איך גאר נישט געקאנט דערגעהן צו אייך.

**יעקעף.** א וואו! מיניע, דו הערסט? מיניע, שנעל! וואס שטעהסטו? ריהר דיך, טו עפעס!

**מיניע** (פערדראסיג). טיק ריהר דיך, טיק טו. וואס קאמאנדעווועסטו? (העבט אן צוזאמענצונעמען די לעפעל מיט די גאפלען פון טיש.)

**יעקעף** (פאלט אויף א שטול). אי, עס ברעכען זיך מיר אונטער די פיס. בנאמנות.

**אידע.** וואס ווילט איהר דען טאן? איהר ווילט דען וואוהין אוועק?

**מיניע.** איך וויים? ראובן האט אנגעוויזען אן ארט, וואו צו בעהאלטען זיך. אקוראט, עס איז פאראן וואו צו בעהאלטען זיך פון גאט. פון איהם איז ניטא קיין בעהעלטענים. זיין דונער קאן טרעפען אומעטום. — אך! — וואס הערט זיך עפעס ביי אייך? וואו זיינען אייערע?

**אידע** (לאכט אב פערלעגען).

**מיניע** (פערוואונדערט). וואס איז, וואס?

**אידע.** הלואי אויף אלע אידען געזאגט געווארען.

**לעאן** (קוקט זיך אין איהר שארף איין).

**אידע** (שאקעלט איהם צו מיט'ן קאפ און ווייזט אן אויפ'ן צלם). אוי־הום!

**לעאן** (שעפטשעט שארף ארויס). אונמעגליך!

**מיניע** (לאזט אלץ ליגען און איילט צו צו אידען). אידינקע, איך פערשטעה נישט אויף שטום־לשון. וואס איז מיט אייך אזוינס געשעהן?

**אידע.** א בעקאנטער... קריסט האט אונז צוגענומען צו זיך.

**יעקעף.** מיניע, מיניע, שטעה נישט און רעד נישט. וואו

זיינען די שליסעלעך? האסטו די שליסעלעך? (שטופט זיך מיט איהר ארויס פון דער טיר.)

לעאָן (שנעל, מיט אַן איינגעהאַלטענער שטימע). ווי אזוי האָט איהר עס געקאָנט טאָן?

אידע. ווי הייסט, ווי אזוי?

לעאָן. אונמעגליך! אונמעגליך!

אידע. דו זאָלסט עס זאָגען? איך פערשטעה דיך נישט. מיר זיינען געגאנגען ביז צום סוף פון דיין לעהרע. מיר זאָלען אונז אסימילירען — איז עס נישט די בעסטע אסימילאציאָן, ווען מיר נעמען אָן דאָס קריסטענטום?

לעאָן. ביז צום סוף קאָן נישט דערגאנגען ווערען, ווייל מיר קאָנען דאָס קריסטענטום נישט אָננעמען, ווייל מיר גלויבען נישט. דאָס וואָלט געווען צבועצסטווע!

אידע. גלויבט דען יעדער „אסימילירטער“, אז ער האָט ווירקליך אויפגעהערט צו זיין א איד? צבועטשעט ער דען נישט? ניין, לעאָן, מיין טאטע איז גערעכטער. א האלבען וועג געהן איז אונזין. מיר גלויבען נישט איבערהויפט און בייטען א שלעכטע פאָרם פון נישט־גלויבען אויף א גוטע, א רוהיגע. און ווען עס וועט זיין מעגליך, וועלען אונזערע קינדער זיין גלויביגע קריסטען. דער שריט האָט געמוזט געטאָן ווערען. — איך פערשטעה דיך ווירקליך נישט.

לעאָן. אונזערע וועגען, אידע, זיינען זיך צוגאנגען. אָבער ווייט, גאנץ ווייט. רעכטס און לינקס זיינען מיר. איך בין היינט נישט מעהר דער לעאָן צבי פון נעכטען.

אידע. רעד מיר קלאָרער. שרעק מיך נישט, לעאָנטשיק!

לעאָן. וואָס איז גרעסער און עהרליכער, אידע: זעלבסט־פערלייגנונג אָדער זעלבסט־בעפרייאונג? זעלבסט־פערניינונג אָדער זעלבסט־בעיאָהונג? איך בין געגאנגען דעם וועג פון זעלבסט־פערלייגנונג און זעלבסט־פערניינונג, און דאָ ארום מיר זיינען געגאנגען אידען דעם וועג פון זעלבסט־בעפרייאונג און זעלבסט־

בעיאָהונג, אידען פול קראפט, פול לעבען, פול מוט, אידען מיט א שטארקען ווילען און א ריזיגען גלויבען...

אידע. ווער? אפשר דיין טאטע?

לעאָן. לאך נישט, אידע. פערזוכה נישט דורך מיין קליי־נעם טאטען מיין גרויסען זיידען און מיינע גרויסע ברידער.

אידע. וואס איז מיט דיר? איך פערשטעה דיך נישט מעהר?

לעאָן. אך, ווען דו וואָלסט איבערגעלעבט, וואס איך לעב היינט איבער.

אידע (נעמט איהם ארום און לאסצעט איהם). קום צו זיך, לעאָנטשיק. דו וועסט דאך געהן מיט מיר איין וועג.

לעאָן. אונמעגליך מעהר. דיין שריט וועל איך קיינמאל ניט מאכען. היינט בין איך ווייטער פון איהם ווי אלע מאל.

אידע. לעאָן, וואס רעדסט דו? ווי קענסטו אזוינס זאגען? אין דעם נאמען פון אונזער ליעבע, לעאָן...

לעאָן. וועסט דו דיך מוזען אומקעהרען צוריק.

אידע. פאר קיין פאל נישט! דאס איז פעררי קטהייט.

לעאָן. אידע, אין דעם האלב־דונקעל פון אונזער צימער זעה איך דאך, אז דער קאסטיום פון א רויטען־קרויץ־שוועסטער קליידט דיר אויסגעצייכענט. איך האב דיך שוין לאנג אזוי שיין נישט געזעהען. דאס האלב־דונקעל נעמט ארום דיין גאנצע ווייסע געשטאלט אזוי געהיימניספול און גיט צו צו דיין געזיכט גאר א בעזונדער חן. ווען איך וואָלט דיך נישט געליעבט ביז יעצט, וואָלט איך מיך יעצט אין דיר פערליעבט...

אידע. רעד מיר נישט יעצט קיין זיסיגקייטען.

לעאָן. נישט זיסיגקייטען, נאר ביטערקייטען וויל איך רעדען. איך וויל דיר זאגען, אז ביי מיין גאנצער גרויסער ליעבע צו דיר, וועל איך דיין שריט נישט מאכען. איך שטעה יעצט אי־בערהויפט אויף א מיטען וועג. אבער אין דיין זייט וועל איך גע־ווים נישט אוועק. — אידע, א קנעכט בין איך געוועזען מיט קנעכ־

טישע געדאַנקען. דער שוואַכסטער בין איך געוועזען און האָב מיך געמאַכט פאַר דעם שטאַרקסטען. ווייל אידען זיינען פעראַכט, האָב איך אויפגעשטעלט אַ טעאָריע, אַז מיר זיינען נישט מיר, אַז מיר טאָרען נישט זיין מיר. ווייל אידען זיינען צו שפּאָט, האָב איך אויך נאָר דאָס קליינע און קליינליכע געזעהען, דאָס נידריגע און געמיינע. אַלץ, וואָס אידיש, איז געוועזען שלעכט אין מיינע אויגען, שלעכטער נאָך, ווי אין די אויגען פון די פרעמדע. איך האָב גע'חנפ'עט די פרעמדע. איך האָב מיך ערנידעריגט און אויפ־געהויבען דאָס ערנידעריגען־זיך אויף אַ פּאָהן, אַלס דאָס העכסטע ציעל און שטרעבען. אידע, מיר האָבען געזינדיגט געגען דעם אידען, און בעליידיגט. פערניכטעט דעם פרייען מענש אין אונז!..

א י ד ע. אָ, רעאַקציאָן! רעאַקציאָן! ווער האָט דיך איבער־גערעדט? דער זיידע, דער פאַנאַטישער מגיד? אָדער ליפּמאַן דער פאַנטאַזיאָר, אָדער ראובן דער נאַציאָנאַל־אידישער וועלטאיבער־קעהרער? אויף אַזעלכע הינערשע פיסלעך איז געשטאַנען דיין גאַנצע לעהרע? האָט דיך דער פּאָגראָם אַזוי איבעראַשט? — לעאָן! לעאָן!

מ י נ י ע (קומט אַריין ביי די לעצטע ווערטער). אידע, מיר געהט פון קאָפּ נישט אַרוים. עפּעס מיט אייער בעהאַלטעניס איז נישט גלאַט. עפּעס האָסטו מיר מאָרגנע געלאַכט. (קוקט זי שאַרף אָן און ציהט די ווערטער.) זאָג מיר דעם אמת...

א י ד ע (ענטשלאָסען). יאָ, דער טאַטע, די מאַמע, מיר אַלע האָבען אונז אָנגעגעבען אין שמד.

מ י נ י ע (כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט און דאַן פאַר'ן קאָפּ). אוי! אָי, אָי! (הויבט אָן צו פאַלען.)

ל ע אָ ן (כאַפּט זי אונטער).

י ע ק ע ף (קומט אַריינגעלאָפען מיט פערשיעדענע פעקלעך אונטער די אָרעמס און אין די הענד). וואָס איז? וואָס איז?

מ י נ י ע (מיט אַ בענומענעם קול). זיי האָבען זיך אָנגעגעבען אין שמד. אָי! אָי, אָי!

יעקעף. אין שמד? אי, ווער מיר נישט! אי, ווער מיר נישט! (עס העבען ביי איהם אן צו פאלען די פעקלעך פון די הענד.)

אידע (מיט א חניפה'שען טאן). איהר ווייסט דאך: קנאפע אידען זיינען מיר שטענדיג געוועזען, וואצו זאלען מיר נאך ליידען פון פאגראמען? מילא, אז סיי ווי סיי גוים, זאלען מיר שוין זיין אמת'ע גוים און מעהר קיין אידישע צרות נישט האבען. יעצט זיינען מיר לכל הפחות זיכער: דער גלח איז ביי אונז אין שטוב און...

יעקעף. אי, ווער מיר נישט! אי, ווער מיר נישט!...

מיניע. איז וואס ביזטו געקומען אהער? בעריהמען זיך מיט דיין גלח און דיין זיכערהייט? פערגרעסערען אונז די צרות? מאכען אונז א טויט? אי, דאנקען גאט, וואס דער שווער איז אוועקגעגאנגען! ער וואלט געשטארבען גלייך אויפ'ן ארט, ער וואלט עס נישט אריבערגעטראגען. וואס פאר א טויט ער זאל היינט נישט שטארבען, אי, דעם שווערסטען און שרעקליכסטען, וועט ער אלץ זיין זיסער, ווי דער טויט, מיט וועלכען ער וואלט דא יעצט געשטארבען. אי, אי, אי! — (אין ווילדען כעס.) ארויס! ארויס פון מיין שטוב! ארויס, זאג איך דיר! (גאנץ היסטעריש.) ארויססס! (ווערט היסטעריש.)

יעקעף. ארויס! טאקי ארויס! (מיט לעאנ'ען צוזאמען לעגט ער אוועק מיניע'ן אויפ'ן קאנאפע. זיי קנעפלען אויף איהר יאקע, גיבען איהר איין טראפען, וועלכע לעאן נעמט ארויס פון גלעזער־שראנק.)

אידע (געהט גאנץ פערלארען צו דער טיר).

מיניע (ווערט רוהיגער און געהט איבער אין שטול בלייבען).

אידע (שטיל). לעאן.

לעאן (ווינקט איהר צו מיט דער האנד). געה יעצט!

אידע (קוקט איהם אן א ווייל מיט א צוקענדיגען געזיכט און געהט ארויס).

מיניע (ווערט אלץ רוהיגער).

י ע ק ע ף (הערבט אָן צוזאמענצונעמען די פעקלעך — א ווייטער גערויש פון פיעלע שטימען. א גרויס געלויף אין גאס).

י ע ק ע ף. אָי, אָי... אָי. מיר דוכט... אָי, איך וועל שטארבען פאר שרעק, בנאמנות... אָי, מען איז שוין ביי אונז אין גאס. מיניע! מיניע! וואָס טוען מיר?

מ י נ י ע (זעצט זיך אויף).

ל ע אָ ן. מיר בלייבען אין דער היים. וואוהין קענסט דו מיט איהר ענטלויפען יעצט?

מ י נ י ע. איז זי שוין אוועקגעגאנגען?

ל ע אָ ן. יאָ, מאמע.

מ י נ י ע. און דו, דו געהסט נישט נאָך איהר? דו ועסט דיך נישט...?

ל ע אָ ן. ניין, מאמע.

מ י נ י ע (נעמט ארום זיין קאָפּ און קושט איהם). בין איך יעצט ווידער אויף די פיס, יעצט קאָן איך געהן, ווי ווייט איהר ווילט. — נעם, יעקעף, די פעקלעך, איך וועל נעמען מיין זוהן.

י ע ק ע ף (קלייבט די פעקלעך). אָי, וועה מיר נישט! אָי, וועה מיר נישט! מיר זאָלען זיך נאָר קענען אריבערכאפּען די גאס בשלום. איך וועל מוזען די פעקלעך בעהאלטען ערגיץ אין הויף. אָי, וועה מיר נישט! אָי, וועה מיר נישט! (געהען אוועק, מיניע אנגעשפּארט אָן לעאָנ'ען.)

# צווייטער אַקט.

## ערסטע סצענע.

אין שול. — אין מיטען די בימה מיט איהרעביידע אַרויפגייונג פון פאָרנט און פון הינטערגרונד; צו איהר זיינען צוגעמאַכט ביינק, פאר וועלכע עס שטעהען איינציגע סטענדערס. לינקס דער אָרון קדש, מיט אַ הויכען אַרויפגאַנג, אונטען דער עמוד, אויף וועלכען עס שטעהט אַ גרויסע זילבערנע מנורה מיט ברענענדיגע סטעאַרין־ליכט. דער עמוד איז איבערגעדעקט מיט אַן אַלטען אָבגעריבענעם סאַמעטענעם טישטוך, דער ארון קדש איז פערהאַנגען מיט אַ פרכת, אויף וועלכען עס איז אויסגעלעגט מיט גילדענע שניר אַ גרויסער מגן דוד, און אַ כפרת, אויף וועלכען עס זיינען אויסגענעהט מיט גאָלד און זילבער און פליטערלעך צוויי לייבען, וועלכע האַלטען אַ קליינעם מגן דוד. — לינקס און רעכטס פון דעם ארון קדש ציהען זיך לאַנגע העל געפארבטע ביינק מיט הויכע ווענטלעך און מיט סטענדערס פאר זיי, און צו צוויי הויכע פענסטער פון ביידע זייטען. אין הינטערגרונד דריי הויכע פענסטער און לאַנגע ביינק אָהן וועגטלעך מיט לאַנגע טישען פאר זיי; נישט וויוט פון דער רעכטער וואַנד שטעהט אַ גרויסער זייגער אין אַ קאַסטען. אין דער רעכטער וואַנד איז די גרויסע טיר; לינקס און רעכטס פון איהר צוויי גרויסע, הויכע קאַכעלנע הרובעס. אויבען די פענסטער פון דער ווייבערשער אָבטיילונג.

צוויי בטלנים, איינער גרויס און דיק, דער אַנדערער קליין און דין, זיצען אויף דער בימה־באַנק געגען אָרון קדש איבער זייערע סטענדערס, אויף וועלכע עס ליגען גרויסע גמרות, און שאָקלען זיך און זינגען־אונטער דעם גמרא־ניגון, אָהן ווערטער. ביידע אָרום דרייסיג און זעהר אָרם אָנגעטאָן.

ד ע ר ד י נ ע ר (מיט'ן גמרא־ניגון). ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך בין אויך הונגעריג!

ד ע ר ד י ק ע ר (מיט דעם זעלבען ניגון). און אז איהר זייט הונגעריג, היינט וואָס זאָל איך שוין זאָגען. אז איהר זייט הונגעריג איין מאָל, בין איך הונגעריג זיעבען און זיעבציג.

ד ע ר ד י נ ע ר. אָן אחרון של פסח אביסעל, נ־נו!

ד ע ר ד י ק ע ר (מיט'ן ניגון). דאָס טענ'ע איך דאָך.

ד ע ר ד י נ ע ר. איך ווייס, איך בין נישט קיין שטאַרקער עסער, און אַ מאָל געניגט מיר אַ פת חרבה מערב שבת לערב שבת, אָבער אזוי נישט עסען ווי היינט...!

ד ע ר ד י ק ע ר. וואָס דאַרפט איהר מעהר, שטענדיג פלעג איך מיך אחרון של פסח אזוי אָנעסען, אז איך, פערשטעהט איהר מיך, אז א י ך פלעג שוין זיין זאט די גאַנצע וואָך נאָך פסח און האָבען אַ שפּאַרענים אין די זייטען! קודם כל פלעג איך ארומגעהן מיט מיין בעל־הבית און זיינע כיבודים. די משפחה איז ביי איהם אָהן עין הרע גרויס — דאָס איז דאָך עפּעס שלמה פּעשעלים! — און עסען איז אומעטום פאַראַן כיד המלך — אלע, אַ חוץ זייער שאָדען, אויף אלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען! — פלעג איך טאַקי עסען. אָבער טאַקי עסען! וואָס וועל איך זשאַלעווען? זייערס? האָב איך טאַקי נעגעסען! גאָרנישט דורכגעלאָזען. און נאָכדעם, ערשט שפּעט ארום נאָך מיטאָג, אז מען פלעגט קומען אהיים, פלעגט זיך ערשט אָנהויבען די גרויסע אכילה, פערשטעהט איהר מיך, די גאַנץ גרויסע אכילה. מען פלעגט אריינעסען און אריינטרינקען ביז מנחה, פערשטעהט איהר מיך — מנחה פלעגט מען דאוונען אין עסען, און אזוי מעריב אויך — און טאַקי עסען, פערשטעהט איהר, ביז אַ שטיק אין דער נאַכט, און טאַקי שוין אָנהעבען מיט'ן חמץ, מיט אַ פרישינקער, וואַרימינקער בולעטשקע...

ד ע ר ד י נ ע ר (קרעכצט אָב). וואָס איז פאַראַן צו רעדען? היינט אָבער איז געוועזן אַ כאַפּענים אויף אלעמען...

ד ע ר ד י ק ע ר. היינט? זאָל עס נישט צוגעקומען ווערען!

פון אין־כבודים־געהן איז דאך נישטא וואס צו רעדען — מען האט דאך מורא געהאט א פוס ארויסצושטעלען אין גאס. און עסען האט מען געגעסען מיט אזא „בחפזון“, אז דאס „בחפזון“ פון די אידען אין מצרים איז געווען א הונד געגען איהם. קודם כל איז נישט געווען, וואס מען דארף עסען מיט לעפעל, ווייל די לעפעל זיינען זילבערנע און מען האט זיי ...לים געוועזען מן העין. האב אייך אלדע איך וויים וואס, האט בעסער הילצערנע לעפעל און גיט מיר אהער א גוטינקע סופ, א בארשטש, אז עס זאל געהן פון איהם א חיות אין אלע גליעדער, מיט'ן בארשטש־פלייש, אז עס זאל... פערשטעהט איהר מיך... נישט אזוי, וואס?

דער דינער. יא־יא!... מיינט איהר טאקי, אז עס וועט זיין א פאגראם?

דער דיקער. און אז עס וועט זיין א פאגראם, איז וואס? דארף מען דערווייליע נישט עסען? אז איך טענ'ע דאך מיין טענה: ווארט, האט צייט! מען דארף שטענדיג רעכענען, אז קיין פאגראם וועט נישט זיין. אידען וואוינען אין תרפ"ט שטעדט און שטעדטלעך און אומעטום רעדט מען פון פאגראמען — וועט דען זיין אין אלע תרפ"ט שטעדט און שטעדטלעך א פאגראם? דאס איז דאך חוזק! איז פאר וואס זאל איך רעכענען, אז ביי אונז אין שטאדט דוקא וועט זיין א פאגראם? מען רעדט? רעדט מען דאך אומעטום! בעסער לאמיר רעכענען, אז קיין פאגראם וועט נישט זיין און זיין א מענש, נישט פערשטערען, פערשטעהט איהר מיך, אזא טייערען טאג, אזא אחרון של פסח. אלא וואס, עס קען יא זיין א פאגראם? איז בעהאלטען זיך וועל איך דאך קיינמאל נישט אנווערען! נישט אזוי, וואס?

דער דינער. ביי מיר האט איהר גע'פועל'ט. איך קען שוין לייכט געפינען אן ארט אויף צו בעהאלטען זיך. אבער נעמט כדומה למשל אזא מענשען ווי איהר?

דער דיקער. איך האב אזא טייערען ארט, וואו צו בעהאלטען זיך, אז ווען איך וואלט געוועזען א גוט־אנגעגעסענער

ווי שטענדיג אן אחרון של פסח, וואלט איך דארטין געקאנט ליעגען טעג און טעג און קיינער זאל מיך נישט געפינען.

דער דינער. דהיינו וואו?

דער דיקער. טאקי דא אונטער דער שול, פערשטעהט איהר מיך!

דער דינער. וואו די חזירים פערקריכען זיך?

דער דיקער. איז מה בכך? עסען וועל איך זיי דאך נישט!

דער דינער. כ'מיין גלאט...

דער דיקער. און צווייטענס, קען מען דאך די חזירים ארויסטרייבען, בעטען זיי רעכט שיין מחילה און האבען טאקי מעהר ארט, פערשטעהט איהר מיך.

דער דינער. פאר נאך א סך אידען.

דער דיקע (מיט'ן גמרא־נגון). און פאר אידענעס טאקי אויך.

דער דינער (שאקעלט זיך פערנאנדער און קוקט אריין אין גמרא, מיט'ן נגון). איז נו? וואו האלטען מיר?

דער דיקער (מיט'ן נגון). מיר האלטען... מיר האלטען, אז א קיי טאן וואלט גאר נישט שלעכט געוועזען.

ר' משה (קומט אריין, אין שטריימעל און לאנגען מאנטעל, און קוסט די מזוזה). עדה קדושה, זייט מיר מוחל, וואס איך... (האקט זיך איבער.) די שול אליין? די — שול — אליין! —

די בטלנים (שאקלען זיך מעהר פערנאנדער און צוזינגען זיך אויפ'ן קול).

ר' משה (מיט מתיקות). ניין, אידען זיצען און לערנען תורה! א דאנק דיר, גאטוניו, וואס דו האסט מיך מזכה געוועזען דאס צו הערען! דיינע קינדער ווערען געשלאגען, און זיי זיצען און לערנען דיין תורה. (געהט נאך פארנט און דערזעהט די בטלנים. די מתיקות פערשווינדט פון זיין געזיכט.) הם, נאר זיי! — גאט,

ווי גרויס דיין פאלק ישראל איז! די ערגסטע ווערען ביי איהם די בעסטע.

דער דיקער. גוט יום־טוב, ר׳ משה! זאגט איהר עפעס?

ר׳ משה. גוט יום־טוב, קינדער, און א דאנק אייך! איך האב ערסט געוואלט עפענען מיין מויל צו א קללה, האב איך אייער לערנען דערהערט, און פון מיין קללה איז געווארען א ברכה.

דער דיקער. וועמען האט איהר עפעס געוואלט שעלטען?

ר׳ משה. וועמען? די שרעקעדיגע, די שוואכע, די גאט־פערגעסער, די, וועלכע האבען זיך אין זינען, נישט די שול. (זעצט זיך צו. מיד.) איך בין געלאפען אהער און האב געזעהען פאר מיר א פולע שול מיט אידען. הערט איהר, קינדער, איך בין געלאפען אין שול און האב מיר געטראכט, אז די שול וועט זיין פול פון אידען. יונג און אלט האב איך פאר מיר געזעהען, מענער, פרויען און קינדער. מיין הארץ איז אין מיר פערגאנגען פון פרייד און איך האב מיך געפרעהט און געשעמט, וואס איך וועל קומען א לעצ־טער, און איך האב געוואלט בעטען ביי זיי מחילה... עדה קדושה...

דער דיקער. עס האט שוין געדארפט אזוי זיין!

ר׳ משה. נישט אזוי, וואס? און איך קום אריין אין שול און עפען אויף מיין מויל, און גלויב מיינע אויגען נישט — נישטא קיין אידען! א שרעקליכער געדאנק איז מיר דורכגעלאפען, און א קללה האט זיך געלעגט אויף מיין צונג — א קללה שלא כתובה בתורה. אבער איהר האט די קללה ארויסגענומען פון מיין מויל, און גאט׳ס ברכה זאל אויף אייך פאלען, ער זאל אייך דערקוויקען, ווי איהר האט מיך דערקוויקט. (שטעהט אויף און דערהעכערט זיין קול.) א, לא אלמן ישראל! לא אלמן ישראל! ווען יענע דארט, די אפיקורסים מיינע, וואלטען אייך דא געזעהען, ווי פערשעמט וואלטען זיי געווארען! וואס איז ווערט זייער גאנצער מוט געגען אייער מוט? מה גבורתם, וואס איז זייער גאנצע גבורה און זייער גאנצער קאמפף געגען אייער זיצען דא און לערנען יעצט תורה?

די בטלנים (קוקען זיך אן בגנבה און דריקען מיט די אקסלען).

ר׳ משה. אבער, קינדער, איהר זאלט בעווייזען, אז אייער כח איז נישט בלויז די תורה צו לערנען, נאר אויך די תורה צו בעשיצען. ווי א הירש נאך וואסער, אזוי דארפען מיר אידען לויפען די תורה צו לערנען, אבער ווי א לייב דארפען מיר זיין, ווען עס גילט אבצוראטעווען אונזערע רייניגקייטען פון טמא הענד. פאר קיין שונא טארען מיר אונז ניט אבשרעקען און מאג ער זיין, ווי נאך גרויס. ווארום שטארבען פאר אונזערע רייניגקייטען על קידוש השם — קאן נאך זיין א זיסערער טויט?.. אבער וואס רעד איך צו אייך און שטער אייך אין לערנען. לערנט, קינדער, לערנט. איך וועל אליין אלץ אנגרייטען. איך וויים, וואו אונזער אייזענ־וואַרג שטעהט. איהר וועט זיין שטארק, איהר וועט זיין שטארק. (איילט ארויס.)

דער דיקער. פערשטעהט איהר עפעס, וואס ער מיינט?

דער דינער. פאר וואס זאל איך נישט פערשטעהן?

דער דיקער. אז — זאל גאר נישט קומען די שעה! — מען וועט אנפאלען אויף דער שול, זאלען מיר דאס זיין די אנשי־חיל און איינשטעלען זיך פאר די רייניגקייטען.

דער דינער. יא־יא, א גרויסע זאך וואלט עס געוועזען. מסירת־נפש על קידוש השם! א קלייניגקייט עפעס?

דער דיקער. נו, זאגט אליין, קאנט איהר עס?

דער דינער. איך מיין, איך שמועס... איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך וועל גאר שטארבען פאר שרעק, איידער זיי וועלען נאך צוקומען צו דער שול.

דער דיקער. און איך וועל ליעגען אונטען ביי די חזירים, אז איך וועל אפילו נישט וויסען, ווי איך בין אהין געקומען.

דער דינער (זיפצט אב). יא־יא.

דער דיקער. מיר פאלט אבער איין אן אנדער זאך. דאס אייזענוואַרג — די האק און די זעג און די אנדערע זאכען

קענען אונז צוניץ קומען אונטען! אז טאָמער קריכען זיי צו אונז אהין, איז א שניט מיט דער האק איבער דער שנויץ, אז פונקען זאָלען פליהען. גוט טאקי, וואָס ער האָט אונז דערמאָנט וועגען דאָס אייזענוואַרג.

דער דינער. מיר פאלט אָבער איין נאָך אַן אנדער זאך. ווי, אז זיי וועלען אונטערצינדען די שול און מיר וועלען ליעגען אונטען?

דער דיקער. איהר דארפט זעהען אַלץ פון דער שלעכ־טער זייט! ערסטענס, פאר וואָס זאָל איך גאָר טראכטען, אז זיי וועלען אונטערצינדען? און צווייטענס, וועט דאָס אייזענוואַרג טאקי נאָך מעהר צוניץ קומען.

ר׳ משה (קומט אַריין. אונטערן רעכטען ארם אַ האַק, אונ־טערן לינקען — אַ זעג מיט אַ גראָבאייזען, און מיטביידע הענד שלעפּט ער איבער דער ערד אַ שווער ברעכאייזען. ער עוסק׳ט זיך שווער ביים צומאַכען די טיר).

די בטלנים (צוזינגען זיך מיט׳ן גמרא־נגון).

ר׳ משה (שלעפּט זיך ארויף מיט מיה צום ארון־קדש). אָט דאָס, קינדער, איז אונזער געוועהר, און גאָט וועט שטארקען אונ־זערע הענד. די האק נעם איך. (הערבט אויף די האַק.) יאָ, זי איז לייכט. געווינג פאר מיינע אַלטע הענד און האקען וועל איך גאָט׳ס פיינד, כן יאבדו! — דו, גרויסער, נעמסט דאָס ברעכאייזען. שווער איז עס, אָבער אין דיינע הענד וועט דאָס זיין לייכט ווי א לייכטער שטעקען אויף צו שלאָגען די טמאים, ווי שמשון האָט געשלאָגען די פלשתים. — און דו, קליין און דאַר, ווי דו ביזט, קלייב דיר אויס די זעג צו דאָס גראָב־אייזען, און אַ געפעהרליך געוועהר זאָל עס ווערען אין דיינע הענד. (זיפצט.) איין געוועהר וועט בלייבען אָהן הענד, וועלכע זאָלען עס בענוצען. א שאָד. — גאָט, ווי קליין דיין חיל איז! נאָר מיר דרייען. און איך האָב דאָך געזעהען א פולע שול מיט אידען! — וואו זיינען דיינע אידען, גאָטוניו? וואו איז דיין חיל? — אָדער געניגען דיר די

דריי?.. (פיתרט זיך מיט דער האַנד איבער'ן געזיכט און באָרד.) מען טאָר נישט אזוי טראַכטען! מען טאָר נישט אזוי טראַכטען! אָ, לא אלמן ישראל! לא אלמן ישראל! — יאָ, קינדער, איהרביידע זייט שוין אַ גרויסע זאַך. און ווען איהר ביידע האָט זיך געקאָנט אויפהעבען צו אזא הויכער מדרגה, פאַר וואָס זאָל איך טראַכטען שלעכטס אויף אַנדערע אידען? עס וועלען נאָך קומען אידען! די, וועלכע וואוינען אויף יענער זייט פון דער לאַנגער גאַס, קענען נישט קומען, ווייל די פּאָגראָמשטשיקעס לאָזען זיי נישט. און די וועלכע...

דער דיקער. וועלכע פּאָגראָמשטשיקעס? האָט זיך שוין אָנגעהויבען דער פּאָגראָם?

ר' משה (לאַנגזאַם). האָט איהר עס נאָך נישט געוואוסט?

דער דיקער. איך האָב נאָך גאָר גערעכענט, אז עס וועט אריבער אזוי. אָהן אַ פּאָגראָם.

דער דינער (קוקט מיט שרעק אויף טיר און פענסטער, און עס העבט איהם אָן צו טרייסלען אַ צאָן אָן אַ צאָן).

ר' משה. איז וואָס זייט איהר אזוי בלייך געוואָרען און וואָס קלאַפּען אזוי אייערע ציין? זייט פעסט, איהר גאָט'ס סאָלדאַטען! קומט ארויף אהער. דאָ ביים אָרון־קדש וועלען מיר שטעהן, און פעסט וועלען מיר שטעהן, נישט אָבווייכען וועלען מיר...

ביידע בטלנים (וואַרפען שרעקעדיגע בליקען אויף טיר און פענסטער און הערען איהם גאָר נישט).

ר' משה. זייט פעסט, קינדער, זייט פעסט און קומט צו זיך.

דער דיקער. זיינען זיי שוין אויף דער לאַנגער גאַס? וואו האָט זיך עס אָנגעהויבען? ווען האָט זיך עס אָנגעהויבען?

ר' משה. וואָס ארט דיך, וואו און ווען? דער פיינד איז נאָהענט, דער פיינד קאָן קומען יעדען אויגענבליק. איהר זייט שטאַרק און אָנגעגרייט.

דער דיקער. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב נאָך צו גאָט, אז ביז צו דער שול־גאַס וועט נישט דערגעהן...

דער דינער. אך, הלואי, רבונו של עולם! הלואי זאָלען זיי גאָר פריהער א כפרה איינגעמען, איידער זיי וועלען בעפאלען די שול־גאַס.

ר' משה (קוקט זיך אין זיי שארף איין). און אז זיי וועלען דאָך בעפאלען די שול־גאַס?

די בטלנים (קוקען זיך איבער פערלעגען און וואַרפען זייערע שרעקעדיגע בליקען אויף טיר און פענסטער).

ר' משה (דערהעכערט זיין קול). וועט איהר ענטלויפען? וועט איהר פערלאָזען די שול און די רייניגקייטען?

דער דיקער. אז איך זאָג דאָך, אז איך האָב נאָך צו גאָט...

ר' משה. שווייג! דערמאָן נישט גאָט'ס נאָמען אומזיסט! — (איינגעהאַלטענער.) ענטפערט, וועט איהר ענטלויפען? וועט איהר אייך בעהאַלטען?

דער דיקער. זאָגט אליין, ר' משה, ווי קענען מיר אונז שטעלען געגען די גוים? וואָס פאר א בעטרעף קענען מיר האָבען געגען זיי? מיר, שוואַכע אידען, באַנק־קוועטשער?..

דער דינער. און דערצו נאָך כמעט הונגעריגע.

דער דיקער. אלץ הייסט הונגעריגע! מיר האָבען דאָך היינט כמעט ווי גאָר נישט געגעסען. איהר מיינט דאָך, אז מיר האָבען דאָ געלערנט, האַ? קען איך אייך זאָגען, אז מיר האָבען איינפאך נישט געקענט לערנען פאר הונגער. וועלען מיר אונז שטעלען געגען געזונטע, אָנגעפרעסענע גוים?

ר' משה. און קידוש השם?

דער דיקער. דאָס איז טאקי א גרויסע זאך, אָבער מיר זיינען אַ־פנים נישט מסוגל דערצו.

דער דינער. אָך־אָך־אָך!

דער דיקער. און וואָס איז דאָ פאראן צו רעדען?

ווי מיר דערהערען נאָר דעם ערסטען גערויש, זיינען מיר שוין מעהר נישטאָ אין שול.

ר' משה. וועה איז מיר, וואָס איך הער! — אָבער ווי איך האָב פריהער געבענשט, אזוי וועל איך אייך יעצט שעלטען. רשעים זייט איהר, און איהר פעראונרייניגט די שול ערגער ווי די טמא גוים. וואָס ווילט איהר דאָ? אייער לערנען איז נבול־פה, אייער לויבען גאָט איז לעסטערונג. שטעהט נישט פאר מיינע אויגען, איך זאָל נישט געברויכען דאָס אייזען צוערסט אויף אייערע קעפּ. ארויס, איהר טמאים!

דער דינער (טראָגט זיך אָב אויף דער אנדער זייט בימה).

דער דיקער (אָבטראָגענדיג זיך). פון דעסטוועגען דארפט איהר נישט אזוי שרייען, רב משה. איהר זייט דאָ נאָך נישט דער גאנצער בעל הבית. (טראָגט זיך אָב צום דינעם.)

ר' משה (קעמפענדיג מיט זיין כעס). און פאר די מנוולים, גאָט, האָב איך דיר געדאנקט! — גאָט, וואו זיינען דיינע אידען? וואו זיינען דיינע אידען, גאָט? (פאַלט צו צום אָרון־קודש.) נעם מיך צו, גאָט, לאָז מיר נישט לענגער לעבען! פאר א מגיד האָסטו מיך געמאכט, איך זאָל פערשפרייטען דיין וואָרט צווישען דיינע אידען, איך זאָל זיי לערנען דיין געבאָט און געווינען דיר זייערע הערצער. איך האָב עס געטאָן מיט מיין גאנצען הארצען, מיט מיין גאנצער נשמה, איך האָב צו זיי גערעדט און בין נישט מיד געוואָרען, און יעצט שטעה איך פאר דיר און מוז דיך פרעגען: וואו זיינען דיינע אידען, גאָט? וואו איז דיין חיל? ציייג מיר זיי, אָדער נעם מיך צו. איך קאָן נישט מעהר, גאָטוניו! (בעהאַלט דאָס געזיכט אין פרוכת. באַלד שטיל, מיט א פערשטיקטען קול.) אידען, וואו זייט איהר? אידען, וואו זייט איהר? — (באַלד שטעלט ער זיך אויף.) גאָט, דאָס האָסט דו מיר דעם געדאנק ארייננעגעטאָן? שיקסט דו עס מיך? (שפּרייט פערנאנדער די הענד.) איך געה. אין די גאסען וועל איך זוכען, אין די הייזער וועל איך אָנקלאפּען. אידען, גאָט'ס הויז איז אין געפאהר! אידען, טמאים ווילען

אונזער תורה פעראונרייניגען! גאָט, דו האָסט מיך געטרייסט, און אַ פרייד פילט אָן מיין הארץ. איך האָב געלעבט מיין לאַנג לעבען נאָר פון דעם טאָג ווענען. ווי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, וועל איך היינט צוזאמענגעמען אלע מיינע אידען מלחמה צו האַל־טען פאר זייערע הייליגקייטען. נישט אָן איינציגער און אַ לעצ־טער בין איך, נאָר אַן ערסטער און אַ זאמלער. אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט מיך אויסגעוועהלט דערצו! מיט מחנות, גרויסע מחנות וועל איך מיך אומקעהרען צו דיין הויז. אבהענדיגע וועלען מוטיג ווערען, און שוואכע וועלען ווערען שטאַרק. זיי מיר מיין פיהרער, גאָט! איך געה. מי לה׳ אלי! (געהט אַרויס פון שול מיט פעסטע טריט.)

די בטלנים (ווייכען איהם אויס, אַריבערלויפענדיג אויף אַן אַנדער זייט בימה).

## צווייטע סצענע.

באַנקיר הערשמאַן'ס קאַבינעט. די פּאָדלאָגע אויסגעלעגט מיט אַ גרויסען טעפּיך. אין מיטען צימער, מעהר צו דער לינקער וואַנד, אַ שרייבטיש, אויף וועלכען עס ליעגען פערשיעדענע פּאַפּיערען און ספרים אין דער בעסטער אָרדנונג. לינקס אין מיטען וואַנד אַ גרויסער געלדשראַנק, צווישען דעם געלדשראַנק און דעם טיש אַ גרויסע קרעסלאָ. פון אלע אַנדערע דריי זייטען טיש שטעהען קלענערע קרעסלאָס. רעכטס פערנעמען די וואַנד גרויסע שריינק מיט ספרים. אין הינטערגרונד די טיר. לינקס אין פאָרדערגרונד אַ גרויסער שאָקעלשטול. אויף דער לינקער וואַנד הייגען די גרויסע בילדער פון זייערע מאַיעסטעטען, אויף דער רעכטער וואַנד בילדער פון פערשיעדענע גדולי און גאוני ישראל.

דער יונגער הערשמאן זיצט אויפ'ן שאָקעלשטול, אָהן א הוטעל, א צאָנשטעכער אין מויל און אַ צייטונג אין די הענד. דער רב מיט איין דיין שטעהען פאר די שריינק מיט די ספרים און בעקוקען די רוקענס, דער צווייטער דיין זיצט אויפ'ן קרעסלאָ ביים אונטערסטען ברעג פון טיש, אַ ביסעל אויף אַ זייט, ווי איינער, וועלכער לײדט פון מערידען.

ד ע ר ר ב (בעקוקענדיג). פיינע ספרים! פיינע ספרים!

ע ר ס ט ע ר ד י י ן. יק־קר המציאות.

ד ע ר י ו נ ג ע ר ה ע ר ש מ א ן (פון הינטער דער צייטונג). לשום נוי, רבינקעס, לשום נוי! נאָר פון שיינקייט וועגען. ווערען קיינמאָל נישט אויפגעמאכט. נישט די אין די שריינק, נישט די אויפ'ן טיש. זייט איך געדענק, האָט ער דאכט זיך די שריינק נישט אויפגעמאכט. סיידען מעהר נישט אויף איבערצובייטען די ספרים, וועלכע ליעגען אויפ'ן טיש.

ע ר ס ט ע ר ד י י ן. פון ח־ח־חדר זאָגט מען אָבער נישט אויס, און משמע נאָך אויף א טאטען.

דער יונגער הערשמאן. דעם אמת מעג מען זאגען אפילו אויף אן אייגענעם טאטען.

דער רב (חניפה'דיג). א טייערער זוהן!

צווייטער דיין. יא, א מענש, וועלכער האט אויף זיך אזויפיעל געשעפטען.

דער רב (בעקוקענדיג אלץ). פיינע ספרים! פיינע ספרים!

הערשמאן (קומט אריין און געהט צום גרויסען קרעסלא). מכבד געווען די סאלדאטען מיט א ביסעל פסח'דיגען שפירעט. זאל זיי געשמאקער זיין צו שטעהן. (זעצט זיך.) נישט א פריינדליכקייט פון זיין עקסעלענץ? וואס? פינף סאלדאטען צו שיקען! מען קאן יעצט מיינען, ווער ווייס וואס פאר א גענעראל עס וואוינט דא. העהע. — נו, רבותי, נעמט פלאץ און... (צום זוהן.) דו זאלסט זיצען און הערען און שווייגען. זאלסט דיך נישט אריינמישען, אז נישט, זיי דיך גלייך משלח.

דער יונגער הערשמאן (פון הינטער דער צייטונג). אור־הום.

דער רב (זעצט זיך געגען הערשמאנען).

דער ערסטער דיין (זעצט זיך געגען דעם צווייטען).

הערשמאן. אלזא, רבותי. —ווי געזאגט, האב איך אייך איינגעלאדען צו מיר נישט בלויז, ווייל איך האב געוואלט, אז אין דער עת צרה זאלט איהר נישט זיין אין אייערע אונבעשיצטע הייזער און אייך זאל חס ושלום קיין אונגליק נישט צופאלען — דאס האב איך טאקי זעהר געוואלט. אבער דערצו האב איך געוואלט מיט אייך איבעררעדען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין, וועלכער איז שטארק נוגע דעם כלל ישראל און אונזער אמונה. איך באדויער דערפאר דאפעלט, וואס מיין מענש האט נישט געפונען ר' משה'ן אין דער היים. ראשית האב איך מורא, אז מיט איהם זאל זיך עפעס נישט טרעפען, און שנית וואלט ער אונז דא זעהר צונוץ געקומען.

דער רב. לאמיר האפען צו השם־יתברך, אז מיט איהם

וועט גארנישט טרעפען. מסתמא געפינט ער זיך ערגעץ אין א מקום בטוח, און אם ירצה השם, ווען די סכנה וועט אריבער, וועט מען זיך קענען מיט איהם דורכרעדען. מסתמא קומט עס דאך נישט אן אויף די שעה און טאג?

הערשמאן (א ביסעל אונגעדולדיג). איז אזוי... ווי געזאגט עס קלאגט מיר נאטירליך מיין הארץ אויפ'ן פאגראם. ער האט נישט געדארפט זיין און נישט געטארט זיין. איך רעד שוין נישט פון די אונגליקליכע, וועלכע וועלען דירעקט ליידען פון איהם. א סך אידען וועלען — אל תפתח פה לשטן — געווים אומגעקומען ווערען, נאך מעהר מסתמא וועלען פערוואונדעט און בעראבעוועט ווערען. איך רעד שוין נישט פון דעם. איך רעד נאר פון ווייטער. ווער ווי איך ווייס נאך, וואס פאר א צרות עס וועלען זיך אנהעבען ערסט נאך דעם פאגראם. די ארמקייט וועט גרעסער ווערען, קרעדיט וועט זיך שטעלען, געשעפטען וועלען פאלען, און נישט בלויז אין אונזער שטאדט, נאר אין נאך א סך שטעדט, וואו אידען פיהרען געשעפט. מיט איין ווארט, עס וועט זיין שלעכט, אז השם ירחם. אבער ווי געזאגט, און דאס איז דער עיקר — אונזערע אידעלעך זיינען אליין שולדיג. ווי שטעהט עס אין פסוק? וישמן ישורון ויבעט — עס איז זיי געווארען צו גוט, האבען זיי אנגעהויבען צו בריקען און רייסען זיך אויף גלייכע ווענד.

דער רב. דאס איז דאך, וואס איך טענ'ע שטענדיג: וישמן ישורון ויבעט.

ערסטער דיין. ווי־ווי־ווער ווייס עס נישט? ווי־ווי־ווער זעהט עס נישט.

דער יונגער הערשמאן (מיט'ן גמרא ניגון). און טאמער פערקעהרט? טאמער דערפאר, ווייל זיי איז צו שלעכט?

צווייטער דיין. און דאס איז אויך אמת.

הערשמאן (רוגזהדיג). איך ווייס שוין, וואס איך רעד. עס איז זיי צו גוט געווארען, דערפאר האבען זיי צו הויך אויפגע־הויבען די קעפ און דערפון נעמען זיך אלע צרות. ווער ווי איך

ווייס עס נאך אזוי. איך הער מיך אן גאנץ אפט וועגען אונזערע אידעלעך גאר אין די הויכע פענסטער — פערשטעהסט איהר מיך, גאר אין די הויכע — און איך זאג אייך: איך שעם מיך! אויף מיין עהרענוואָרט, איך שעם מיך.

דער רב און די דיינים (קרעכצען אָב).

הערשמאן. אָט דאָ נישט לאנג האָב איך געהאט א גע־שפרעך מיט זיין עקסעלענץ. זאָגט ער צו מיר: ביי מיין גאנצער גוטהערציגקייט...

דער יונגער הערשמאן (זיפצט איראָניש אָב פון הינטער דער צייטונג). אי־אי!

הערשמאן (ווארפט איהם צו א שטרענגען בליק). ביי מיין גאנצער גוטהערציגקייט, האָט ער געזאָגט, און ביי מיין בעסטען ווילען קאָן איך דאך אייערע אידען נישט ליידען. זיי האָבען, זאָגט ער צו מיר, ווי זאָל איך עס אייך זאָגען, זאָגט ער, זיי האָבען שוין צופיעל חוצפה. מען זאָגט, זאָגט ער, אז אידען זיינען טרוסען, און איך זאָג, זאָגט ער, אז זיי האָבען שוין צופיעל קיין מורא נישט. זיי פעהלט, זאָגט ער, די מורא. די מורא, זאָגט ער, פעהלט זיי. און מען וועט זיי דארפען, זאָגט ער, אויסלערנען מורא צו האָבען.

צווייטער דיין. נו, נו, וועלען זיי שוין יעצט מורא האָבען.

הערשמאן. איז וואָס האָב איך געזאָלט ענטפערען אויף דעראויף? איך ווייס, זאָג איך, אז מיר האָבען שלעכטע שעפסען, זאָג איך; אָבער, זאָג איך, דארף דערפאר ליידען די גאנצע סטאדע?

ערסטער דיין. ג־ג־גוט! ג־ג־גוט!

הערשמאן. און ווער זיינען דאָס? זאָג איך. אויסוואור־פען, מיט וועלכע מיר שעמען זיך גאר, יונגע לייטלעך, וועלכע זיינען גאר קיין אידען נישט מעהר. נעמט, זאָג איך, כאָטש מיך. בין איך דען נישט גרייט, זאָג איך, אוועקצוגעבען מיין גאנץ האָב און גאָב דער רעגיערונג און אונזער לאנד?

דער יונגער הערשמאן (הוסט איראָניש אָב).

ה ע ר ש מ א ן (שטרענג). דו זיצסט רוהיג אָדער דו געהסט ארוים!... און וואָס, מיינט איהר, האָט ער געענטפערט? אייך, זאָגט ער, קען איך גוט, הלואי וואָלטען אלע אידען אזוי געווען. אָבער דאָס גוטס, וואָס מען האָט פון אייך, איז גאָר נישט געגען דאָס שלעכטס, וואָס מען האָט פון די אנדערע. אזוי האָט ער געזאָגט. און וואָס האָב איך געזאָלט ענטפערען?

ד ע ר ר ב (קרעכצט אָב). יאָ־יאָ!

ד י ד י י נ י ם (דריקען מיט די אַקסלען). הו־הום!

ד ע ר י ו נ ג ע ר ה ע ר ש מ א ן (פון הינטער זיין צייטונג). איך וואָלט שוין געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. מיט מיר האָט ער עס געדאַרפט רעדען.

ה ע ר ש מ א ן (מיט א בייזען בליק). איך ווייס, אז דו ביזט א גבור מיט דער צונג — ביי מיר אין דער היים!... מיין ליבעראַל, דו! (קנייטשט די שטערן.) איז, ווי איהר זעהט, זיינען אונזערע אידעלעך אליין שולדיג אין זייערע יעצטיגע צרות, און דאָס טאָר ווייטער אזוי נישט געהן. אויף אונז ליגט דער חוב אריינצוטאָן זיך אין דער זאַך, דער עיקר טאַקי אויף אייך.

ע ר ס ט ע ר ד י י ן. אי־איך זאָג זיך פון מיין חלק נישט אָב. (מיט אַ בייזען בליק אין דעם רב׳ס זייט.) עס האָט שוין ל־לאנג געמוזט געהאָלפען ווערען.

ד ע ר ר ב (קרימט איהם גיפטיג נאָך). א־איז וואָס האָט איהר געשוויגען?

ה ע ר ש מ א ן. וואָס געוועזען, איז געוועזען, יעצט מוזען מיר אונז אָבער נעמען צו דער זאַך און ביד חזקה. — קודם כל, רבותי, מוזען מיר וויסען, פאַר וואָס איז דאָס אזוי? פון וואנען קומט די גאנצע שלעכטיגקייט צו אונזער פאָלק? און דאָס איז נישט שווער צו דערגרינדען. אלע צרות נעמען זיך דערפון, וואָס אידישקייט איז געפאַלען.

ד ע ר י ו נ ג ע ר ה ע ר ש מ א ן (ניסט אָב הינטער זיין צייטונג). האַפטשי.

דער רב (כמעט שטרענג אין דעם יונגען הערשמאַן'ס זייט). אלץ הייסט געפאלען! עס איז אויפגעשטאַנען א דור שכולו חייב!

ערסטער דיין. די שולען ווערען פוסטער, די ישיבות ל־לעדיגער, די חדרים וו־ווייניגער.

צווייטער דיין. א שרעק פאלט אָן, אז מען דערמאָנט זיך, אויף מיינע נאמנות.

הערשמאן (אונגעדולדיג, וואָס מען האָט איהם איבערגעריסען). אָט דאָס וויל איך דאָך רעדען. עס איז אויפגעשטאַנען א דור, וועלכער לעבט אָהן אמונה און אָהן גאָט. מען האָט זיך אויסגעטאָן פון אלץ, מען האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך יעדעם יאָך. די טומאה האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, די כפירה שפּאַציערט ארום אין די גאסען, און אין בית אשר אין שם מת, ניטאָ קיין שטוב, וועלכע איז נישט געריהרט געוואָרען. די קלענערע לערנען זיך אָב פון די גרעסערע, די נידריגע פון די העכערע. און אז מען האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך די אימתא דאורייתא, האָט מען אראָבגעוואָרפען פון זיך די אימתא דמלכותא. דערפאר נעמען זיך דאָס אלע מורדים און בונטאָווישציקעס פון אונזערע אידעלעך, דערפאר וואו נאָר א צרה, איז דאָרטין א איד.

צווייטער דיין. אמת'ע ווערטער!

דער רב. אָט, דאָס טענ'ע איך דאָך שטענדיג.

הערשמאן. פון שטענדיג טענ'ען קומט אָבער גאָר נישט ארויס. פון זאָגען ווערט מען נישט טראָגען. ווייניגער גערעדט און מעהר געטאָן, פערשטעהט איהר מיך. געטאָן מוז ווערען!

דער רב. א־ודאי מוז געטאָן ווערען!

ערסטער דיין. נ־נ־נאָך ווי מוז געטאָן ווערען!

צווייטער דיין (זיפצט אָב). יאָ, יאָ. אָבער ווי? אָבער וואָס?

הערשמאן. אָבער ווי? אָבער וואָס? די גאנצע צרות נעמען זיך דערפון, וואָס אונזערע רבנים, דיינים און מגידים בענעמען זיך, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, ווי די לעמעשקעס, נישט

וויסענדיג וואו איין און וואו אויס. זיי האָבען ארויסגעלאָזען די וואַסקעוועס פון זייערע הענד און געלאָזען געהן ווי עס געהט.

צווייטער דיין. רבנים... דיינים... מגידים... ד'מע! וואָס קאָנען מיר טאָן? רעדען? נו, טיק רעדען מיר!

דער יונגער הערשמאן (ברעכט אויס אין א געלעכטער און קלאַפּט זיך איבער די קני). גוט! גוט!

ערסטער דיין. ווער רעדט? א־איך דער אָדער אפשר א־איהר רעדט?

צווייטער דיין. רעדט ר' משה. א קליינער רעדנער איז עפּעס ר' משה? אז ער רעדט, דערנעמט ער דאָך דאָס הארץ, אז א שטיין דאכט זיך האָט געדאַרפט געריהרט ווערען. אָבער וואָס? העלפען טאקי זיינע דרשות מיט זיינע מגידות ווי א טויטען באנקעס. און אז דער רב רעדט? אָט האָט ער גערעדט ועגען דעם סטרייק אין דער טאבאק־פאבריק און געזאָגט מוסר די סטרייקער. איז וואָס? האָט ער געקראָגען צו הערען, אַז ער זאָגט דאָס פאר א פינף־און־צוואנציגער און עס איז ארויסגעקומען א סקאנדאל אין שול. — כ'מיין עס איז טאקי שלעכט, וואָס איז פאראן צו רעדען.

דער יונגער הערשמאן (קוקט ביי די לעצטע ווערטער פון הינטער דער צייטונג אויפ'ן רב מיט א שטעכעדיגען שמייכעל אויף די ליפּען).

דער רב (מאכט אן אונצופריעדען געזיכט).

הערשמאן (מיט כעס). איז ווייסט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען? אויב איהר טראָגט אייך אלע אום מיט אזעלכע געדאנקען, איז האָב איך מיט אייך מעהר נישט וואָס צו רעדען! איז א סוף! איז א פריהער וועט מען מוזען האָבען אנדערע רבנים און דיינים און נאָכדעם וועט מען ערסט קאָנען זעהן טאָן עפּעס וועגען אידישקייט און די אנדערע זאכען. מיט אזעלכע...

דער רב. איהר דארפט נישט זיין אזוי אין כעס, ר' הערשמאן. דאָס האָט דאָך ר' זיסעל אזוי גערעדט, יעצט הערט מיך אויס. איך וועל אייך דערצעהלען דעם גאנצען אמת. עס

איז בלויז א צופאל, וואס איהר האט דער ערסטער אונז פערזא־מעלט און געמאכט א רעד וועגען „איך לבער הרע מקרב העם". איך טראג מיך שוין לאנג ארום מיט אזא געדאנק און פריהער אדער שפעטער וואלט איך מסתמא צונויפגערופען אזא אסיפה.

הערשמאן. מסתמא! מסתמא!

דער רב. וואס מיר האט געפעהלט איז טאקי צו וויסען, וואו איהר האלט, ווי שטעהט עס מיט אייך.

הערשמאן. ווי? איהר זייט געווען אין ספקות וועגען מיין אידישקייט און מיין פרומקייט? האט איהר, הייסט עס, מיך שטענדיג געהאלטען פאר א צבועק?

דער רב. חס מלהזכיר! זאלט איהר מיר געזונד זיין, ווי האב איך דאס גאר געקאנט וואס איך האב געוואלט וויסען, איז, צו זייט איהר געניינט אנצוגרייפען די זאך ביד חזקה. וועגען אייער פרומקייט און יראת־שמים ווער קאן גאר זיין אין ספקות? איך וועל זאגען, ווי זיין עקסעלענץ האט געזאגט: הלואי וואלטען אלע אידען געווען אזוי ווי איהר! וואלט היינט קיין פאגראם נישט געוועזען און מיר וואלטען די אסיפה נישט געהאט. אבער כהיות, ווי איך האב געזעהען, אז טאקי, ווי איהר האט געזאגט, אז אין בית אשר אין שם מת, האב איך מיר געזאגט, אז איך מוז מיר די זאך גוט איבערלעגען. (מיט א חניפה־טאן.) וואס זאל איך לייקענען, ווערמען, אייך האב איך נישט געוואלט האבען אין דעם צד שכנגדי.

הערשמאן (קלאפט גע'חנפ'עט מיט די פינגער איבער'ן טיש, זאגט אבער שטרענג). דאס איז אבער געווען א גרויסע זינד, מוז איך אייך זאגען. איהר האט דא נישט געטארט נושא־פנים זיין, ווען איך וואלט אפילו געווען נעגען אייך.

דער רב. און וואס וואלט געוועזען, ווען איך וואלט מיך געשטעלט געגען אייך? צווישען אונז גערעדט, וואס איז א אידי־שער רב געגען א ר' הערשמאן? אבער ווי די מעשה איז, יעצט... יעצט וויל איך אייך ווייזען, אז בשכבי ובקומי, אין דער פריה און

ביינאכט האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראכטען, וואָס טוט מען, אז אונזער אמונה זאָל נישט פערלאָרען געהן גאָר אין גאנצען.
(שנייצט די נאָז און טוט א שמעק טאבאַק.)

די דיינים (טוען דאָס גלייכען).

הערשמאן (נעמט אויך א שמעק טאבאַק און שפארט זיך אָן אָן ווענטעל פון קרעסלאָ).

דער יונגער הערשמאן (קרעכצט איראָניש אָב). יאָ, יאָ.

דער רב (מיט גרויס וויכטיגקייט). ראשית מוזען מיר וויסען, פאר וואָס די אידישקייט איז געפאלען, פון וואנען נעמט זיך דער שורש הרע, און דאָ זיינען מיר כולנו מודים, אז דער שורש הרע ליעגט אין די שקאָלעס און אין דער השכלה, אין די צייטונגען און די ביכלעך, וועלכע פערפלייצען אלע אידישע הייזער, אין די לעהרערלעך און די שרייבערלעך, וועלכע האָבען זיך אָנ־געפלאָדיעט ביי אונז, ווי ווערים אין א נבלה. און ווען מיר ווייסען דעם שורש הרע, קאָנען מיר אויך שוין וויסען איך לבער את הרע.

דער יונגער הערשמאן (פייפט אויס). אָהאָ, אזוי ווייט געהט איהר שוין? ווילט איהר אפשר אסר'ן די „השכלה"?

דער רב. אסר'ן זי, מחרים זיין זי, עוקר זיין זי מן השורש! ווי אונזערע חכמים בדורם, אזוי מיר אין אונזער דור. ווען די אידישקייט איז געוועזען אין סכנה רחמנא לצלן, האָבען זיי געאסר'ט חכמת יון, אזוי מוזען מיר זי אסר'ן און מחרים זיין. אל דאָס בייז קומט פון איהר, די גאנצע כפירה און די גאנצע הילולת. זיי רופען זי ליכט און זון, און איך זאָג, א ליכט איז זי, מיט וועלכען מען צינדט אונטער א הויז, און א זון, פון וועלכער מען קריגט דעם שלאָג. אלע מורדים ופושעים קומען פון איהר ארויס, קינדער האָט זי אָבגעריסען פון עלטערען, און פון דעם גאנצען פאָלק ישראל האָט זי געמאכט א תל. עוקר זיין מוז מען זי מן השורש מיט אלע איהרע משכילים!

דער יונגער הערשמאן (ברעכט אויס אין זיין געלעכטער און רייבט זיך די קני).

הערשמאן. ערסטענס, האב איך דיר געזאגט, אז דו זאלסט זיצען און שווייגען, און אז נישט, זאלסטו ארויסגעהן. און צווייטענס, זאג איך דיר, אז דער רבי האט געזאגט ריכטיגע ווערטער. עוקר זיין מן השורש, און איך וויים, אז דאס וועט גאר נישט שווער זיין. ערסטענס וועלען מיר זעהען, אז אלע אידישע שקאלעס זאלען צוגעמאכט ווערען, די אידישע צייטונגען זאלען פערבאטען ווערען און אין די אלגעמיינע שקאלעס זאלען אידען נישט צוגענומען ווערען. די רעגיערונג וועט געוויס עס טאן אונז, ווען מיר וועלען זי בעטען. איך וויים עס גוט און אין דעם פערלאזט זיך שוין אויף מיר. און ווען די רעגיערונג חס ושלום וועט נישט וועלעןביישטעהן אונז אין דעם, וועלען מיר מוזען זעהן צווישען אונז אידען אליין, אז די שקאלעס און די צייטונגען און די לעהרערלעך און די שרייבערלעך זאלען נישט קאנען עקזיסטירען, און צו די עלטערען, וועלכע שיקען זייערע קינדער אין די גוי'שע שולען, וועלען מיר אויך זעהן געפינען עפעס א מיטעל, אז זיי זאלען עס נישט טאן.

דער רב. אט זעהט איהר, ווי אהן אייך וואלט איך גאר־נישט געקאנט מאכען? ערסטענס, טאקי ביי דער רעגיערונג אליין. ווער קאן ביי איהר אויספיהרען אזא זאך אזוי לייכט ווי איהר? און צווייטענס, ביי אלע אבמאכונגען צווישען אונז אידען אליין מוזען מיר דאך שטענדיג האבען די מאכט, וועלכע זאל קאנען צו־דריקען די בעל־דבר'ס צו דער וואנד, ווען דאס זאל זיין נויטיג. יעצט איז אזוי: אז איהר זייט צוגעשטאנען, וועלען צושטעהן נאך אנדערע געלד־לייט, און אז די געלד־לייט וועלען צושטעהן, דאן קאנען מיר שוין מאכען, וואס מיר ווילען. ווי איהר זאגט: די שקאלעס פערמאכען, די צייטונגען פערבאטען, ותחת זאת וועלען מיר ארויסגעבען אונזערע אן אייגענע צייטונג, אויפעפענען ישיבות...

ד ע ר   י ו נ ג ע ר   ה ע ר ש מ א ן (לאכענדיג). און איך זאג אייך, אז פון אלע אייערע פלענער וועט גארנישט ווערען. עס וועט זיך אויסלאזען פון אלץ א נעכטיגער טאג. הבל הבלים שהכל הבל. איך זאג אייך, איך וועל זיין דער ערסטער, וועלכער...

ה ע ר ש מ א ן. דו זאלסט שווייגען, מיין... מיין ליבעראל דו! (צו די איבריגע.) ווערט נישט נתפעל פון זיינע רעד. איהר דארפט וויסען, אז איך האב איהם לכתחילה געלאזען דא זיצען, ווייל איך וויס, אז מיט דער צייט וועלען מיר האבען אין איהם א גוטען העלפער.

ד ע ר   י ו נ ג ע ר   ה ע ר ש מ א ן (לאכט פון פולען האלז).

ה ע ר ש מ א ן. ווען עס איז געווען ביי אונז דער גרויסער סטרייק, איז ער געוועזען דער ערסטער, וועלכער האט געשריען, אז מען דארף זיך ווענדען צום רב. עס איז איינפאך זיין אייגענע טובה, אז דער עולם זאל זיין פרום. (פערכאפט זיך.) איך מיין, אז מתוך שלא לשמה יבוא לשמה, אז מיט דער צייט וועט ער אונז העלפען טאקי פון דער פרומקייט וועגען אליין. אלזא ווייטער, וואס האב איך אייך געוואלט זאגען? — יא, טאקי וועגען די ארבייטער...

ע ר ס ט ע ר   ד י י ן. א־אט וועגען זיי האב איך טאקי גע־וואלט רעדען. נ־נאך מיין מיינונג נאך, ד־דארפען מיר אליין אט די אלע א־ארבייטערלעך, די אלע בונטאוושציקעס און סאציא־אליסטלעך, ימח שמם וזכרם, א־איבערגעבען דער רעגיערונג אין די הענד.

ה ע ר ש מ א ן. דאס איז דער איינציגער און דער ריכטיגער מיטעל.

ע ר ס ט ע ר   ד י י ן (קומט אריין אין היץ). מיר דארפען נישט קוקען אויף אייגענע קינדער, אויף ברידער און שוועסטער. ניטא ק־קיין רחמנות! מ־מיר אליין מוזען העלפען דער רעגיערונג אויסצוראמען זיי, אז עס זאל נישט ב־בלייבען פון זיי קיין שריד ופליט!

צווייטער דיין. דאס געפעלט מיר שוין גראד נישט. דאס שמעקט מיט מסירות. פע!

הערשמאן. און איך זאג אייך, ר׳ זיסעל, אז איהר זייט א תם און אן עובר בטל, זאלט איהר מיר מוחל זיין, אן עובר בטל זייט איהר! נישט קיין דיין, נאר א באביצע!

דער רב. קנא קנאת ה׳ צבאות — מיר מוזען מלחמה האלטען גאט׳ס מלחמה...

ערסטער דיין (היציג). או־או־הום!

דער רב. מיר מוזען אברייניגען דעם נאמען פון זיין פאלק ישראל, וועלכער איז פערמיאוסט געווארען צווישען די פעלקער...

ערסטער דיין (נאך היציגער). או־או־הום!

דער רב. מיר מוזען... (עס קלינגט שטארק.)

הערשמאן. ווער קאן עס יעצט קומען? (צום זוהן.) געה טו א קוק.

דער יונגער הערשמאן (הערט זיך לאנגזאם אויף. — א גערויש הינטער דער טיר).

ר׳ משה (רייסט זיך אין טיר, אבשטופענדיג עמיצען פון זיך). מעלדען מיך? אנזאגען, אז איך בין געקומען? לאז אב, איך וועל עס שוין אליין! (רייסט זיך אריין אין צימער.) אידען, גאט׳ס הויז איז אין געפאהר! אידען, טמאים ווילען אונזער תורה פעראונ־רייניגען!

הערשמאן. ר׳ משה, וואס איז מיט אייך די מעהר?

ר׳ משה. הערט איהר נישט? די שול איז אין געפאהר, די רייניגקייטען זיינען אין געפאהר?

דער רב. איז מען שוין בעפאלען די שול?

צווייטער דיין (טשמאקעט מיט די ליפען).

ר׳ משה. מען איז נאך נישט בעפאלען, אבער מען איז שוין אין דער אונטערגאס...

הערשמאן. היינט וואָס האָט איהר געדאַרפט אריינרייסען זיך מיט אזא רעש און איבערשרעקען אלעמען אויף טויט?

ערסטער דיין. ט־טאקי וואָס? א באָד איז דאָ?

ר' משה. אידען, דער פיינד איז נאָהענט, וואָס מאָנט איהר ביי מיר התחייבות, ווי איך בין אריינגעפאלען? איך זאָג אייך, די שול איז אין געפאהר און זי איז אליין, די ספרי־תורה'ס וועלען פעראונרייניגט ווערען, און קיינער איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאר זיי. עת לעשות לה', און איך זאָל וואַרטען, ביז די דיענסטמיידעל וועט מיך מעלדען? יעדע מינוט איז טייער און איך האָב שוין אזויפיעל איבריגע מינוטען פערלאָרען אויף לויפען צום רב און צו די דיינים. — וואָס רעדט איהר מיט מיר, געוואלט! די שול איז אין געפאהר און די ריינינקייטען זיינען אין געפאהר!

הערשמאן. נאָר נישט געהיצט זיך. וואָס ווילט איהר, זאָלען מיר טאָן?

ר' משה. וואָס וויל איך, איהר זאָלט טאָן? דאַרף איך וועלען? ווייסט איהר נישט, וואָס איהר דאַרפט טאָן? ווייסט איהר נישט, וואָס גאָט וויל יעצט פון אייך? נאָר נישט געהיצט זיך!? מאריה דאברהם!

דער רב. נו, טאקי, דער'אמת'ן, וואָס זאָלען מיר דאָ טאָן?

ר' משה. דאַרף איך עס אייך זאָגען?! די שול בעשיצען זאָלט איהר! פאר די ספרי־תורה'ס איינשטעלען דאָס לעבען זאָלט איהר!

דער יונגער הערשמאן (ברעכט אויס אין א געלעכטער). גוט! דאָס זיינען ווערטער!

ר' משה. לאכען? מען לאכט דאָ יעצט?

הערשמאן. ווי זאָל מען אייך נישט אויסלאכען, ר' משה? איהר האָט אייך עפעס אריינגענומען אין קאָפּ און ווייסט אליין

נישט, וואס איהר ווילט. ווער זאל געהן בעשיצען די שול? איך? דער רב? די דיינים?

ר' משה (שארף). איהר, דער רב, די דיינים! ווער דען אנדערש, אויב נישט איהר די ערסטע? פרעגט איהר נאך? ר' הערשמאן! ר' הענזעל! דיינים!

הערשמאן. איהר מאכט אפנים חוזק, ר' משה?

דער רב. הם!

ר' משה. ווער, ווער! (שטעהט ווי בענומען.)

צווייטער דיין. איך פערשטעה אפילו יא, וואס ער מיינט. אבער איך ווער אייך זאגען דעם אמת, איך ליד די לעצטע צייט אזוי פון מיינע מערידען, אז קוים וואס איך האלט מיך אויף די פים.

ר' משה. איך... מאך... חוזק!? ר' הערשמאן, גבאי, ווי קאנט איהר עס גאר זאגען? ר' הענזעל! דיינים! ווייכט אין אייך נישט אייער הארץ אויף דער סכנה, וועלכע שוועבט איבער אונזערע הייליגקייטען? איהר פרומע אידען, איהר אויפזעהער אויף דער אידישקייט, ווערען ביי אייך נישט די הענד צו שווערע פויסטען געגען די פעראונרייניגער פון אונזערע תורה'ס? ניין, סיידען איהר מאכט פון מיר חוזק! איך זאג אייך אבער, מאכט קיין שהיות נישט, עס זאל נישט זיין צו שפעט. נישט צו חוזק מאכען איז יעצט די צייט און נישט צו רעדען. געטאן מוז ווערען! קומט! מי לה' אלי!

דער יונגער הערשמאן (ברעכט ווידער אויס אין זיין געלעכטער).

הערשמאן (ווינקט דעם זוהן). ש ש ש! — הערט דאך, ר' משה, איהר מאכט עס אפילו גאנץ גוט, מי לה' אלי — רעכט שיין. אבער, ר' משה, איהר זאלט מיר מוחל זיין, איהר רעדט נארישקייט. זעהט איהר, מיר האבען דא אויך גערעדט, אז געטאן מוז ווערען, אבער וואס מיר זאגען, אז עס מוז געטאן ווערען, איז א סך, א סך וויכטיגער פאר כלל ישראל. אויב איהר ווילט, טיק קומט צו זיך

און מיר וועלען רעדען. איך האָב פריהער טאַקי געשיקט נאָך אייך, איז אייער הויז געוועזן פערשלאָסען.

ר׳ משה. וואָס רעדען? ווען רעדען? ווי קאָן איך קומען צו מיר, ווען די שול איז אין געפאהר? ווי קאָנט איהר רעדען אזוי קאַלט און געלאַסען, ווען בזו הרגע קאָן זיין בעריהרען טמא הענד אונזערע הייליגקייטען? רעדען!? קומט, זאָג איך אייך! רייצט נישט גאָט!

הערשמאַן. נאַ, אז איהר ווילט נישט קומען צו זיך און שרייט אלץ אייערס, איז מיט אייך נישט מעהר צו רעדען. אָבער איך זאָג אייך, אז אונזערס „געטאָן מוז ווערען!" איז א סך וויכ־טיגער און נויטיגער פאַר אונזער אמונה, פאַר אונזערע שולען און רייניגקייטען און פאַר כל ישראל. מיר האַלטען אין אויסאַרביי־טען א פּלאַן, וועלכער זאָל בעשיצען די ספרי־תורה׳ס און שולען אויף אייביג, א פּלאַן, וועלכער וועט ראַטעווען די גאַנצע אידיש־קייט און אומקעהרען אונזער תורה און אונזער אמונה צו זייער אַלטער שיינקייט און זייער אַלטען כבוד.

ר׳ משה. מוז און קאָן דער פּלאַן גלייך אויסגעפיהרט ווע־רען? גלייך אין דעם מאָמענט?

הערשמאַן. דאָס איז א גרויסער פּלאַן, ר׳ משה, אויף יאָהרען און דורות...

ר׳ משה. טיק לאָזט דעם פּלאַן אויף שפּעטער, אויף מאָר־גען און איבערמאָרגען, אויף יאָהרען און דורות, און קומט בע־שיצען די שול!

הערשמאַן. וואָס האָט איהר זיך איינגערעדט, ר׳ משה, מיר זאָלען געהן אויף א זיכערען טויט...

ר׳ משה. אויף קידוש השם!

הערשמאַן. און מיר זאָלען לאָזען דעם פּלאַן...

ר׳ משה. אז די איבערגעבליבענע זאָלען איהם אויס־פיהרען.

הערשמאן. דאָס טאָרען מיר נישט. מיר ווייסען נישט, ווער די איבערגעבליבענע וועלען זיין.

ר' משה. אידען וועלען זיי זיין, און געריהרט און גע־שטארקט דורך אונזער טויט, וועלען דאָס שטארקע אידען זיין.

הערשמאן. דאָס זאָגט איהר אזוי. איך אָבער זאָג, די שטארקע, די אמת'ע אידען וועלען אויסגע'הרג'עט ווערען, און די שלעכטע, די פסולת, די כופרים און בוגדים וועלען בלייבען. וואָס וועט דאן זיין מיט אונזער אמונה און אונזער תורה? און איבער־הויפּט וואָס וועלען מיר אויספיהרען? נו, מיר וועלען געהן בעשי־צען די שול. מיר אלע, די גרויסע גבורים. איך, איהר, דער רב, ר' אהרן און ר' זיסעל מיט זיינע מערידען. איז וואָס וועט זיין? מיר וועלען טאקי גע'הרג'עט ווערען און די שול וועט סיי ווי סיי חרוב ווערען און די רייניגקייטען וועלען סיי ווי סיי פעראונ־רייניגט ווערען. איז עס נישט אזוי?

דער רב. וואָס דען נישט?

ערסטער דיין. א־ו־ו־ודאי אזוי!

ר' משה. עס איז נישט אזוי! די רייניגקייטען קאָנען נאָר פעראונרייניגט ווערען, ווען אידען וועלען זיך פאר זיי נישט איינ־שטעלען. זייער עלענדקייט וועט זיין זייער בזיון, זייער פערלאָזענ־קייט וועט זיין זייער ערנידערונג. אָבער ווען אידען וועלען שטאר־בען פאר זיי, קאָנען זיי נישט פעראונרייניגט ווערען, אפילו ווען די שונאים זאָלען זיי מטמא זיין אויף דעם נידריגסטען אופן. מיט אונזער בלוט מוזען מיר אָבוואשען דעם שמוץ פון זיי, און זיי ווע־לען ארויסקומען טויזענד מאָל ריינער. זייער כבוד וועט וואקסען און גרויס וועט ווערען זייער נאָמען. דאָס איז דער גרויסער סוד פון קידוש השם!

צווייטער דיין. טייערע ווערטער!

ר' משה. אדירי התורה, בעהאלט אייך נישט הינטער אייער פּלאַן! קומט צו זיך! קומט צו גאָט! אידען, אידען, קאָנען מיר נישט לעבען ווי אידען, טאָ זאָלען מיר שטארבען ווי אידען!

הערשמאן. ווי הייסט, מיר קאָנען נישט לעבען ווי אי־דען? מיר מוזען קאָנען! דערפאר ווילען מיר טאקי לעבען!

ר׳ משה (שטרענג). בעהאלט אייך נישט הינטער אייער פלאן!

הערשמאן. שרייט נאָר נישט אזוי אויף מיר, ר׳ משה! און פאר וועמען נעמט איהר אונז עפּעס אָן, וואָס איהר זאָגט אונז, מיר זאָלען אונז נישט בעהאלטען הינטער אונזער פּלאן? איז אונ־זער פלאן עפּעס א שווינדעל? אן אויסרעדענים ביי אונז? זיינען מיר עפּעס צבועקעס? דארפען מיר עפּעס מורא האָבען און אויס־פיינען זיך פאר אייך?

ר׳ משה. גאָט, גיב שכל מיר, גיב צונג מיר, גיב ווערטער מיר, זיי מיר מיין פיהרער!

הערשמאן. דאָס האָט איהר שוין לאנג געדארפט בעטען, וואָלט אפשר אייער מגידות בעסער געווירקט און די אויסגעלאסענ־הייט וואָלט נישט געווען אזוי גרויס צווישען אידען, און מיר וואָל־טען דעם פּאָגראָם נישט געהאַט.

צווייטער דיין (טשמאָקעט פאַרוואורפספול מיט די ליפּען).

ר׳ משה. מאריה דאברהם! גאָטוניו! זאָל איך וויינען? זאָל איך שעלטען? זאָל איך בעטען? (מיט טרערען.) אידען, גאָט׳ס הויז איז אין געפאהר! אידען, טמאים ווילען פעראונרייניגען אונ־זער תורה! אידען, וועלכע הייסען אדירי און עמודי התורה, ווילט איהר אייך נישט אָננעמען פאר איהר? די טייערע, די ליעבע, די הארציגע, די זיסע, אליין וועט זי זיין, ווען די טמאים וועלען אויף איהר אָנפאלען! אליין וועט זי זיין, פערוואָגעלט און פערלאָזען, און צוריסען וועט זי ווערען, און בעשפייט, און בעשמוצט, און אונטער די פיס געטראָטען. אוי, וועה! קרועה, שכולה וגלמודה — אונזער תורה, אונזער איינציגקייט! אדירי התורה, וואָס ווארט איהר נאָך? ווי קאָנט איהר אייך גאָר פערשפּארען אין זיכערהייט אונטער דעם שוץ פון סאָלדאטען און טראכטען פּלענער און לאָזען

די שול אויף הפקר? לאזט אייערע פלענער! די אידישקייט וועט שוין געראטעוועט ווערען, יעצט מוז די שול געראטעוועט ווערען. מיט וואס פאר א הארץ וועט איהר קאנען שפעטער אריין אין דער חרוב געווארענער שול, וועלכע האט געקאנט בעשיצט ווערען און איז נישט בעשיצט געווארען? מיט וואס פאר א אויגען וועט איהר קאנען קוקען אויף די צוריסענע, פעראונרייניגטע, הייליגע שמות, וועלכע וועלען נאך מעהר פעראונרייניגט ווערען מיט דעם, וואס איהר האט זיי פערלאזען אין זייער נויט? מיט וואס פאר א צונג וועט איהר רעדען צום פאלק וועגען אידישקייט און תורה און אונזער גאט, ווען איהר, וועלכע האט געדארפט זיין די ערסטע צו בעשיצען די תורה, זייט געוועזען די ערסטע צו פערלאזען זי? איהר אויפזעהער אויף דער אידישקייט, גאט האט אייך איבערגעגעבען א גרויסען פקדון — וואס וועט איהר ענטפערען, ווען ער וועט פון אייך מאנען זיין פקדון? וועה, וואס איך דארף עס אייך גאר זאגען! רב, גבאי און דיינים, קומט צו זיך! אייער טאג איז היינט! אייער טאג צו בעווייזען, אז איהר האט פערדיענט צו זיין רב, גבאי און דיינים ביים פאלק ישראל! אייער טאג איז היינט מקדיש השם צו זיין, גרויס צו מאכען דעם נאמען פון אונזער גאט, דעם כבוד פון אונזער תורה, דעם נאמען פון אונזער פאלק! וואס שטעהט איהר נאך? וואסווארט איהר נאך? לאמיר געהן! לאמיר לויפען!...

דער יונגער הערשמאן (ברעכט אויס אין זיין לאכען). אי, ר׳ משה, ר׳ משה! אזויפיעל יאהרען האט איהר אבגעלעבט און איהר זייט נאך נישט קליגער געווארען. וואס האט איהר זיך איינגעשמועסט א קינד אין בויך! וועלכע שול זאל בעשיצט ווערען און וועלכע „רייניגקייטען"? די שול, אין וועלכער מען שלאגט זיך פאר עליות, אין וועלכער מען שעמט זיך נישט צו מאכען די מיאוסטע סקאנדאלען און אין וועלכער מען טרינקט שנאפס צו יאהר־צייטען און נישט צו יאהר־צייטען, ווי אין א שענק? די „רייניגקייטען", וועלכע עס שרייבט מיכל דער סופר

און וועלכע זיינען שוין טויזענד מאָל פעראונרייניגט געוואָרען ביי דער קריאה און ביי הקפות? וואָס האָט איהר אייך איינגע־שמועסט, ר׳ משה? ווער וועט יעצט איינשטעלען זיין לעבען פאר אזעלכע זאכען? וואָס מאכט איהר אייך צום נאר און צום הייליגען?

ר׳ משה (גאַנץ ערשטוינט קוקט אַרום זיך, טרעפט אָבער קיי־נעמס בליקען נישט). רב, גבאי און דיינים, שווייגט איהר? לאָזט איהר דעם לעסטערער רעדען און ווערט נישט אין כעס און פער־שטאָפּט איהם נישט זיין מויל מיט בזיון?

הערשמאַן (צום זוהן). דו זאָלסט טאקי שווייגען! איך האָב דיר טויזענד מאָל געזאָגט, אז דו זאָלסט דיך נישט מישען.

צווייטער דיין. דאָס איז טאקי אַ גרויסע נבלה.

הערשמאַן. און אייך, ר׳ משה, וויל איך זאָגען, אז זאָל שוין זיין גענוג די קאָמעדיע. ביי אייך איז די שול וויכטיגער, ביי אונז איז די אידישקייט וויכטיגער, און דאָס איז גענוג.

ר׳ משה. אל אלהי ישראל, יעצט וועל איך שעלטען! איך קאָן נישט מעהר! גאָטוניו, האָסט מיר טרערען געגעבען און ווייכע ווערטער, יעצט גיב מיר שטיינער און שפּיזען און גאַל! ווי פער־וואָגעלט און פערלאָזען דיין שול און דיינע רייניגקייטען וועלען זיין פון זיי, אזוי זאָלען זיי זיין פערוואָגעלט און פערלאָזען, אָהן אַ טרייסטער און אָהן אַ בעוויינער! די שאנדע, וועלכע וועט אָנ־געטאָן ווערען דיינע הייליגקייטען, זאָל פאלען אויף זייערע קעפּ און איבערגעבען זייערע נעמען צו שפּאָט און פעראכטונג! דער שמוץ, אין וועלכען דיינע שמות וועלען געטראָטען ווערען, זאָל זיך איינעסען אין זייערע לייבער און אין זייערע נשמות, אז קיין וואַ־סער זאָל איהם נישט אָבוואשען און נישט אַלע פייערען פון גיהנם!

הערשמאַן. משוגע געוואָרען, אויף מיין ערנסט וואָרט!

ר׳ משה. וועה צו אייערע קעפּ, איהר אדירי התורה, ביי וועלכע די תורה איז נאָר אַ מאסקע און אַ געשעפט! גאָט׳ס צאָרן אויף אייך, איהר פערבלענדער און צבועקעס!

הערשמאן (א קלאפ טוענדיג מיט כעס איבער'ן טיש). ר' משה!

דער רב. וואס איז דאס — וואס איז דאס פאר ווערטער?!

ר' משה. גאטוניו, נישט אין פאלאצען זיינען דיינע אידען, און נישט אונטער שטריימעלס! איך האב פערבלאנדזשעט, גאטוניו, איך האב נישט גענומען דעם ריכטיגען וועג. אבער איך וועל נאך געפינען דיינע אידען, איך וועל נאך אנזאמלען דיין חיל. עוד היום גדול — דער טאג איז נאך גרויס. זון, פערגעה נישט, איך מוז נאך אידען געפינען! גאט, בעשיץ מיר דיין הויז! (איילט אוועק.)

דער יונגער הערשמאן (לאכט). דאס איז א פאנאטיקער!

הערשמאן. משוגע, פשוט משוגע. אבער מעהר קיין מגיד וועט ער שוין נישט זיין.

צווייטער דיין (מיט אראבגעלאזענע אויגען). איך האב אויך מורא, אז ער וועט שוין מעהר קיין מגיד נישט זיין. (מיט וויינענדיגען קול.) מיר מאגען זאגען נאך איהם קדיש.

די איבריגע (לאזען אראב די אויגען צו דער ערד מיט אנגעקנייטשטע שטערנס. — א טיעפע שטילקייט).

# דריטער אַקט.

אַ גרויסער, אויסגעהאַקטער פּלאַץ אין וואַלד, צו וועלכען עס פיהרט פון רעכטס א קליין, שמאָל שטעגעל. אין מיטען, פאָרענט, ליעגט מ י נ י ע, אָנגעשפּארט אָן אַ שטאַם פון אָן אָבגעזעגטען בוים, ביי איהר צוקאָפּענס זיצט ל ע אָ ן, דאָס געזיכט אין די הענד, דעם הוט לעבען זיך אויפ'ן גראָז. — אין הינטערגרונד זאָגט אַ גרופּע אידען תהלים מיט אויגגע־האַלטענע וויינענדיגע קולות, פאָרנט אין דער גרופּע זיצט י ע ק ע ף. נאָך מעהר הינטען, צווישען די בוימער, אַ סך ווייבער מיט קינדער, וועל־כע שטיקען זיך אין טרערען און שנייצען זיך פאָרזיכטיג. די לופט איז אָנגעפילט מיט דעם גערויש פון אַ לויה. — דער עולם איז שטאַרק אוי־בערגעשראָקען, מען קוקט זיך אָפט ארום מיט שרעק אין די אויגען און ביים קלענסטען זויטיגען רעש ווערט מען ווי פערגליווערט.

מ י נ י ע (נאָך א לאנגען שווייגען). רעד מיט מיר, לעאָן, איך האָב מורא, איך וועל משוגע ווערען.

ל ע אָ ן (לאָזט טיעפער אראָב דעם קאָפּ).

מ י נ י ע. רעד מיט מיר, זוהן מיינער. האָסט גאָרנישט וועגען וואָס צו רעדען מיט דיין מאמען? — איך פיהל, אז עס געהען מיר אוים מיינע כחות. אַי, רבונו של עולם, וואו זיינען זיי יעצט? וואו זיינען זיי יעצט? צו לעבען זיי נאָך גאָר? — רעד מיט מיר, זאָג מיר עפּעס, לאָז מיך נישט טראכטען, לאָז מיך נישט זיין אליין מיט מיינע געדאנקען.

ל ע אָ ן. וואָס קאָן איך מיט דיר רעדען, מאמע?

מ י נ י ע. וואָס קאָנסטו מיט מיר רעדען? אוי, זוהן מיי־נער, זוהן מיינער! איך געדענק דאָך שוין די צייט נישט, ווען דו האָסט מיט מיר גערעדט. א פרעמדער ביזטו דאָך ביי מיר ארומ־

געגאנגען אין שטוב. נישט פון דיינע צער'ן האב איך געוואוסט, און נישט פון דיינע פריידען, אקוראט ווי איך וואלט פאר דיר גאר אויף דער וועלט נישט געווען. אט אזוי פלעג איך קוקען אויף דיר, פלעג וועלען עפעס פערשטעהן, בעגרייפען: ביזטו דאס טאקי מיין זוהן, מיין לייבקע? ביזטו דאס געלעגען ביי מיר אונטער'ן הארצען און געזויגט מיין מילך און בלוט? אוי, רבונו של עולם, וויפיעל נעכט האב איך נישט דערשלאפען דורך דיר, און וואס איך בין מיך אויסגעשטאנען און האב מיך אנגעליטען פון דיר, פון דיינע פאקעלעך און מאזלעך און טיפוס און איך וויים וואס נאך, ביז איך האב דיך אויסגעהאדעוועט און גרויס געמאכט. און איצט — גאר נישט, א פרעמדער! און איך וועל דיר זאגען דעם אמת, איך האב עפעס ווי מורא פאר דיר. נאר וואס איז פאראן וואס צו רעדען, מסתמא איז דאס מיר אזוי בעשערט. מסתמא בין איך בעסער נישט ווערט. אבער איצט זוך עפעס אוים, וואס צו רעדען מיט מיר. דו ביזט דאך א קלוגער, א געלערענטער, ביזט דאך א שרייבער. רעד מיט מיר, זוהן מיינער, רעד מיט מיר. מיין מח שפאלט זיך מיר. (לעגט ארויף די הענד אויפ'ן קאפ, ועלבען זי ווארפט אום אין טיעפער פערצווייפלונג.)

לעאן. ועסט מיך נישט פערשטעהן, מאמינקע! וועסט מיך נישט פערשטעהן.

מיניע. טא רעד צו מיר אזוי, אז איך זאל דיך פער־שטעהן. האלטסטו מיך פאר אזא נאר? זאג מיר, דערקלער מיר, פאר וואס איז דאס אזוי, וואס מיר זיינען אזוי פרעמד. מאך מיר קלאר, פאר וואס קאן איך דיך נישט פערשטעהן. רעד מיט מיר, לעאן, רעד מיט מיר.

לעאן. היינט נישט, מאמע, היינט נישט.

מיניע (מיט איינגעהאלטענע טרערען). זאל זיין אזוי.

לעאן (נאך א קליינעם שווייגען, פערגראבענדיג דעם קאפ אין די הענד). אך, מאמע, ווען מיר וועלען זיך אומקעהרען אהיים, וועל איך מיט דיר דורכגעהן אלץ, וואס איך האב אנגעשריבען,

איך וועל דיר פערטייטשען און דערקלערען וואָרט אין וואָרט, און דאמאָלס וועסטו אויסהייצען דעם אויווען און העלפען מיר פערברענגען א גוטען טייל, אויב נישט אלץ, וואָס איך האָב אָנגעשריבען אין גראַמען און אָהן גראמען.

מיניע (וואַרפט אום דעם קאָפּ און וויינט. — דאָס תהלים־זאָגען האָט דערווייל אויפגעהערט. יעקעף טיילט זיך אָב פון דער גרופּע און גערהט־צו צו די זוניגע).

יעקעף. טאָמער וואָלסטו געוועזן אמאָל א בעלן אויף א מנחה? קום, נעם דיין הוט און קום. דו פעהלסט אונז צו א מנין.

לעאָן (קוקט איהם נישט אָן).

יעקעף. הערסט מיך, אָדער הערסט מיך נישט? מיט דיר האָבען מיר אקוראט א מנין. — פאָלג אמאָל א טאטען. — דו ווייסט דאָך, איך האָב שוין לאַנג, ברוך השם, אויפגעהערט צו רעדען מיט דיר וועגען אזעלכע זאכען. — קום נו.

לעאָן (בעוועגט זיך נישט).

יעקעף (נאָך בעטענדיגער). איך וואָלט דיך נישט געבעטען, אָבער וואָס זאָלען מיר טאָן, אז דו פעהלסט אונז אויס צו א מנין? קום, נו. — ס'איז דאָך גאָר א בזיון, קומען און זאָגען זיי, אז דו ווילסט נישט.

לעאָן (בלייבט אָהן א בעוועגונג).

יעקעף. נו, וואָס זאָגסטו, מיניע? גוט, האַ? שיין, האַ?

מיניע. האָסט עס דען פריהער נישט געוואוסט?

יעקעף. עס ווילט זיך מיר מעהר נישט אָנמאַכען קיין לייטישען געלעכטער, אז נישט... אז נישט... זעהסט, זיי דאַווענען שוין. איך פרעג מעהר נישט ביי דיר, וואָס וועט דער עולם זאָגען! שיין, האַ? פיין, האַ? נא נו, פארטיג, מען ווערשטעלט זיך שוין שמונה־עשרה. אז א כפּרה האָט געמאָגט קומען אויף מיינע קינדער אין איין טאָג!

מיניע. אוי, משוגע'נער, דו ווייסט דאָך שוין נישט, וואָס דו רעדסט! געה, בעסער דאַווענען מנחה.

יעקעף. איך... איך... איך וועל...

ר' משה'ס קול (ווייט אין וואלד אין דער זייט פון דעם שטעגעל). אידען, גאט'ס הויז איז אין געפאהר! אידען, טמאים ווילען אונזער תורה פעראונרייניגען! (דאס געמורמעל פון די דאוונער האקט אב; מען הערט זיך צו מיט דערשראקענע געזיכטער.)

ר' משה'ס קול (א ביסעל נעהנטער). אידען, גאט'ס הויז איז אין געפאהר! אידען, טמאים ווילען אונזער תורה פעראונ־רייניגען!

מיניע. אוי, דאס איז דעם שווער'ס קול!

יעקעף (ציטערנדיג). איך וואלט טאקי געשווארען, אז דאס איז דער טאטע.

לעאן (וועלכער איז אויפגעשטאנען און איינגעקוקט זיך אין צווישען די ביימער). יא, דאס איז דער זיידע.

מיניע. אוי, וואס קאן דאס זיין מיט איהם? אוי, וואס קאן דאס זיין? (די שמונה־עשרה־דאוונער שטעהען נאך אלץ גאנץ שטום און דערשראקען. די ווייבער האבען ארומגענומען די קינדער ארום זיך.)

ר' משה'ס קול (שוין גאנץ נאהענט). אידען, גאט'ס הויז איז אין געפאהר! אידען, טמאים ווילען אונזער תורה פער־אונרייניגען!

מיניע (שעפטשעט־צו צו יעקעף'ן). זאלסט איהם למען השם א ווארט נישט דערמאנען וועגען דיין ברודער, הערסטו!

ר' משה (צושויבערט, פערסאפעט, קוים כאפענדיג דעם אטעם, לויפט אן). דא זיינען זיי טאקי, דא זיינען אידען. א דאנק דיר, גאט, וואס דו האסט מיך געבראכט אהער! — אידען, הערט איהר? אידען, אויף גיך! לאמיר לויפען, די שול איז אין גע־פאהר, די היילינקייטען מוזען געראטעוועט ווערען! אידען, אויף גיך!

די שמונה־עשרה־דאוונער (העבען אן צו שאקלען זיך און צו שעפטשען מיט זעהר פרומע מינעס. ווער עס האט א

סידור, פערגראָבט זיין געזיכט אין סידור; ווער עס האָט קיין סידור נישט, מאַכט צו שטאַרק די אויגען. — די ווייבער העבען זיך אָן ווייעדער צו שנייצען).

ר׳ משה (ארומקוקענדיג זיך). ווי? אָ, יאָ, מען שטעהט שמונה-עשרה.

יעקעף. א ביסינקע פריער ווען דו וואָלסט געקומען, וואָלטען מיר געהאט א מנין.

ר׳ משה (קוקט זיך נישט אום אויף יעקעף׳ן און סטאַרעט זיך צו רעדען פעסטער). אידען, איך פסק׳ן אייך, איך בין גוזר אויף אייך, איהר זאָלט מפסיק זיין די שמונה-עשרה. די שול איז אליין, און דער פיינד איז נאָהענט. גאָט דאַרף אייך איצט האָבען. קומט, איהר וועט דערדאַווענען אין שול. — וואָס שטעהט איהר נאָך, אידען? הערט איהר, וואָס איך רעד צו אייך? פערשטעהט איהר, וואָס גאָט וויל פון אייך? די שול וואַרט אויף גאָט׳ס חיל, קומט!

די דאַוונער (שאָקלען זיך נאָך פרומער).

ר׳ משה (קוקט זיך ארום). פרומע אידען זעה איך, אויגען, וועלכע ווילען נישט אָפען זיין אין שמונה-עשרה, ליפען, וועלכע שעפטשען אזוי פרום. — (די דאַוונער מאַכען עס נאָך פלייסיגער.) — אָבער, צי האָט איהר אויערן, וועלכע זאָלען פערנעמען גאָט׳ס רוף? הערצער, וועלכע זאָלען פיהלען, וואָס גאָט וויל? (רעדט ארויס שטאַרק.) הערט איהר, וואָס איך רעד צו אייך, אָדער נישט? גיט מיר א צייכען, אז איהר הערט מיך.

די דאַוונער (שאָקלען זיך און שעפטשען).

יעקעף (פערריקט זיך וואָס ווייטער און שטעלט זיך אויך שמונה-עשרה, צומאַכענדיג די אויגען).

מיניע (ברעכט פלוצלונג אויס אין א היסטערישען געוויין).

ר׳ משה. ברידער, אידען, הערט דאָך. מאכט צו אייערע מיילער און מאַכט אויף אייערע אויגען. אייערע אויגען עפענט אויף און אייערע הערצער. זעהט און הערט און פיהלט, גאָט רופט

אייך איצט, גאָט'ס הויז ווארט אויף אייך. (צו א געלען אידען.) ר' איד, איהר זייט הויך און ברייט און שטארק, און איהר דאוועגט אזוי פרום, קומט, בעווייזט גאָט, אז איהר דיענט איהם מיט אן אמת. קומט, בעווייזט איהם, אז איהר קאָנט אייך מוסר נפש זיין על קידוש־השם, ווען ער וויל עס. זייט מפסיק אייער שמונה־עשרה. איך בין אייך עס מתיר. קומט, זאָג איך אייך. איך וועל זי אייך מפסיק זיין. (שלעפּט אָב דעם אידען פון אָרט.) קומט, איהר האָט כח.

דער געלער איד (רייסענדיג זיך פון ר' משה'ן). נו, א, א!

דעם געלענ'ס ווייב (שפּרינגט ארויס פון צווישען די בוימער מיט איין קינד אויפ'ן אָרם און מיט צוויי אַנדערע וויינענ־דיגע קינדער לעבען זיך). וואָס האָט איהר עפּעס דוקא איהם אָנגעכאַפּט? ווייניג אידען זיינען דאָ? וואָס שלעפּט איהר נישט אייער זוהן? אָט שטעהט ער אויך און דאוועגט אזוי פרום. נישט קשה, מיין מאן האָט זיך פאר ווע[ם]ען איינצושטעלען.

דער געלער איד (רייסט זיך ארויס און ווארפט צו ר' משה'ן א בייזען בליק). א! (שטעלט זיך ווידער שמונה־עשרה.)

דעם געלענ'ס ווייב (געהט ווידער אויף איהר אָרט צווישען די בוימער). גאָר נישט, ען! ער שלעפּט! גאָט האָט גאָר קיין אַנדערען נישט, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאר איהם, ווי נאָר מיין מאן, א טאטען פון דריי קליינע קינדער.

ר' משה (וועלכער האָט זיך אָרומגעקוקט מיט א בעטענדען בליק, דערהעכערט פלוצלונג זיין קול). אידישע זיהן און אידישע טעכטער, ווייסט איהר, וואָס הייסט קידוש־השם? א סך פעלקער האָט אונזער גאָט, אָבער איינעם האָט ער זיך אויסגעוועהלט. דעם איינעם האָט ער אוועקגעגעבען זיין תורה, געמאכט פאר א ממונה, פאר אן אויפזעהער אויף זיין הייליגקייט. דערפאר אָבער האָט ער איהם געזאָגט: היט אָב מיין תורה, היט אָב מיין הייליגקייט מיט דעם בלוט פון דיין הארצען, מיט דיין לייב און לעבען. גאָרנישט זאָל ביי דיר נישט זיין איבער איהר, אָבער אלץ זאָלסטו אוועק־

נעבען פאר איהר. דערמיט וועסטו בעווייזען פאר די אויגען פון אלע פעלקער די קראפט פון מיין תורה, די גרויסקייט פון מיין היילינקייט, און גרוים און הייליג וועסטו מאכען מיין נאמען, און אלע פעלקער וועלען דערקענען מיין קראפט און וועלען זיך דער־וויסען, אז איך בין דער איינציגער גאט. דאס וועט זיין דיין גרעסטער און איינציגער דאנק פאר דער מתנה, וואס איך האב דיר געגעבען, און מיין ברכה וועט פאלען אויף דיר. וועסטו אבער זי נישט אבהיטען מיט דעם בלוט פון דיין הארצען, מיט דיין לייב און לעבען, און בילכערע זאכען וועסטו דיר בעשאפען, און טייערערע, דאן וועלען נישט די פעלקער, וועלכע קענען מיך נישט, בעשמוצען מיין היילינקייט און בעליידינען מיין נאמען, נאר דו אליין, דו וועסט זיין מיין בעשמוצער, דו אליין וועסט זיין מיין בעליידינער, דו אליין וועסט זיין דער טמא ומטמא, דער אונריי־ניגער און פעראונרייניגער. און מיין געזיכט וועל איך איינהילען און וועל וויינען אויף די אונדאנקבארקייט פון מיין אויסגעוועהל־טען און וועל איהם אויף אייביג פערשעלטען. אידישע זיהן און אידישע טעכטער, נישט מיט פרומער שעפטשענים און אויגען־צומאכענים קאנט איהר גאט דאנקען און פערשאפען איהם נחת־רוח און זיין הארץ ריהרען, נאר מיט קידוש־השם, מיט גרוים מאכען זיין נאמען פאר די אויגען פון אלע פעלקער. היינט איז אזא טאג, קינדער. נוצט אוים די געלעגענהייט. געדענקט, ווער איהר זייט! געדענקט, אז איהר זייט אידען! שטארקט אייער הארץ און קומט. די היילינקייטווארט אויף אייך. אידען! אידען!

די דאוונער (שאקלען זיך און שעפטשען).

ר' משה (מיד). רבונו של עולם, ווי זאל איך אנדערם רע־דען? וואס זאל איך נאך מעהר זאגען? (קוקט זיך וויעדער ארום מיט געבעט און פערצווייפלונג.) אידישע קינדער, איך האב היינט געמוזט אויסהערען, אז אידישקייט האט זיך אויסגענומען אויף דער וועלט, אז ניטא מעהר קיין פרומע אידען, אז איך בין אן איינציגער און א לעצטער. אבער איך האב זיי אויסגעלאכט, די

לעסטערער. לא אלמן ישראל, האב איך זיי געזאגט, אידען האבען נאך א סך און א סך פרומע אידען. ענטפערט מיר, האב איך א ליגען געזאגט אדער נישט? (קוקט זיך ארום.) איז נאך קיינער נישט אויסגעשטאנען שמונה־עשרה? האט אייער שמונה־עשרה גאר קיין סוף נישט?

די דאוונער (שאקלען זיך און שעפטשען).

ר' משה (מיט א גוטען, ווייכען, מידען טאן). אך, אידען, אידען! ווען איך בין אוועקגעגאנגען היינט פון די לעסטערער, האב איך געהאפט, אז איך וועל געפינען א פולע שול מיט אידען — אלט און יונג, מענער און פרויען — א פולע שול מיט גאט'ס חיל. אבער די שול איז געווען לעדיג, פערגעסען און פערלאזען. איך בין צוגעפאלען צום ארון קודש און האב געוויינט פאר גאט און געפרעגט איהם, וואו איז זיין חיל, וואו זיינען זיינע אידען. בין איך דען טאקי דער איינציגער און דער לעצטער איד? און עס איז מיר געווען, ווי גאט האט מיר א זאג געטאן: געה און זאמעל איין מיין חיל, דו וועסט איהם געפינען לרוב. און ער איז געווען מיט מיר און האט מיך געבראכט בשלום אהער דורך גאנצע מחנות פון דעם פיינד. פיהלט איהר נישט, אז אייך האט עס גאט געמיינט? זעהט איהר דען נישט איין, אז אייך האט עס גאט אויסגעקליבען פאר זיין חיל צו בעשיצען זיין הויז און צו פערטיידיגען זיין הייליגקייט?... איהר שווייגט? איהר שאקעלט אייך און שעפטשעט? גיט מיר באטש א צייכען, אז איהר וועט אויסשטעהן די שמונה־עשרה און געהן מיט מיר.

די דאוונער (שאקלען זיך און שעפטשען).

ר' משה (הייזעריג). אידען, יש קונה עולמו בשעה אחת — איינער קאן זיך קויפען זיין עולם הבא אין איין קליינער ווייל. קומט מיט מיר, אידען. ווער איהר זייט און וואס איהר זייט, קומט מיט מיר, קומט איינשטעלען אייער לעבען פאר גאט'ס הויז און זיינע ריינינקייטען, און איהר האט אייער וועלט געקויפט. קומט, אידען, אויף קידוש־השם.

ד י  ד א ו ו נ ע ר (שאָקלען זיך און שעפטשען).

ר׳ מ ש ה (קוקט זיך ארום גאנץ פערלאָרען און טרעפט זיך מיט די בליקען פון לעאָנ׳ען, וועלכער איז געשטאַנען בלייך און אויפגעד רעגט, אנגעשפּארט אָן א בוים, מיט א פערקלערטען, נתפּעל׳דיגען געזיכט, ווי ער וואָלט געזעהן פאר זיך א גרויסע זעהונג. ער טרעט צו נעהנטער צו יענעם און בעטראכט איהם מיט אן איינדרינגליכען בליק). וואָס זעהען מיינע אויגען? דו ביזט געריהרט! דו, דער חוטא ומחטיא, דער ירבעם בן נבט! דו א פיהרער ביי אפיקורסים!

ל ע אָ ן (שמייכעלט נאָר שוואך אָב).

ר׳ מ ש ה (קוקט א ווײלע אויף די דאוונער). גאָט, בעשיץ מיר דיין הויז. אידען, איך ווארט אויף אייך! (צו לעאָנ׳ען, שאַרף אָנקוקענדיג איהם.) הער נאָר א מעשה פון דער גמרא. ווען מלכות רומא האָט פערבאָטען צו לערנען תורה מיט אידען, האָט דער תנא ר׳ חנינא בן תרדיון נישט אויסגעמאכט זיך פון דעם גזר און ווייטער געלערנט זי פאר׳ן עולם. האָט מען איהם געכאפּט און איינגעוויקעלט אין א ספר־תורה און ארויפגעלעגט אויף א הויפען פון פרישע ריטער און אָנגעצונדען, און אויף זיין ברוסט האָט מען נאָך ארויפגעלעגט נאַסע וואָל. מען האָט איהם געוואָלט לאנגזאם ברענען און בראָטען. דער תנא האָט געליטען, אָבער האָט נישט מפסיק געווען אין דער תורה. דער תליון האָט צוגעזעהן און זיין הארץ איז געריהרט געוואָרען. ער האָט געהייסען דעם תנא ארא‌ָבנעמען פון זיך די נאסע וואָל, כדי ער זאָל גיכער פערד ברענט ווערען. אָבער דער תנא האָט געענטפערט, אז דאָס וואָלט הייסען מאכען זיך אליין א טויט. איז דער תליון נאָך מעהר גע־ ריהרט געוואָרען פון דעם תנא׳ס שטארקייט און האָט אראָבגע־ נומען פון איהם די וואָל און ארייגעוואָרפען זיך צו איהם אין פייער, און זיי זיינען ביידע באלד פערברענט געוואָרען. דו, לעאָן, ביזט געווען איינער פון מיינע שטענדיגע תליונים. אבר נאָך אבר האָסטו לאנגזאם אָבגעברענט פון מיר, ביסלעכווייז, טראָפּענווייז האָסטו ביי מיר אוועקגענומען מיין חיות. און איצט שטעהסטו

נעריהרט און קוקסט מיך אן מיט גוטע אויגען. ווילסטו אפשר אריינוואַרפען זיך איצט מיט מיר אין פייער?

לעאָן (הייזעריג). ניין, זיידע, איך מוז בלייבען דיין תליון — דער תליון פון דיין וועלט־אנשויאונג, פון דיין גלויבען, פון דיין תורה, פון דיין גאָט. אָבער דיך בעוואונדער איך, דעם מענשען אין דיר, די גרויסע שיינהייט, וועלכע וואוינט אין דיר און וועלכע איך האָב גאָר קיינמאָל נישט בעמערקט, די וואונדערבאַרע קראַפט, וועלכע איך האָב גאָר קיינמאָל אין דיר נישט געשפירט. פאַר דיר אליין קען איך יעצט פאַלען אויף די קני און קוסען דעם זוים פון דיין מאַנטעל. פאַר דיר אליין, פאַר דעם גרעסטען אידען, פאַר דעם איינציגען און לעצטען....

ר׳ משה. נענוג, גענוג, איך וויל נישט הערען. דו לעמטערסט, דו לעסטערסט! (צו די דאַוונער.) האָט איהר געהערט זיינע ווערטער? — וואָס, איהר שטעהט נאָך אַלץ שמונה־עשרה?! — גאָטוניו, איך האָב ווידער גענומען נישט דעם ריכטיגען וועג! אין א הייל פון מנוולים בין איך אריינגעפאַלען, אין א הייל פון צבועקעס און גאָט׳ס גנבים! מאריה דאברהם, איך בין דאָך נישט אן איינציגער! גאָטוניו, ניין דאָך, איך בין נישט דער לעצטער! איך וועל דאָך נאָך געפינען חיל פאַר דיר, איך וועל דאָך נאָך אָנזאמלען שטרייטער פאַר דיין הויז און דיין הייליגקייט. פיהר מיך, פיהר מיך דעם ריכטיגען וועג! ברייננ מיך אין די ריכטיגע גאַסען, בעווייז מיר די ריכטיגע הייזער. דו ווייסט דאָך, וואו זיי זיינען, דו גרויסער ווייסער! גאָטוניו, איך פערלאָז מיך אויף דיר! פיהר מיך, פיהר מיך דעם ריכטיגען וועג! (איילט אַוועק איבער׳ן שטעג.) אידען, וואו זייט איהר? אידען, וואו זייט איהר? אידען, גאָט׳ס הויז אין געפאהר! אידען, טמאים ווילען אונזער תורה פערואונרייניגען! וואו זייט איהר? וואו זייט איהר?

(זיין קול פערליערט זיך אין דער ווייט.)

מיניע (וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען, ברעכט

אַרויס). אָי, מיר האָבען איהם געזעהען צום לעצטען מאָל! צום לעצטען מאָל האָבען מיר עם איהם געזעהן!

די דאַוונער (שאָקלען זיך און שעפּטשען).

איין אידענע. א הייליגער איד.

דעם געלענס ווייב. נישט קשה, ער האָט שוין זיינע יאָהרען אויסגעלעבט. ווען ער וואָלט געוועזען א יונגער מאַן און א טאַטע פון קליינע קינדערלעך, איז ווייס איך נישט, צו וואָלט ער געוועזען אזא צדיק.

אנדערע אידענעס (קרעכצען און זיפצען). יאָ, יאָ, — ניין, ניין. — אָך, אָך, אָך!

די דאַוונער (העבען אָן אויסצושטעהן שמונה־עשרה און זאָגען „עלינו". זיי קוקען זיך איינער דעם אַנדערן נישט אָן. א פּער־לעגענהייטס־שטימונג. מען הערט נאָר מיניע'ס כליפּען. לעאָן אַנגע־שפּאַרט אָן בוים, בעטראַכט דעם עולם).

דער געלער איד. א בעלנות פון א מענשען ארויס־צושטופּען מיך פון מיטען שמונה־עשרה! געהערט עפּעס א גאַנג פון א פרומען אידען? (קיינער ענטפערט נישט. די פערלעגענהייטס־שטימונג האַלט אָן.)

לעאָן. יעצט זייט איהר דאָך אויסגעשטאַנען אייער שמונה־עשרה, איהר האָט געהערט, צו וואָס ער האָט אייך גע־רופען און איהר ווייסט, וואו די שול איז — וואָס זיצט איהר דאָ? פאַר וואָס לויפט איהר נישט צו דער שול?

ערסטער איד. א נייער צדיק האָט זיך געפונען!

צווייטער איד. אז מען האָט איהם געדאַרפט צו א מנין, איז ער נישט געוועזען!

דריטער איד. געהערט, ווי ער האָט פריהער גע־דרש'נט? דער תליון פון גאָט און פון דער תורה! הע?

לעאָן. שטעקט נישט אריין די יראה אין די טומאה. נישט איך רוף אייך, נישט איך זאָג אייך, וואָס איהר דאַרפט טאָן. אָבער איהר זייט דאָך פרומע אידען, און די שול איז אייער שול און די

רייניגקייטען זיינען אייערע רייניגקייטען. קוקט אריין אין אייערע הערצער: טוט איהר רעכט? פיהלט איהר אייך נישט פאר שולדיגע און גרויסע זינדיגער געגען אייער גאט?

פיערטער איד. וואו זיינען מיר געבליבען אין תהלים? (מען צוזעצט זיך צום תהלים זאגען.)

לעאָן. אידען, איהר וועט דאך אייער געוויסען נישט פערשרייען מיט'ן תהלים־זאגען. איך זאג אייך פאראויס, וואס מעהר איהר וועט זאגען אייער תהלים, אלץ שטארקער וועט איהר פיהלען אייער שולד.

פינפטער איד (העבט אן). למנצח על הגתית לבני קרח מזמור.

לעאָן. אידען, הערט מיך.

דער איבריגער עולם (כאפט אונטער אין כאר). מה ידידות משכנותיך י"י צבאות.

לעאָן (דערהעכערט זיין קול, שרייט זיי אריבער). ווייל מיין זיידע האט אייך גערופען און איהר זייט נישט געגאנגען, און די שול וועט חרוב ווערען און די ספרי תורה'ס וועלען בעשמוצט ווערען, וועט איהר זיין די אונגליקליכסטע מענשען. איהר וועט קיינמאל אייער רוה נישט געפינען, איהר וועט שוין קיינמאל נישט געפינען דעם פריעדען צווישען אייך און גאט. איהר וועט ארומגעהן ווי געשטעמפעלטע, מיט דעם צייכען פון גרויסע זינדיגער אויף אייערע שטערנס.

דער געלער איד. אט האסטו דיר א נייעם מוסר־זאגער!

יעקעף. טאקי וואס? קיינער פרעגט דאך ביי דיר נישט, וואס מען האט צו טאן!

לעאָן. אידען, הערט מיך נאר א ווייליגקע אויס.

דער עולם. כי טוב יום בחצריך מאלף... (די שטימען ווערען שוואכער.)

ערשטער איד. אַן עברה פון זיינעט וועגען גאָר מפסיק צו זיין.

לעאָן. אַ ווײלינקע נאַר. (די אידען זאָגען דעם תהלים גאַנץ שטיל, און ער הערט אָן אַ ביסעל גערייצט). אידען, איהר ווייסט דאָך, אַז עס זיינען פאַראַן זעהר ווייניג אמת פרומע אידען אויף דער וועלט, און ווען איין אמת פרומער איד שטאַרבט אָב, מוז עס זיין אין אייערע אויגען אַ גרויסער היזק פאַר דאָס גאַנצע יודענטום. אידען, יעצט איז אוועקגעגאַנגען פון אייך צו שטאַרבען איינער פון די פרומסטע אידען, נאָך מיין מיינונג, דער איינציגער און דער לעצטער אמת פרומער איד. לאָזט איהר איהם שטאַרבען, וועט אייער יודענטום האָבען דעם גרעסטען היזק. טוט אייער חוב געגען אייער יודענטום...

דעם געלענס ווייב. אַט האָסטו איהם! מיט'ן חוב איז ער דאָ! מען האָט גענוג חובות, באַרכאַשעם!

דריטער איד. געהערט ווערטער פון אַ רשע? „שלכם" אליך! „אייער"! „אייער" יודענטום... „אייער" גאָט... „אייער", עה?

דער געלער איד. דאָס איז דאָך זיין זיידע. פאַר וואָס זאָל ער עפּעס נישט געהן איינשטעלען זיך פאַר איהם?

לעאָן. איך וועל עס. אָבער אייך דאַרף ער זיין נאָך מעהר ווי אַ זיידע!

פינפטער איד. אַך, וואָס, דברים בטלים! לאָמיר זאָגען ווייטער. (מען הערט אָן ווייטער דעם תהלים.)

לעאָן (בעטראַכטענדיג אַ ווײלע די גרופּע מיט פעראַכטונג און עקעל). און ווי, אַז איך וועל ארויסגעהן פון וואַלד און אָנשיקען אויף אייך די פּאָגראָמשטשיקעס? (מען בלייבט זיצען ווי פון בליץ געטראָפען, מיט אָפענע מיילער און אויסגעגלאָצטע אויגען. באַלד אָבער ווערט אַ גערודער. אַלע שפּרינגען אויף אויף די פיס.)

יעקעף. וואָס? וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט?

ערשטער איד. דו יונגאַטש! דו אפּיקורוס!

צווייטער איד. וואס א משומד להכעיס קאן איינ־פאלען!

דער געלער איד. איך לעג דיך אוועק א טויטען גלייך אויפ'ן ארט, דו רשע מרושע!

פיערטער איד. וועסט גאר נישט דערלעבען ארום־צוגעהן פון וואלד.

די אידענעס (דריקען צו זיך צו די דערשראקענע און וויינענדיגע קינדער, ברעכען די הענד און שעלטען). אי, א מגפה זאל אריין אין אלע זיינע ביינער! — אי, א כאלעריע זאל איהם כאפען! — אי, אונטערברעכען זאלען זיך איהם די פיס! — ברע־כען זאל ער דעם קאפ! — (דער עולם רוקט זיך נעהענטער צו לעאנען מיט קולות.)

מיניע (הערבט זיך אויף פון איהר ארט און מאכט א טריט צו לעאנען, ווי צו בעשיצען איהם).

לעאן (מיט דער גאנצער קראפט). רוהיג! (די אידען בלייבען שטעהן, און ער זאגט געלאסענער.) איך האב ביי מיר א רע־וואלווער. ווער עס הערבט אויף זיין האנד אויף מיר, איז א טויטער מאן! (קעהרט זיך פון זיי אוועק מיט עקעל.) געהט צו אייערע תהלים'ס, איך וועל אויף אייך קיינעם נישט אנשיקען.

די מענער (שטעהען א ווייל, אנקוקענדיג איהם בייז, און הערבען זיך אן אומצוקעהרען צוריק צו זייערע תהלים'ס).

איינער פון דער גרופע. וואס א רשע'ס מויל קען גאר ארויסרעדען.

מיניע (לאזט זיך אראב צוריק אויף איהר ארט אהן כחות).

לעאן (הערבט אויף זיין הוט פון זיין פריערדיגען פלאץ). איך געה אוועק, מאמע. זיי געזונד.

די אידען (הערבען אן דעם תהלים).

מיניע (מיט שרעק). דו געהסט? דו געהסט טאקי?

לעאן. איך וויל העלפען דעם זיידען, מאמע. זיי געזונד און שטארק דיך, מאמע.

מיניע (קעמפפענדיג מיט היסטעריע). גאָט, מיין זוהן. — איך — וועל מיך — שוין שטאַרקען. — איך וויל נישט וויינען. — ניין, איך וויל נישט וויינען. (שטעהט אויף מיט גרויסער מיה.) גאָט, מיין זוהן, אָבער לאָז מיך אָנקוקען דיך... פאר אלע לאנגע יאָהר. (ברעכט היסטעריש אוים ביי איהם אויף דער ברוסט.) אָי, איך וועל דיך דאָך שוין מעהר נישט זעהן! זיי וועלען דיך דאָך דער־הרג'ענען! אי! — אלע דריי אין איין טאָג!

לעאָן (געריהרט). בערוהיג דיך, מאַמעטשקע, האָסט דיך דאָך געוואָלט שטאַרקען. האָסט דאָך נישט געוואָלט וויינען. בע־רוהיג דיך. מיר וועלען אונז נאָך זעהען. לאָז מיך לויפען. עס קאָן ווערען צו שפּעט.

מיניע (שטאַרקט זיך). גאָט, מיין זוהן, גאָט. גאָט זאָל דיך... מיין גאָט וועט...

לעאָן (קושט זי). נו, זיי געזונד. (הערט אָן צו לויפען.)

מיניע. לעאָן, אויף איין מינוט... לעאָן, טו מיר עס... לעאָן, זעגען זיך מיט'ן טאַטען.

לעאָן (רופט אוים אין לויפען). זיי געזונד, טאַטע! (פערשווינדט צווישען די ביימער.)

מיניע (שרייט איהם נאָך). לעאָן, נאָך עפּעס... לעאָן, איין מינוט נאָך... לעאָן, זאָלסט... לעאָן, ווען... לעאָן, זאָלסט זאָגען... שמע ישראל!... (פאלט אין חלשות.)

# פיערטער אַקט.

## ערסטע סצענע.

דער שול־פּלאַץ; רעכטס דער הויכער אריינגאַנג פון דער שול, לינקס און אין הינטערגרונד הייזער. די לינקע רייהע הייזער ווערט דורכ־געשניטען אין הינטערגרונד דורך אַ געסעל, וואָס ציהט זיך אויך אין דער זייט פון דער שול; רעכטס, אין פאָרדערגרונד־זייט פון דער שול, איז ווידער אן אויסגאנג פון א געסעל. — דער פּלאַץ איז טויט, ווי אויסגעשטאָרבען, טיר און טויער זיינען פערשלאָסען, די לאָדענס צו־געמאַכט, פון ווייטען נאָר הערט זיך אַ גערויש פון אַ סך שטימען, וועלכער ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ נעהנטער.

ר׳ משה׳ס (ערנסט־פרעהליכע שטימע אין פאָרדערגרונד־געסעל). די שול איז גאַנץ! די שול איז גאַנץ! (איילט אריין. דער מאנטעל צוריסען, אויף דער לינקער שליוף בלוט, דער באָרד צוצופּט.) אַ דאַנק דיר, גאָטוניו, דו האָסט מיר בעשיצט דיין הויז... אָבער וואָס האָב איך געטאָן פון דיין הויז וועגען? אַליין בין איך אוועקגעגאנגען, און אליין בין איך געקומען... (איילט אריין אין שול אַן קומט באלד צוריק ארויס.) גאָטעניו, וואו איז דיין חיל? דער פיינד איז נאָהענט, און דיין חיל איז נאָך ניטאָ. — אָדער ווילסטו אליין בעשיצען דיין הויז? ווילסט אראָבשיקען אויפ׳ן פיינד דיין בליץ און דיין דונער? גאָטוניו, איך בעט דיך, איך וויל נישט דיין דונער, שיק מיר נישט דיין בליץ, שיק מיר דיין חיל. דיינע אידען וויל איך, גאָטוניו! דיינע אידען וויל איך, זיי זאָלען זיך אָננעמען פאר דיין הויז און דיינע ריייניג־קייטען, זיי זאָלען בעווייזען, אז דו לעבסט נאָך אין זיי, אז זיי דיענען דיר מיט ליעבע און מיט׳ן גאַנצען הארצען, אז זיי קאָנען

זיך מקריב זיין פאר דיר. זיי וויל איך! (ער פאלט אויף די טרעפ פון דער שול מיט'ן געזיכט אראָב.) איך ווייס, אז דו קאָנסט, שטאר־קער גאָט! איך ווייס, אז דו דארפסט קיינעם נישט האָבען, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאר דיר. אָבער מיט טרערען בעט איך דיך און מיט תחנונים, שיק מיר דיינע אידען, וויז מיר, וואו זיי זייי־נען! — אָדער נעם מיך צו צו דיר. איך וויל נישט מעהר לעבען! איך וויל נישט מעהר לעבען! (כליפעט. האלט זיך אָבער באלד איין, זעצט זיך אויף און רעדט מיד, וויינענדיג.) אידען, אידען, וואו זייט איהר? (שטעהט אויף, טרעט ארויס אין מיטען גאס, קוקט זיך ארום און רופט אוים דורך טרערען.) אידען, גאָט'ס הויז איז אין געפאהר! אידען, גאָט'ס הויז איז אין געפאהר! קלייבט אייך צונויף, אידען! קלייב דיך צונויף, גאָט'ס חיל! קריכט ארוים פון אייערע בעהאל־טענע ערטער! קריכט ארויס פון אייערע לעבער, פון די קעלער און בוידעמס! שטעהט אויף, אידען, צו עבודת־הבורא! (טרעט צו צום הויז אין פאָרדערגרונד לינקס, טריקענט זיך די אויגען מיט'ן ברייטען ארבעל פון מאנטעל, קלאפט אָן אין טיר און רופט אוים פעסטער אביסעל.) אין שול אריין! אידען, אין שול אריין! ר' שלום יעקב, די שול איז אליין! קומט ארוים, ר' שלום יעקב! איך בין עס, משה דער מגיד. דער פיינד איז נאָהענט, און די שול איז גאנץ אליין. מען טאָר זי אָבער נישט לאָזען אליין, ר' שלום יעקב. איך דארף איך דאָם דאָך נישט זאָגען. איהר זייט דאָך א פרומער איד. — אין קול ואין עונה. (קלאפט א ביסעל שטארקער.) זייט איהר דארטין אויסגעשטאָרבען פאר שרעק? (קלאפט אין די לאָדענס.) הערט איהר מיך, אידישע קינדער? די שול איז אליין, גאָט'ס הויז איז אין געפאהר! (לינקס אין הינטערגרונד־געסעל לויפט עמיץ. ר' משה געהט שנעל אריבער צו די טרעפ פון שול און קוקט אין דער זייט פון די טריט.) א איד, א איד לויפט... און אהער לויפט ער... גאָטוניו, גאָט!

א א י ד (פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג אין א שלואפע און מיט א גרויסען באָרד לויפט ארוים פון געסיל און לאָזט זיך צו דער

שול. ווען ער דערזעהט ר' משה'ן, דערשרעקט ער זיך, גיט א שפרונג צוריק, דערקענט איהם אבער באלד און לאזט זיך ווידער לויפען, לויפט ארויף די טרעפ און פערשווינדט אין שול).

ר' משה (מיט נאך מעהר ענטציקונג). גאטוניו! גאטוניו! איין סאלדאט איז שוין דא. א דאנק דיר, גאטוניו! און יעצט נאך און נאך.

דער איד (קומט ארויס צוריק). די שול איז דאך גאר עפּעס אליין?

ר' משה. אך, יא, מיין זוהן, די שול איז נ א ך אליין. גאט'ס חיל האט זיך נאך נישט צונויפגעקליבען.

דער איד (מיט א פערזארגטען געזיכט). דאן טויג מיר דאך די שול נישט! איך האב געמיינט, אין שול וועט זיין א גרויסער עולם, וועט עפּעס די מורא נישט זיין אזוי גרויס.

ר' משה (מיט שרעק). פאר זיך געטראכט, נישט פאר דער שול?!

דער איד (אראבגעהענדיג פון די טרעפ און איבערלעגענדיג). איז וואו בעהאלט מען זיך יעצט?

ר' משה (בעהאלט זיין געזיכט אין דעם לינקען ארם).

דער איד. גיט עפּעס אן עצה, ר' משה. וואו בעהאלט מען זיך עפּעס?

ר' משה (אויסשרייענדיג). אוועק פון מיר! געה, קריך אונטער דער שול — דארט ליגען נאך חזירים!

דער איד (קוקט אן ר' משה'ן פערוואונדערט, דאן בעטראכט ער דאס אונטען פון דער שול. ווי צו זיך). וואס מיינט איהר? דאס איז טאקי א גוטער ארט. (פערשווינדט אונטער די טרעפ.)

ר' משה. גאטוניו, האסט מיך ווידער אויסגענארט, האסט מיך ווידער אומזיסט דערפרעהט. רבונו של עולם, אדון העולמים, אויב דיר געפעלט דער שפאס מיט מיר, טיק טו מיט מיר ווי דיר געפעלט. אבער איך בעט דיך, זאל דער שפאס שוין אמאל אויפהערען. אויב דו האסט מיך געמאכט פאר א זאמלער פון דיין

חיל, טאַ לאַז מיך איהם שוין אַנזאמלען. אויב נישט יעצט, טאַ ווען דען? דער פיינד קומט באַלד, זיינע קולות, אַנגעטרונקען מיט שנאפּס און אידיש בלוט, ווערט אַלץ נעהענטער און נעהענטער. העלף מיר, גרויסער פאַטער, העלף מיר! (טריקענט זיך די אויגען מיט׳ן ארבעל.) אידען, אין שול אריין! אידען, די שול איז אין נעפאהר! אידען, טמאים ווילען אונזער תורה פעראונרייניגען! אידען, שטעהט אויף צו עבודת־הבורא! (העבט אַן צו קלאפּען אין דאַס צווייטע הויז לינקס.) אידישע קינדער, דער שול העלפען! דער שול העלפען! די שול וואַרט אויף אייך! (רעכטס אין דעם פאַרדער־גרונד־געסעל דערהערען זיך שנעלע טריט. ר׳ משה הערט אויף צו קלאַ־פּען און הערט זיך צו.)

**אַן אָרמע אידענע** (לאַזט זיך צו די טרעפּלעך. דער־זעהט ר׳ משה׳ן, בלייבט אַ ווײַלע שטעהן, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, לאָזט ארויס אַ מאָדנעם וועה־קלאָג, און געהט אויף די טרעפּ).

**ר׳ משה** (מיט שרעק). די שטומע, האלב־משוגענע בעט־לערקע!

**די שטומע בעטלערקע** (פערשווינדט אין שול).

**ר׳ משה** (קוקט אַ ווײַלע מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דעם שול־אַריינגאַנג, ווי ער וואָלט געוואַרט, און דאַן שרייט ער אויס). מאריה דאברהם, דיין שפּאַס איז שוין צו גרויס! פון דיין גאַנצען פאָלק אידען האָסטו מיר צוגעשיקט נאָר די שטומע, האלב־משוגענע בעטלערקע!... דאָס איז שוין מיר איבער און איבער! (פאַלט צו צו דער פאָרענטשע פון די טרעפּ מיט׳ן געזיכט פערבאָרגען אין דעם לינ־קען אָרם. באַלד גלייכט ער זיך אויס, פול געדאַנקען.) האָסט געשיקט א צייכען מיר? ווי זאָל איך איהם מיר ערקלערען? וואָס ווילסטו מיר מיט איהם זאָגען? דו זעהסט דאָך, אז איך בין צו קליין, אום צו פערשטעהן דיך. (עס דערהערען זיך שנעלע טריט לינקס אין הינטער־גרונד־געסעל. ר׳ משה הערט אויף די אויגען און רופט אויס מיט האָפנונג אין קול.) א איד לויפט! שיקסטו מיר איהם דאָס? איז יענע געווען אַן אָנהעב?

א איד (אין די דרייסיגער, אין א היטעל און מיט א קליינעם בערדעל, בעווייזט זיך און וויל דורכלויפען דאָס הינטערגרונד־געסעל).

ר׳ משה (פערשטעלט איהם דעם וועג). וואוהין לויפט איהר, ר׳ איד? די שול איז דאָ.

דער איד (שפּרינגט אָב, העבט אָן צו ציטערן מיט אלע גליעדער און אָבצורוקען זיך מיט דער מינע פון א משוגענעם). אָי, אָי, טויט מיך נישט! אָי, אָי, מיין האר, מיין ליעבער האר, אָי, אָי, טויט מיך נישט! (ווארפט זיך אויף די קני.) איך בין אן אָרימאָן, איך בין אן אָרימער איד. וואָס, וואָס ווילט איהר פון מיר? אָי, אָי, לאָזט מיך לעבען! מיין האר, מיין הארעלע, טויט מיך נישט, איך האָב גאָר נישט, גאָר נישט, גאָר נישט!

ר׳ משה. קומט צו זיך, ר איד. זעהט איהר דען נישט, ווער עס שטעהט פאר אייך? איך בין עס דאָך, משה דער מגיד.

דער איד (רוקט זיך אָב אלץ מעהר אויף הינטען). אָי, אָי, אָי, טויט מיך נישט, טויט מיך נישט... הארעלע, הארעלע... איך האָב גאָר נישט, איך האָב גאָר נישט... הארעלע, הארעלע... אי! אי אי אי!... (דרעהט זיך אום און ענטלויפט מיט א משונה׳דיגען געשריי.)

ר׳ משה. משוגע געוואָרען. דורך מיר משוגע געוואָרען. גאָט מיינער, צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן? גאָטוניו, ווי זאָל איך דאָס פערשטעהן?... ווילסט מיך אויספּרובען? ווילסט זעהן, צו וועט מיך אזא זאך נישט אָבהאלטען פון דיין שליחות? רבונו של עולם, איך שווער דיר, אומזיסט האָסטו דאָס געטאָן! גאָרנישט וועט מיך נישט אָבהאלטען. גאָטוניו, אומזיסט האָסטו נישט רחמנות געהאט אויף דיין בעשעפענים. איך וועל פון דיין שליחות נישט אָבשטעהן! רחום וחנון, צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן? צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן? (שטעהט א וויילע מיט אויפגעהויבענע אויגען צום הימעל, באלד פערדעקט ער זיך מיט זיין לינקען אָרם, גלייך אָבער נעמט ער איהם צוריק אראָב.) דו שיקסט מיר א רעטענים נאָך א רעטענים. נא, איך וועל דיר נישט נאָכקלערען. דיין ווילען איז

גרויס, דיינע געדאנקען זיינען אונפערשטענדליך. איך וועל טאָן מיינס. (ווענדט זיך צו די הייזער און העבט אָן צו קלאפּען.) אויף גיך, אידען, די שול ווארט אויף אייך. זי איז אליין, זי מוז בעשיצט ווערען. אידישע קינדער, הערט איהר נישט גאָט'ס קול? גאָט רופט אייך. אידען, גאָט'ס הויז איז אין געפאהר! ארויס פון אייערע לעבער, אידען! אין שול אריין, אידען! (רעכטס פון היג־טערגרונד־געסעל קומט ארויס א בחור מיט א מיידעל אונטער'ן אָרם.)

דער בחור. האָב דאָך קיין מורא נישט. קום דאָך גיכער.

דאָס מיידעל. אָי, רבונו של עולם, אליץ, אליץ...

ר' משה (געהט זיי ענטקעגען). אידישע קינדער מיט'ן רבונו של עולם אויף די ליפּען, דאָ איז דעם רבונו של עולם'ס הויז קומט און בעשיצט עס.

דער בחור (בייז). איהר זייט א גרויסער נאר, ר' מגיד. אין אזא צייט שטעהט מען נישט אויפ'ן גאס און שרעקט נישט קיין מענשען. (וויל ווייטער געהן.)

ר' משה. איך בין דיר מוחל אויף מיין כבוד, זוהן מיינער, איך שטעה דאָ, ווייל איך מוז שטעהן, ווייל גאָט האָט מיך דאָ אוועקגעשטעלט. די שול איז אליין און זי מוז בעשיצט ווערען שטעה איך דאָ און זאמעל אָן גאָט'ס חיל. געהט אריין, אידישע קינדער, אין שול. געהט אריין צו בעשיצען דעם כבוד פון גאָט, דעם כבוד פון זיין תורה.

דער בחור. איך ווייס נישט, וואָס איז בילכער צו בע־שיצען: דעם כבוד פון דער תורה צו די עהרע פון א אידישער טאָכ־טער. איך וויל בעסער בעשיצען די עהרע פון א אידישער טאָכטער. — קום, רייזעלע, קום אויף גיך. מיר זיינען שוין נישט ווייט. (געהט מיט איהר אויף גיך לינקס צום הינטערגרונד־געסעל.)

דאָס מיידעל. אָי, רבונו של עולם, אליץ, אליץ... די פיס זאָלען זיי מיר צוברעכען, די הענד זאָלען זיי מיר אויסדרעהען, א טויט זאָלען זיי מיר מאכען, נאָר נישט דאָס, נאָר נישט דאָס...

ר' משה (מיט אויפגעהויבענע אויגען צום הימעל און מיט פערנאנדערגעשפרייטע הענד, טראכט א ווייל). וואס זאגסטו, גרויסער פאטער? וואס איז אין דיינע אויגען בילכער? (גיט זיך א כאפ.) איך דארף דא נאך פרעגען? געהט נישט אוועק, אידישע קינדער! די תורה איז בילכער, דער כבוד פון גאט איז בילכער! אין שול אריין! (לויפט זיי נאך א פאר טריט.) זיי הערען מיך נישט. גאט, איך בין א שלעכטער זאמלער. איך געפין מסתמא נישט די ריכטיגע ווערטער. גאטוניו, דו ביזט מיין עדות, איך טו, וואס איך קאן. דו זעהסט דאך, אז מיינע ווערטער, ווי ארים זיי זיינען, קומען ארויס מיר פון טיפען הארצען. דו זעהסט דאך מיין הארץ, דו גרויסער זעהער, דו זעהסט דאך! גיב זשע נייע ווערטער מיר, לא[?] מיך ריהרען די הערצער. גאטוניו, זיי דאך מיר שוין צו הילף! (ער געהט לינקס אין דאס הינטערגרונד־געסעל און קלאפט אין די הויזער.) אידישע קינדער, ליעבע, טרייע אידישע קינדער! גאט'ס הויז, די הייליגע שול מיט איהרע ריינינקייטען איז אין א נויט א[?] דארף אייך האבען. טייערע אידישע קינדער, עס איז א זינד צ[?] בעהאלטען זיך און לאזען די שול אליין. דאס הויז, אין וועלכען איהר האט גערעדט צו גאט, פון וועלכען איהר האט געשיקט צו איהם אייערע תפילות און בקשות, טארט איהר נישט לאזען אליין זיסע, ליעבע אידישע קינדער, אויב איהר ווילט, אז גאט זאל דער־הערען אייער קול, דארפט איהר הערען יעצט זיין קול. אין שול אריין, אידישע קינדער! (פלוצלונג ברעכט ער אויס אין א פורכטער־ליכען, דורכדרינגענדיגען יאמער־געשריי.) אי, אוי־י־י־י! אוי, אוי, אוי! א, אוי־י־י־י! (קומט צו לויפען מיט די הענד אויפ'ן קאפ.) וועה מיינע אויגען, וואס זיי האבען געזעהן! אן אבגאט אין א אי־דישען פענסטער, א צלם, אויסגעמאלט אויף א אידישער טיר! אי, אוי־י־י־י! גאט, נעם מיך צו! גאט, נעם מיך צו! אדער איך וועל מיר אליין עפעס אנטאן. איך וועל מיך דעם קאפ צוקלאפען אן די וועגד פון דיין שול. מיר זיינען ביידע דא איבריגע, מיר דארפען ביידע דא ניט זיין מעהר. (שאקעלט ווי ווילד די פארענטשע פון די

טרעפּ.) ווערה, וואָס איך האָב געזעהן! ווערה, וואָס איך האָב געזעהן! אי, אוי־ו־י! גאָטוניו, נעם מיך צו! (וואַרפט זיך אויף די טרעפּ מיט'ן געזיכט אראָב.) רבונו דעלמא כולא, וואָס נאָך ווייטער? וואָס נאָך ווייטער? (שפּרינגט אויף.) אָ, איך ווייס! מתתיהו בן יוחנן כהן גדול האָט זיך צוערסט נוקם געווען אָן דעם רשע, וועלכער האָט געוואָלט מקריב זיין א חזיר פאַר דעם פרעמדען אָבגאָט, און דערנאָך איז ער געוואָרען א זאמלער. איך וועל אויך עס טאָן. אָ, איך וועל עס אויך טאָן! (העבט אָן צו קלייבען שטיינער פון גאַס און לאָזט זיך לויפען אין דאָס הינטערגרונד־געסעל לינקס, וואו ער העבט אָן צו ברעכען שויבען.) אָט איז אייך, פּושעים! אָט איז אייך, עוכרי־ישראל דער שווערסטער טויט אויף אייך, הולטייעס! אהער צו מיר קומט, איך וואַרט אויף אייך, איך מיט מיין האנד וועל אייך צופּלעטען די מוחות! אָ, איהר! אָן אָבגאָט האָט איהר ארויסגעשטעלט און בעהאלטען האָט איהר אייך!? אָבער מיינע שטיינער וועלען אייך טרעפען און גאָט'ס דונער, און א מפלה וועט קומען אויף אייך!

שטימען (רעכטס אין דעם זעלבען געסעל). אויף גיך! אויף גיך! דאָרטין ברעכט מען שויבען. (ראובן מיט א גרופּע יונגע לייט לויפען אָן.)

ר' משה. קנא קנאתי קנאת ה' צבאות, איך האָב נאָר נקמה גענומען פאר גאָט, און גאָט'ס חיל איז שוין אָנגעקומען. (ער קומט ארויס ענטקעגען ראובן'ען מיט זיינע לייט. ערשטוינט.) אָ, ראובן איז דאָ? ניין, דאָס איז נישט גאָט'ס חיל. אָדער? אָדער?

ראובן. ווער האָט דאָרטין געבראָכען די פענסטער, זיידע?

ר' משה (ווייך). איך האָב דאָס געטאָן, מיין קינד. אָן אָבגאָט האָבען זיי דאָרטין ארויסגעשטעלט אין פענסטער און א צלם האָבען זיי אויסגעמאָלט אויף דער טיר.

ראובן (צו זיינע לייט). טאָ קומט זשע אהין. (ווייזט

מיט דער האנד אין פאָרדערגרונד רעכטס, וואו די קולות זיינען געוואָרען נאָך נעהענטער. די יונגע לייט הערבען אָן צו לויפען.)

ר׳ משה. שטעהט, אידישע קינדער, איך וויל אייך נאָר א ווײלע אויפהאלטען. (זיי בלייבען נישט גערן שטעהן; א גרויסער טייל לויפט אוועק, גלייך ווי ער הערבט אָן צו רעדען.) דערמאָנט איהר אייך, ווען איהר זייט נאָך קליינע אינגעלעך געווען, חדר־אינגלעך, און עס פלעגט זיך עפּעס טרעפען אן אונגליק ביי אייך אליין אָדער אין אייער פאמיליע, פלעגט איהר דאָס רוב קומען אין שול און אוועקשטעלען זיך אין א ווינקעלע און אויסגיסען אייער הארץ פאר גאָט, און עס פלעגט אייך ווערען אזוי לייכט, אזוי לייכט. דער־מאָנט איהר אייך דאָס, אידישע קינדער? זעהט איהר, און די דאָזיגע שול איז יעצט אין א נויט. זי איז פערלאָזען און פערגעסען פון אלעמען. קיינער איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאר איהר.

איינער פון דער גרופּע. וואָס איז דאָס? מגידות? ! (אלע לויפען אוועק.)

ראובן (בלייבט נאָך). זיידע, אהין רופט אונז די נויט־ווענדיגקייט.

ר׳ משה. אהין די נויטווענדיגקייט? !

ראובן. מיר מוזען זיין, וואו מענשליך לעבען איז אין געפאהר, וואו דאָס ביסעל אָרמקייט פון אונזערע אָרמעלייט ווערט פערניכטעט, און אונזער זאַך איז צו פערטרייבען די פּאָגראָמש־טשיקעס. אָבער פאר דיר איז דאָך גאָר קיין פּלאַץ נישט אויף דער אָפּענער גאס?

ר׳ משה. געה דיין וועג!

ראובן (קוקט איהם א ווײלע אָן און רעדט ארויס). זאָל זיין אזוי. (לויפט אוועק.)

ר׳ משה. דארטין די נויטווענדיגקייט! ניין, דאָס איז נישט דיין חיל, גאָטוניו, איך האָב עס פריהער געוואוסט. זיי האָבען דיך שוין אין גאנצען פערגעסען. זיי האָבען די מענשהייט,

דיין בעשעפענים, געמאכט פאר זייער גאָט און איהר דיענען זיי. דיך האָבען זיי אין גאנצען אָבגעשאפט... אָבער וואו איז דיין חיל, גאָטעניו? וואו איז ד י י ן חיל? (קוקט זיך ארום, ווי ער וואָלט געזוכט מענשען, פון רעכטס הערען זיך פייף־סיגנאַלען. לינקס אין הינטערגרונד־געסעל דערהערט זיך א לויפעריי. ר׳ משה מאכט א בעווע־גונג צו דער שול, בלייבט אָבער שטעהן און רופט אויס.) אהער, אהער קומט, אידישע קינדער, אהער קומט! דאָ איז דער ריכטיגער אָרט.

ל י פ מ א ן (לויפט אָן מיט א גרופע יונגע לייט). וואָס איז, זיידע, וואו האָט זיך שוין דאָ אָנגעהויבען?

ר׳ מ ש ה. ניין, ליפמאן, דאָ האָט זיך נאָך נישט אָנגעהוי־בען. דאָ דארף זיך אויסלאָזען. דאָ דארף אויסגעקעמפט ווערען דער לעצטער קאמפף. (די פייף־סיגנאַלען פון רעכטס ווערען שטאַר־קער. די יונגע לייט ענטלויפען אהין. ר׳ משה כאפט אָן ליפמאַן׳ען און האַלט איהם אָב.) ליפמאן, אויב די אלע יונגע לייט זיינען פון דיין חברה, טאָ רוף זיי צוריק.

ל י פ מ א ן. וואָס פאלט דיר איין? הערסטו די פייפערייען און די קולות?

ר׳ מ ש ה. איך הער זיי. איך הער זיי גוט. אָבער איך הער נאָך א קול, וועלכען איהר הערט נאָך לעת עתה נישט. איך הער גאָט׳ס קול. רוף זיי צוריק, זאָג איך דיר. זעהסט, דאָ שטעהט גאָט׳ס הויז. אליין איז עס יעצט. ווילט איהר ניט ביישטעהן איהם? איהר זייט דאָך אידישע פאטריאָטען, רעדט אין אייך נישט ערגעץ־וואו דער אידישער גאָט?

ל י פ מ א ן (מיט היץ). דאָרטין ווערט יעצט פערגאָסען אי־דיש בלוט! דאָרטין ווערט יעצט פערניכטעט אידיש גוטס!

ר׳ מ ש ה. כמעט די זעלבע ווערטער, וועלכע ראובן האָט מיר געזאָגט, נאָר אונטערגערוקט דאָס וואָרט „אידיש" אָנשטאָט „מענשליך". אָבער איך זאָג דיר, רוף צוריק דיינע לייט. קינד מיינס, דאָ שטעהט די הייליגע זייל, אויף וועלכער דאָס אידישע

פאלק האט זיך געהאלטען זיין גאנץ לעבען. שטיצט די זייל! ווען זי וועט איינפאלען, וועט איינפאלען דאס גאנצע פאלק.

ליפמאן. זאל איך מיך יעצט אוועקשטעלען מיט דיר פי־לאזאפירען? דאס אידישע פאלק וועט בלייבען א פאלק אהן דער דאזיגער זייל. (וויל אוועק.)

ר' משה. איין מינוט נאר. אמאל אין די אלטע צייטען, ווען א פיינט האט די אידען בעדריקט, האט ער נאר געדארפט אנ־ריהרען זייער אמונה, זייער היילינע תורה, און זיי זיינען אויפגע־שטאנען, ווי איין מענש, צוזאמענגענומען זיך, געקעמפפט און גע־פיהלט, אז זיי זיינען א פאלק. וואס קאן איך יעצט צוזאמענ־נעמען?

ליפמאן. דער ווילען א פאלק צו זיין.

ר' משה. אהן גאט? אהן דער תורה? דאס זאגסטו נאר אליין. רוף מיר צוריק דיינע לייט.

ליפמאן. אומזין! (העבט אן צו לויפען. ביים פערקערען אין דאס פארדערגרונד־געסעל בלייבט ער שטעהן.) און וואס וועט זיין מיט דיר?

ר' משה (בריפעט ארויס). אוועק פון מיינע אויגען!

ליפמאן. הם! (פערשוואונדט. — די קולות ווערען נעהענטער און נעהענטער.)

ר' משה (שלעפט זיך צו א מודער צו די טרעפ, שטעהט א ווייל, אנהאלטענדיג זיך מיט דער האנד אן דער פארענטשע, דאן לאזט ער זיך לאנגזאם אראב און זעצט זיך אויף די טרעפ, פערזונקען אין געדאנקען). מיין שליחות האט זיך שוין געענדיגט. דער פיינד איז נאהנט, איז שוין גלייך דא. איך קאן שוין מעהר פון שול נישט אוועק. און וואוהין זאל איך געהן? צו וועמען זאל איך מיך ווענדען? (קוקט זיך ארום.) קיינער קומט נישט, קיינער איז נישטא. גאטעניו, בין איך דען טאקי אן איינציגער און א לעצטער? האט זיך טאקי אויסגע־נומען דיין חיל און נאר די שוטמע און משוגענע איז דיר געבלי־בען? (פערזינקט ווידער אין געדאנקען, קוקט זיך באלד ווידער

אַרום און רעדט אַרויס גאַנץ מיד.) קיינער קומט נישט, קיינער איז נישטאָ. — משה דער מגיד, לעבסטו נאָך? משה דער מגיד, וואָס וויל נאָך גאָט פון דיר יעצט? דיין צייט איז פאַראיבער, דיין טאָג ענדיגט זיך שוין. קוק, די זון פערגעהט. דאָס פערגעהט דיין זון און דיין גאָט'ס זון. (גיט זיך גלייך א כאפּ.) האָב איך יעצט נישט געזינדיגט מיט די רעד? וואָס האָב איך געזאָגט? ו ו אָ ס ה אָ ב א י ך ג ע ז אָ ג ט?! גאָט מיינער, וואָס האָב איך אזוינס געזאָגט? קאָן דיין זון פערגעהן? קאָן דיין צייט אוועק? היה הוה ויהיה, דו אייביגער גאָט, שטראָף מיך נישט פאר מיינע רעד! איך בין מיד, איך בין צו מיד. (שטעהט אויף.) ניין, דו וועסט נאָך בעוויזען, ווי גרויס דו ביזט! דו וועסט נאָך בעווייזען, ווי גרויס דיין ארמיי איז! יאָ גאָטוניו, דו וועסט נאָך טאָן דיינע וואונדער! רחום וחנון, אויב דו דערהאלטסט מיך ביים לעבען, אום צו בעווייזען מיר דיינע וואונדער, דאַן וויל איך לעבען, און גרויס איז מיין דאנק דיר פאר יעדע מינוט, וואָס איך וועל נאָך איבערלעבען.

(דער שרעקליכער גערויש פון פיעלע שטימען ווערט שוין גאַנץ נאָהענט. ר' משה העבט אָן אַרויפצוגעהן אויף די טרעפּ.) מיט פרייד און האָפנונג געה איך יעצט אין דיין הויז. גאָט, איך ווארט אויף דיין וואונדער!

## צווייטע סצענע.

אינווענדיג אין שול. די פענסטערשויבען זיינען רויט בעשטראלט פון דער אונטערגעהענדיגער זון. גאנץ נאהנט הערט זיך דער ווילדער גערויש פון א סך שטימען. — די שטומע בעטלערקע זיצט אין ווינקעל רעכטס אין הינטערגרונד און לאזט ארויס פון צייט צו צייט א מאדנעם נאגענדיגען וועהקלאג.

ר' משה (קומט אריין, עפענט פערנאנדער די טיר און העבט אויף די הענד צונויפגעלעגטערהייט, מיט א מין התלהבות). זעהסט, איך עפען פאנאנדער די טיר. גאטוניו, איך זעה דיין חיל קומען.

די שטומע (דערזעהענדיג ר' משה'ן, פערשטארקט איהר וועהקלאג).

ר' משה (ווענדט זיין בליק צו איהר, העבט איהם באלד אויף און קרעכצט אב, געהט ארויף אויף דער בימה פון ארון־קודש, קוסט דעם פרוכת, אננעמענדיג איהם מיט ציטערדיגע הענד, און בעהאלט אין איהם זיין געזיכט; גלייך עפענט ער דעם ארון קודש און קוסט די ספר תורה'ס).

די שטומע (קוקט איהם נאך יעדע בעוועגונג און וואיעט נאך שטארקער).

ר' משה. איהר הייליגע תורה'ס, איהר טייערע תורה'ס! עס וועלען דאך נאך קומען די, וועלכע דארפען זיך אננעמען פאר אייך! איהר וועט דאך נישט דארפען אויסשטעהן דעם גרעסטען בזיון, בעשמוצט צו ווערען אין פערגעסענהייט און פערלאזענהייט! דו הייליגע תורה, דו גרעסטע שאפונג פון גאט, שטעל זיך פאר איהם און מאן פון איהם, ער זאל דיר שיקען וואס גיכער זיין חיל. (בעהאלט דעם קאפ צווישען די ספר תורה'ס.) גאטוניו, גאטוניו!...

דיין וואונדער, גאטוניו, דיין וואונדער! (שטעהט א ווײַלע מיט'ן קאפ צווישען די ספר־תורה'ס, דאן גלײבט ער זיך אויס, טריקענט די אויגען, לאזט זיך אראב צום אונטערסטען שרענקעל פון ארון קודש און נעמט פון דארטען ארויס טליתים און קיטלען.) זעהסט, גאטוניו, איך גרייט אן פאר די, וועלכע וועלען קומען. און אויב פאר א סך וועלען אויספעהלען טליתים און קיטלען, וועלען זיי דאך נישט ווענינער הייליג און ריין זיין אין דיינע אויגען. (טוט אן דעם קיטעל.)

די שטומע (לויפט ארויף אויף די בימה, פאלט אריין אין ארון־קודש, קושט די ספר־תורה'ס און רעדט מיט א שטומען געיאמער. אנקוסענדיג זיי ווייעדער, ווענדט זי זיך צו ר' משה'ן מיט א פרומען אויסדרוק, שאקלענדיג דעם קאפ, געהט אראב פון דער בימה און זעצט זיך רעכטס ביים ארון־קודש, נישט אראבנעמענדיג די אויגען פון ר' משה'ן און וואיענדיג).

ר' משה (וועלכער האט זי די גאנצע צייט אנגעקוקט מיט התפעלות, שרייט פרום אויס). גאט, ווי שטארק דו ביזט אין איהר! ווי גרויס ביזטו, גאט, אז דיין מורא לעבט אפילו אין אזא מין בעשעפענים! ווען אלע, וועלכע פערלייקענען דיך, וואלטען זי דא געזעהן, ווי פול וואלטען זיי געווארען פון דיין גרויסקייט און ווי מורא וואלטען זיי געקראגען פאר דיר! אויף די קני וואלטען זיי געפאלען, און אין הארצען וואלטען זיי זיך געשלאגען, און דיין נאמען וואלטען זיי געלויבט, און שירה וואלטען זיי דיר געזונגען... גאט, האסטו זי דאס דערפאר געשיקט אהער? דערפאר ווילסטו זי דא האבען?... ניין, גאטוניו, איך בעט דיך, טו דאס נישט, איך נעם זי נישט אן פון דיר, איך וויל זי נישט. איך וויל דיינע אידען! דיינע אידען וויל איך, די רעדענדיגע און פערשטעהענדיגע. איך בעט דיך, אלמעכטיגער פאטער, איך וויל נישט קיין אנדער שליח פון דיר, ווי נאר זיי. בעוויז מיר, אז איך בין נישט געווזען דער איינציגער און דער לעצטער. בעוויז מיר, אז דיין ארמיי איז נאך גרויס, אז דו לעבסט נאך אין אונצעהליגע הערצער, אויסער דעם הארץ פון דער דאזיגער שטומער און משוגענער. שיק מיר

דיין חיל! וואס גרעסער ער וועט זיין, אלץ גרעסער וועט וואקסען דיין נאמען. וואס מעהר לעבענס עס וועלען זיך איינשטעלען פאר דיין הויז, אלץ הייליגער און שטארקער וועסטו ווערען. גאטוניו, דו ווייסט עס דאך! אל מלך נאמן, הער צו מיין געבעט. דיין וואונדער! גאטוניו, דיין וואונדער! (דרויסען ווערט א גערויש און א געלויף, שטיינער הערען זיך אן צו שיטען אין די פענסטער. איין שטיין טרעפט ר' משה'ן און פערבלוטיגט איהם.)

ר' משה (כאפט אן דאס ברעכאייזען, העבט עס אויף הויך אי־בערן קאפ מיט ביידע הענד און שטעלט זיך צווישען די טירלעך פון דעם ארון קודש מיט'ן געזיכט צו דער טיר, אויפשרייענדיג). שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. (דאן לאנגזאם.) ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. (בלייבט שטעהן ווי פערגליווערט.)

די שטומע (שפרינגט אויף מיט א מאדנעם געשריי, העבט זיך אן צו טרייסלען, שרעקליך וואיענדיג און משוגע ארומפיתרענדיג מיט די אויגען, און פלוצלונג ענטלויפט זי פון דער שול מיט נאך א שטארקערען געשריי. — אין גאס איז דער גערויש פערדאפעלט; עס קומט פאר א געשלעג, עס ווערט געשאסען).

ר' משה (מיט פערגלייסטע אויגען). דו האסט זי צוגענו־מען פון דאנען, האסט דערהערט מיין געבעט. יעצט וויים איך: דיין חיל וועט קומען, דיין וואונדער וועט געשעהן. גאטוניו, גאטוניו!

קולות (פאר דער טיר). אהער, אהער, די טיר איז אפען!

ר' משה (גיט זיך א טרייסעל, אז דאס ברעכאייזען פאלט ארויס פון זיינע הענד, און שרייט ארויס מיט א מורא'דיגער שמחה). זיי קומען! זיי קומען! מי כמוך באלים ה'...!

לעאן (מיט א רעוואלווער אין דער האנד, לויפט אריין און

רופט ארויס צו די הינטער איהם). ער איז דא! ער איז דא! (עט־ליכע יונגע לייט קומען־אריין.)

ר' משה (ענטוישט). צו מיר?!... ניין.. נישט... (פאלט טויט.)

לעאָן (לויפט צו איהם צו מיט שרעק). זיידעלע! (עוסק'ט זיך ארום איהם.) טויט! (קוקט א ווײַלע אויפ'ן טויטען. אין גע־דאנקען.) טויט. די אלטע שיינהייט איז טויט. און... יעצט....??

# אייזיק שעפטעל

דראמע אין דריי אקטען

(21 מערץ — 7 אפריל, 1899.)

## פערזאָנען:

אייזיק שעפּטעל, א שמוקלער.
ביילע, זיין פרוי.
גישינקע, עלינקע, — זייערע קינדער.
פיניע, אייזיק'ס פאָטער, א משוגענער.
נאָטע גאָלדין, אייזיק'ס בעל הבית.
אָרקע, זיין זוחן.
מיכעל דער אלטער, בערע דער רויטער, זעליג קאָמעדיאַנט, לייוויק, סענדער, היליע, — גאָלדינ'ס ארבייטער.
יאָשקע,
טעמע, מלכה, ציפּע, דאָבע, — ארבייטערקעס ביי גאָלדינען. אייזיק'ס שכנות.
געליע, ציפּעס טאָכטער.
הינדע, סאָסיע, — דאָבעס טעכטער.
וויכנע די קרעמערין.

די בעגעבענהייט קומט פאָר אין א גרויסער שטאָדט אין דער „טשערטא אָסעדלאָסטי" אין דעם אָנהעב פון די ניינציגער יאָהרען פון דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט.

# ערשטער אַקט.

אייזיק שעפּטעל'ס קעלער־וואוינונג. רעכטס ביי דער וואנד צוויי הילצערנע בעטען, איינס הינטער דעם אַנדערען, בעדעקט מיט שמאַטעס, די ציכלעך אויף די קיסען זיינען קויט־שווארץ און מיט גרויסע שמוציג־געלע קינדער־פלעקען. פאַרנט אין מיטען צימער דער קליינער פיער־פיסיגער טיש, אָהן א טישטוך, מיט דריי שטולען ארום איהם. די רויטע פארב, מיט וועלכער דער טיש מיט די שטולען זיינען אַמאָל בעפארבט געוועזען, האָבען אָנגענומען א שמוציג־גרוי אויסזעהן מיט מעהר אָדער ווענינער רויטע פלעקען. דער שטול לינקס איז אָהן א וועגטעל. פאַרנט ביי דער לינקער וואנד א קליינע קאמאָד, אויף וועלכער עס געפינען זיך א קליינער שפּיעגעל, דריי מעשענע לייכטער און א ברוין געוואָרענער שווארצער קאפּעליוש; הינטער דער קאמאָד א שטול, מעהר ארויסגערוקט צום מיטען צימער. דערביי די טיר פון ציפּעס צימער. הינטען, נאָך דער טיר, דער גרויסער אויוון מיט זיין לאָך צו דער רעכטער וואנד. צווישען דעם אויוון און דער לינקער וואנד איז א געלעגער פון ברע־טער, אויף וועלכען עס געפינט זיך דער אלטער פּיניע. אין מיטען פון דער הינטערוואנד די טיר, וועלכע פיהרט צום פאָרהויז און אין דאָבעס צימער, פונקט ענטקעגען איהר איז די גאסטיר. צווישען דעם אויוון און דער טיר שטעהט א לאנג, שמאָל קיכענבייגקעל. אונטער דער באנק אן עמער, אויף איהר א פּאָר טעפּלעך, איבער איהר פּאָליצעס מיט א קופּערנער פאן, א לאָקשענבברעט און טעפּלעך, צווישען איהר און דעם אויו־וען ווילקעס, א לאָפּעטע, א גראָבאייזען, א בעזים. רעכטס פון דער טיר א

געלער גלעזער־שראנק, אויבען א ביסעל העלער, ווייל אונטען איז ער בעדעקט מיט שמוץ. א שטיקעל גלאָז אין דעם אויבערסטען ווינקעל פון דער שראנקטיר צייגט, אז א מאָל איז אין דער אויבערסטער העלפט געוועזען א גאנצע שויב; יעצט איז דאָס לאָך פערקלעבט פון איבוועניג מיט א גרויסען בלויען בויגען פאפיער, פון וועלכען די פארב האָט א ביסעל אָבגעבליאַקעט. צווישען דעם שראנק און דער רעכטער וואנד, צוקאָפּענס איבער דעם הינטערסטען בעט, הייגען קליידער, פערדעקט מיט א גרויען פאר שמוץ און אין א סך ערטער צופאלענעם ליילעך. לעבען דעם הינטערסטען בעט שטעהט יעצט דאָס וויגעל. — אין צימער הערשט דאָס האלב־דונקעל, ווי אין יעדען קעלערצימער, פון וועלכען די פענסטער ליעגען אונטער דעם ברוק פון דער גאס. די שויבען זיינען גרוי, בעדעקט מיט שמוץ, און נאָר אן דעם העלען, אין גרין איבערגעהענדען שיין אויף די פענסטער דערקענט מען, אז דרויסען שיינט די ליעבע זון. די געוויסטע וועגד זיינען שווארץ, פעררויכערט, מיט פלעקען פון שימעל און פייכטקייט. וואו נישט וואו קוקט ארויס א העלער פלעק, ווי דאָס טרויעריגע אויג פון אן איינאויגיגען, און פערגרעסערט נאָך דעם אומעט. שווארץ און פעררויכערט איז אויך די סטעליע, פון וועלכער עס פאלט אָב די שטוקאטורקע. און די פּאָדלאָגע קאָן מען נישט דערקענען, פון וואָס זי איז געמאכט געוואָרען: צו איז זי פון ברעטער צוזאמענגעשלאָגען, אָדער פון ציעגעל אויסגעלעגט, אָדער איז עס די שווארצע, קאַלטע מוטער ערד. אין צימער הערשט נישט אזוי די אָרימקייט, וועלכע וואָלט זיך נאָך לאָזען פערדעקען, ווי דער עיקר די אָבגעלאָזענקייט, די נאכלעסיגקייט, די מידע פערצווייפלונג און די פערצווייפעלטע פערגרעבטהייט.

**אייזיק שעפטעל** זיצט ביים טיש און שניידט מיט א מעסער א שטיקעל האָלץ. א יונגער מאן פון א יאָהר דרייסיג, דאר און מאָגער, מיט איינגעצויגענע באקען אונטער א געדיכטען בלאָנדען בערדעל. די בלייכע, דינע ליפּען האלט ער איינגעפּרעסט, און אָפט בייסט ער די אונטערסטע אָדער די אויבערסטע ליפּ, ארויינכאפּענדיג בשעת מעשה דאָס

האָר פון די קליינע וואָנצען. די אויגען טיעף איינגעפאלען אונטער געדיכטע און לאַנגע ברעמען; זיין בליק איז פערקלערט, שארף, טיעף, בעלויכטען פון אן איכוועניגסטען פייער. ער טראָגט אויף זיך אן אין די ארבעל און אין די פּאָלעס צוריסען רעקעל, וואָס איז צוגעשפּיעליעט אויף דעם אונטערסטען קנאָפּ, ווייל די איבריגע פעהלען. דאָס העמד, וואָס קוקט ארוים פון אונטער דעם אויבען אָבגעקנעפּטען רעקעל און פון די לעכער אין די ארבעל, איז שמוציג און אויף דער ברוסט אָפען, אזוי אז עס זעהט זיך ארוים זיין מיט האָר בעוואקסענע, איינגעפאלענע ברוסט. די גרויע הויזען זיינען אין די קני פערלאטעט מיט שטיקלעך פון א פיעל העלערער מאטעריע, און די לאטעס קוקען אוים ווי פענסטער; אונטען זיינען זיי אויסגעריבען און צוריסען. זיינע שטיפעל זיינען געל און ברוין, מיט צוקרימטע אָבזאצען און געלעכערטע פּאָדעשוועס. דער נישט פערקעמטער, געדיכט בעוואקסענער דונקעלבלאָנדער קאָפּ איז אָבגעדעקט. — אויפ'ן טיש פאר איהם אלערליי רעדעלעך, גלייך צוגעשניטענע העלצעלעך, א לאַנגער און ברייטער פוס פון א מאשינקע, אין וועלכען עס איז אריינגעשטעקט א לאַנג קוילעכדיג שטעקעל מיט לעכלעך פון איין זייט און צוגעמאַכט געוואָרען א ראָד פון דער אנדער זייט. צווישען דעם ראָד און דעם שטעקעל אן אַקס, אויך מיט לעכלעך. ווייטער געפינט זיך אויפ'ן טיש א צירקעל, א קליין זעגעל, א לאָד־בויערער, שטיקלעך גלאָז, פּאָדים א. ז. וו.

ב י י ל ע זיצט אויף דעם פּאָדערסטען בעט מיט עלינקען, א קינד פון א יאָהר אָנדערטהאלבען, אויפ'ן אָרם און גיט איהם די ברוסט. זי איז אין איינע יאָהרען מיט אייזיק'ן, מאָגער, מיט א פלאכער ברוסט, קויטיג, אויפ'ן געזיכט לעבען די אויערן ליעגען רצועות פון נישט אָבגעוואשענעם שמוץ. דאָס ציצענע קלייד און קאָפּטע זיינען צוריסען און צופליקט און בעדעקט מיט לאטעס. אויפ'ן קאָפּ א בונט טיכעל פון נישט צו דערקענענדע פארבען, וואָס ליעגט קרום און פון אונטער וועלכען עס שפּארט ארוים איבער דער שטערן א פוק קאשטאניענפארביג האָר. איהרע שיך זיינען שוין אויך לאנג נישט געפוצט געוואָרען. דאָס קינד אויף איהר אָרם טראָגט א לאנג העמד פון א גרעסערן קינד.

פּיניע זיצט אויף דעם ברעטערגעלעגער צווישען אויוועז און קוקט אין דער ווייטענס מיט משוגענע אויגען. זיין שווארץ־גרויליך בערדעל ארום זיין געלען געזיכט איז אויסגעקראַכען און שיטער, ווי אויך דאָס האָר אויפ׳ן קאָפּ, אויף וועלכען ער טראָגט אַן אלט, אויבען פעט געוואָרען און אין א סך ערטער צוריסען היטעל. אויף דעם הוילען לייב א וואטען־קאפּטעל, פון וועלכען דער אויבערשלאָג איז כמעט אין גאנ־צען צופאלען; איבער דעם קאפּטעל א לאנגער אלטער צופאלענער שווארצער מאנטעל. ווען דער מאנטעל איז אָפען, זעהט מען אַראָבהייגגען דיקע ציצית פון א שטארק צוריסענעם לאנגען ארבע כנפות און א „סימן“ פון הויזען.

ביים הינטערסטען בעט לעבען שראנק שטעהט גישינקע, א מיידעלע פון א יאָהר פיער, און שפּיעלט זיך מיט איהר קוקלע — א שטעקעל, איינגעוויקעלט אין א שמאטע. זי איז נישט געקעמט און ווי אלע אין צימער שמוציג, מאָגער, הויט און ביינער, אָבגעריסען און בארפוס. זי רעדט פאר זיך מיט איהר קוקלע: „אַנטאַן... ניט וויינען... שלאָגען... עסען...“

ביים אויוועז שטעהט דאָבע, א קורצע, אלטע איינגעקאָרטשעטע אידינע אין א ליאַמקע און ציפּיק אויפ׳ן געגאָלטען קאָפּ; זי שטעלט צו איהר טעפּעל.

עס איז ארום האלבען טאָג. אין צימער איז שטיל. מען הערט נאָר איזיק׳ס שווער שניידען מיט דעם מעסער, גישינקעס אונטערברומען און דאָבעס ארומשארען מיט דער ווילקע אין אויוועז. פון ציפּעס צי־מער הערט זיך צייטענווייז דאָס שטארקע קלאפּען פון א זאָקענמאשינקע.

איזיק הערט אויף צו שניידען, בעטראכט דאָס העלצעל, וואָס ער האָט געשניטען, און דאן די רעדלעך, וועלכע ליעגען פאר איהם אויפ׳ן טיש, און קנייטשט די שטערן, בוויסענדיג די אויבערסטע ליפּ.

ביילע הענט אויף איהם אויף א פרעגענדיגען בליק. — די זאָקענמאשינע הערט אויף א ווילע צו קלאפּען.

פּיניע (הענט זיך לאנגזאם אויף, וויקעלט זיך איין אין דעם מאנטעל, בלייבט שטעהן לעבען ציפּעס טיר און בעטראכט זי; דאן געהט

ער צום טיש, קוקט אויף איזיק׳ס ארבייט, מאכט עטליכע שריט צום הינ־טערגרונד, קוקט א ווײַלע אויף גישינקעו, פערקעהרט זיך ווידער צום אויוועו און בלייבט שטעהן מיט׳ן געזיכט צו זיין געלעגער, אראָבגעלאָזענערהייט די אויגען. ביסלעכווייס העבט ער אויף זיין בליק, שטעלט איהם אָן אין דער ווייטענס און מיט א קול ווי פון א קבר, לאנגזאם דרע־הענדיג זיך, העבט ער אָן צו ציהען). דער הימ—מ—מעל—ל איז —ז—ז גע—שטאָרבען, די עררדד איז געשטאָרבען, גאָט—ט איזזז גע—שטאָררבען, אליץ איזזז גע—שטאָרר—בען. אלליץ— — (בלייבט שטעהן און לאָזט אראָב דעם קאָפּ.)

ד אָ ב ע (שטעלט אוועק די ווילקע, מאכט צו דעם אויוועו און בורטשעט). עס וויל גאָר נישט קאָכען. מסתמא זעהר גוט געהייצט.

ב י י ל י ע (מאכט בעליידיגט מיט׳ן קאָפּ). שטענדיג איז איהר קנאפּ געהייצט.

ד אָ ב ע (ארויסגעהענדיג). דער וואַרמעס מוז שטענדיג ארויס־קומען ביי דער נאכט.

ב י י ל י ע (קוקט איהר בייז נאָך און שפּייט אוים מיט הארץ). אלטע מכשפה!

פ י נ י ע (דרעהט זיך). טויטטט. גע—שטאָררבען. גע—שטאָררבען. געשטאָררבען. טויטטט. אלליץ...

ב י י ל י ע (בייז). הערט שוין אויף צו דרעהען זיך. עס דרעהט זיך שוין מיר אזוי אויך גאנץ גענוג אין קאָפּ און אין הארצען און אין אלע געדערים.

פ י נ י ע (בלייבט שטעהן מיט אן אָפענעם מויל, מיט׳ן רוקען צו בייליען, נאָר דעם קאָפּ דרעהט ער אוים לינקס אין איהר זייט און הערט זיך צו. ווען זי ענדיגט, דרעהט ער צוריק אוים דעם קאָפּ, לאָזט אראָב דעם בליק צו דער פּאָדלאָגע און געהט לאנגזאם צו זיין אָרט צווישען אוי־וועו, וואו ער זעצט זיך אוועק, ווי פריהער).

שווייגען.

א י י ז י ק (פערטיעפט אין זיין ארבייט, שטיל פאר זיך) אָט אַ דאָ אַ פעהלט מיר. — אז אָט אָ דאָ אָ וואָלט...

בייליע (גיפטיג). דאס וויפיעלטע מאל הער איך שוין: „אט א דא א, אט א דא א!" — און עס איז נאך אלץ קיין סוף ניטא.

אייזיק (קנייטשט אן א ביסעל די שטערן, די רעכטע האנד אויף זיין ארבייט, די לינקע צוזאמענגעדריקט אין א קולאק אויף דער שטערן).

בייליע. גאר נישט, נעמאכט זיך א יום טוב און געהט נישט דריי טעג אין ווערקשטאט! מאשינעס ווילט זיך איהם אויס־טראכטען! די גרויסע פרנסות, וואס מען האט דא פון זיינע מא־שינעס. גאלדינקען רייך מאכען!

אייזיק (קוקט אויף בייליען פון אונטער דער לינקער האנד, ווי ער וואלט וועלען וויסען, וואס רעדט זי אזוינס).

בייליע. גאר נישט, דריי טעג! און איך וויים הייסט עס שוין, אז ער איז פארטיג.

אייזיק. אז דו וועסט אזוי שטענדיג רעדען, וועל איך נעווים נישט פארטיג ווערען.

בייליע. איך שטער דיר גאר, איך...

אייזיק (נעמט זיך פלוצלונג צו דער ארבייט מיט האסט).

בייליע (ווארפט אויף איהם א בליק פול גיפט און דרעהט אוועק דעם קאפ צו דער וואנד. עלינקע הערט אויף צו זויגען. זי מאכט צו דעם בוזים און לאזט אראב דאס קינד אויפ'ן שוים).

פיניע (ווען עס ווערט שטיל, העבט וויעדער אן לאנג צו ציע־הען). טויטטט. גע—שטארבען. וויסט. אוים...

בייליע. איהר זאלט זיצען שטיל, זאלט איהר זיצען!

פיניע (בלייבט זיצען מיט אן אפענעם מויל, ביסלעכווייס צומאכענדיג עס).

שווייגען.

אייזיק (ארבייט שנעל).

בייליע (קוקט אן א זייט פערביטערט און בייז).

גישינקע (פון לעבען שראנק). מאמע, וואס שטעהט דא אין טעלער? איך וועל דאס אויפעסען.

ביילע (מיט שרעק און בייז). שטעל אויף גיך אוועק צוריק דעם טעלער! וויפיעל מאל האב איך דיר געזאגט, אז דו זאלסט דעם טעלער אונטער'ן אלמער נישט ריהרען! דאס איז מישיאק פאר מייז!

גישינקע. מישיאק פאר מייז איז דאס? איך וועל מיר נעמען נאר א שטיקעלע, א קליין שטיקעלע.

ביילע (שפרינגט אויף, מיט עלינקען אויף דער לינקער האנד, און לויפט צו צו גישינקען). זאלסט מיר גלייך אוועקשטעלען דעם טעלער! (רייסט ביי איהר ארויס א שטיקעל מישיאק פון האנד, ווארפט עס אריין צוריק אין טעלער, שטופט אונטער דעם טעלער מיט'ן פוס אונטער'ן שראנק און שלאגט גישינקען איבער די האנד.)

גישינקע. אי! אי!

ביילע (שטופט זי אב פון שראנק). דאס איז דאך סם, דערפון שטארבט מען. איך וועל דיר א טויט מאכען, אז דו וועסט זיך נאך א מאל צוריהרען צום טעלער. זיץ אויפ'ן בעט רוהיג אדער געה אין גאס. (געהט צוריק אויף איהר ארט.) זי וועט זיך נאך א מאל פער'סם'ען, אז אומעדום קריעכט זי.

ציפע (א אידינע פון א יאהר פופציג, מיט צוויי קאשיקעס, אנגעלאדענע מיט עפעל און מיט בארנעס, אויף די הענד, קומט אריין פון דער פארהויז־טיר און געהט דורך אין איהר צימער. זי טראגט א גלאטען פאריק, וועלכער זיצט יעצט קרום, א ציצען קלייד און קאפטע מיט א גארטעל, אויף וועלכען עס הייגט א גרויסע לעדערנע קעשענע).

גישינקע (בעשעפטיגענדיג זיך מיט איהר קוקלע). איך'ן געהן אויפ'ן גאס.

ביילע. כאטש אין כף הקל'.

גישינקע (נעמט איהר קוקלע און געהט ארוים).

ביילע. זאלסט מיר דארטין נישט ארומשפרינגען און נישט שלאגען זיך, איך וועל דיר צושינדען די הויט! (זי טראגט

איבער איהר בליק פון דער אוועקגעגאנגענער גישינקע אויפ'ן שראנק, שטעהט אויף, געהט צו צום שראנק, לאזט זיך אראב אויף די שפיץ פינגער און פעררוקט דעם טעלער.) איך האב דאס נאר בעדארפט אויפ־עסען, וואלט געוועזען א סוף צו מיין ביטערען לעבען. (זעצט זיך צוריק אויף איהר ארט.)

ציפע (קומט אריין, שוין אהן די קאשיקעס, נאר די לעדערנע קעשענע איז ארומגעבונדען ארום איהר. זי נעמט ארויס א טעפעל, קוקט אין איהם אריין און גיסט צו א ביסעל וואסער). הם! עס איז נאך גאנץ רוי, נא! (שטעלט אריין דאס טעפעל און געהט צוריק אין איהר צימער.)

בייליע. דער איז אויך אלץ ווייניג פייער! (זעצט אוועק עלינקען אין בעט און געהט צום אויוועז. דאס קינד הערט אן צו וויי־נען.) זעה א טשיקאוועס, אייזיק. מאגסט צוגעהן א קוק טאן. איך זאג דיר, עס איז א מצוה א קוק צו טאן. האט פארגאנדער־נערוקט די טעפלעך, אונזער שטעהט שוין נאר אויפ'ן פריפעטשיק, און איהרען האט זי אריינגערוקט אין רעכטען מיטען זשאר. קום נאר, אייזיק, טו נאר א קוק. אז נישט דערהארען וועט זי דאס ביי מיר! (עוסק'ט זיך אין אויוועז.)

אייזיק (בעטראכט זיין ארבייט). שלעכט, עס וועט נאר נישט ארויסקומען.

בייליע (שטעלט אוועק די ווילקע). אזוי וועט איהר וואר־מעס אויך פארטיג ווערען. (קערט זיך אום צו איהר ארט מיט נצחון און נעמט צוריק דאס קינד אויף די הענד. מיט האס.) און דו שריי נאר! א מינוט טאר מען איהם נישט אראבלאזען פון די הענד. (זעצט זיך און זעצט איין דאס קינד ביי זיך אין שוים מיט בייזקייט. און גיבען שלאפט דאס קינד איין.)

אייזיק (לעגט אוועק די ארבייט און הערט אן ארומצוגעהן איבער'ן צימער. ער בייסט זיך די ליפען, דריקענדיג זיי מיט'ן צייגע־פינגער פון דער רעכטער האנד אן די ציין, און מיט דער לינקער האנד פיהרט ער זיך איבער די שטערן און דאס האר).

ב י י ל י ע (קוקט איהם נאָך, איראָניש). אַט אָ דאָ אָ, אַט אָ דאָ אָ, העהעהע. — מסתמא ארויסקומען אין צעהן חדשים ארום ווי די פּרעס, הם. — אויב עס וועט איבערהויפּט ארויסקומען. — אַט אָ דאָ אָ, אַט אָ דאָ אָ! — גאָר נישט, געמאכט זיך א יום טוב.

א י י ז י ק (בלייבט שטעהן). טאָמער וועסטו א מאָל אויפ־הערען צו רעדען? (געהט ווייטער.)

ב י י ל י ע (אויפגעבראכט). וועסט מיר אפשר פערשטאָפּען דאָס מויל, איך זאָל שוין א וואָרט נישט אויסרעדען, הא?! נא, נו, פערשטאָפּ מיר דאָס מויל, פערשטאָפּ, נא! „טאָמער וואָלסטו אויפהערען צו רעדען!" איך בין א נאר, אז איך רעד! געדארפט נעמען אַט די גאנצע מאכעריי און צוברעכען ביז א האָר, וואָלט איך יעמאָלט פערשפּאָרט צו רעדען.

א י י ז י ק (דריקט די ציין, קנייטשט די שטערן און געהט אום).

ב י י ל י ע. ווענען איך זאָל דאָס דערצעהלען, וועט מען מיך דאָך האלטען פאר א משוגענע, וואָס איך לאָז דאָס גאָר צו! גאָר נישט, מאכען זיך א יום טוב און נישט געהן דריי טעג צו דער ארבייט! איך וואָלט זאָגען, אז ער וועט ארייננכאפּען דערפון די גרויסע גליקען. גאָר נישט! אָבגעארבייט אויף דער פּרעס צעהן חדשים נאכט אין נאכט — און וואָס? געקראָגען וועלכע צוואנ־ציג קארבאָוואנצעס און רייך געמאכט גאָלדינקען! און וואָס האָ־סטו געהאט פון דער פּעטליצעס־מאשינקע? אויף א סך מעהר קעראָסין פערברענט!

א י י ז י ק (געהט צו צום טיש און נעמט זיך פאר די רעדלעך, אָנשפּארענדיג זיך מיט'ן קני אָן שטול).

ב י י ל י ע (געלאַסענער). מען זעהט, אז עס געהט נישט, וואָרפט מען עס איק ציאָרטו און א מעשה מיט א סוף און מען געהט צו דער ארבייט, נישט דריי טעג...

א י י ז י ק (העבט ווידער אָן ארומצוגעהן).

שוויינגען.

נ אָ ט ע ג אָ ל ד י ן (קומט אַריין, אַן עלטערער איד מיט

פאות, אַ ברייטען באָרד און געדיכטע אונטערגעשאָרענע וואָנצען; אַ סאמעטענהיטעל אויפ'ן קאָפּ, די הויזען אין די שטיפעל, אַ לאַנגער, שוואַרצער סיורטוק מיט פעטע פלעקען, צוגעקנעפּט אויף דעם אייבערסטען קנעפּעל; איבער דעם סיורטוק אַ לאַנגער, אָבגעקנעפּטער שוואַרצער מאַנטעל מיט לאַנגע, ברייטע קעשענעס; אַ ווייסער אָבגעלעגטער קראַגען. אויף דעם קראַגען ליגט דאָס שוואַרצע שנירעל, אויף וועלכען עס הענגט זיין קעשענע־זייגער; אויסערדעם הענגט דער זייגער אויף אַ שווערער זילבערנער קייט, וועלכע זעהט זיך אַרויס פון די פערכאַנדערגעשפּעטע פּאָלעס. די הענד האַלט ער דאָס רוב אין די קעשענעס און ווען ער רעדט, רוהיג אָדער הייפטיג, שלעפּט ער און ציהט און וואַרפט אום מיט די פּאָלעס. זיין געזיכט איז אָנגעהנקט, ער רעדט ווי ברגז, נאָר זעלטען אַ וואָרף טוענדיג אַ בליק אויף דעם, מיט וועמען ער רעדט).

**אייזיק** (גיט זיך אַ בערוהיגען טריפּעל, ווען ער דערזעהט גאָלדין'ען).

**ביילע** (קוקט אויף אייזיק'ען מיט כצחון, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: „אַט האָסטו דיר, נאַ!").

**גאָלדין.** נאָ, נו, דו שפּאַציערסט דאָך גאָר אַרום.

**ביילע** (איראָניש). דאָס בעקלערט ער אַזוי.

**גאָלדין.** די גאַנצע דריי טעג בעקלערסטו דאָס אַזוי?

**ביילע.** אַט אַ דאָס האָט ער אויסגעמוסטערט. (הייבט אויף די רעדלעך מיט די העלצלעך און שיט זיי אויס איינציגווייז צוריק אויפ'ן טיש.)

**גאָלדין** (געהט צו צום טיש און בעטראַכט די אַרבייט).

**אייזיק** (געהט אויך צו צום טיש, קוקט אויף גאָלדין'ס הענד מיט דער פריערדיגער פערטראַכטקייט, אָבער מיט דעם אויסדרוק פון פערדראָס, וואָס גאָלדין בערוהרט די אַרבייט).

**גאָלדין.** וואָס איז דאָס אַזוינס?

**אייזיק.** אַ מאַשינקע.

גאָלדין. א מאשינקע! איך זעה, אז נישט קיין לאָקשענ־ברעט. וואָס פאר א מאשינקע?

ביילע. זאָל ער אזוי וויסען פון זיין קאָפּ, ווי ער גוויס אליין. פּאָרקעט זיך און פּאָרקעט זיך...

גאָלדין. דו מוזט דאָך וויסען, וואָס דו מאכסט. וואָס איז דאָס פאר א מאשינקע? פאר טעמליאקעס?

אייזיק. ווייסט איהר דאָך.

גאָלדין. און ביי דיר זיינען די ווערטער טייער?

אייזיק (נעמט אַרויס די מאַשינקע פון גאָלדינ׳ס האַנד און העבט אָן עפּיס צוזאמענצושטעלען).

גאָלדין (קוקט איהם נאָך).

ביילע. אָט אזוי אָ זיצט ער די גאנצע דריי טעג און קוים וואָס מען קריגט ביי איהם ארויס א וואָרט. איז אויפגע־שטאנען זונטאָג גאנץ פריה מיט אימפּעט: איהם איז איינגעפאלען א טייערע זאך! און נישט איינגעוואשען זיך און נישט גערעדט און גענכאפּט זיך פאר דער ארבייט. ער איז דאָך אזוי משגע ווי זיין טאטע. איהם אז עס שפּארט עפּעס אָן...

גאָלדין. נייז, ער פלעגט דאָך שטענדיג מייסטערן ביי נאכט — וואָס איז איהם יעצט איינגעפאלען נאר ביי טאָג און צו דער ארבייט נישט געהן?

ביילע. זאָל איך אזוי וויסען פון זיין לעבען! טאָג אזוי ווי נאכט, די גאנצע דריי טעג זיצט ער און פּאָרקעט זיך, שניצט און מייסטערט, מייסטערט און שניצט. עס איז איהם נישט אָב־צורייסען פון אָרט. און איך וואָלט זאָגען, ער האָט עפּעס דערפון. מיר ווייסען שוין די גרויסע גליקען, וואָס ער האָט ארייגעכאפּט פאר זיינע ערשטע צוויי מאשינעס.

גאָלדין. נא, איך האָב איהם נישט געבעטען. פאר מיר איז גלייכער, אז ער זאָל זיצען און ארבייטען. ביי מיר איז יעצט ארבייט אריבער און אריבער און דאָ מוז זיין שטול שטעהן לעדיג. וואָס איז? אייזיק׳ען האָט דער טירוף פערדרעהט! ער וויל נישט

ארבייטען? איז א מעשה מיט א סוף, ווייס איך עס, זעץ איך אן אנדערן אויף זיין אָרט. און איך בין טאקי געקומען דיר צו זאָגען, אז אויב דו וועסט היינט־מאָרגען נישט קומען צו דער ארבייט, זעץ איך אן אנדערן, איך קאָן נישט ווארטען. די קונדען ווארטען מיר אויך נישט.

ב י י ל י ע. איך האָב געוואוסט, אז דאָס וועלען מיר האָבען פון זיינע מאשינעס.

ג אָ ל ד י ן (בעטראכט די ארבייט אין איזיק'ס האנד). איז וואָס וועט עס זיין? טאקי פאר טעמליאקעס? (קריגט איזיק'ען אין די הענד.) בעוויז נאָר, וואָס ווילסטו דאָ מאכען.

א י י ז י ק (יסורים'דיג). איהר וועט דאָ גאָר נישט פערשטעהן. איהר וועט שוין זעהן פארטיגערהייט.

ג אָ ל ד י ן. וועט עס דען א מאָל פארטיג ווערען?

ב י י ל י ע. מסתמא, אז משיח וועט קומען. וועט זיך ציהען ווי די פּרעס...

ג אָ ל ד י ן. נא, איך האָב מיינס געזאָגט. פון מיינעטוועגען מאָג עס יעצט דויערן כאָטש וויפיעל צוויי פּרעסען. נישט מיין דאגה.

ב י י ל י ע. איך ווייס, אז דאָס איז נישט אייער דאגה. וואָס זאָל עס זיין אייער דאגה? די מאשינקע וועט סיי ווי סיי צו אייך אנקומען.

ג אָ ל ד י ן (ווענדעט זיך אין פּיניעס זייט, הערט זיך צו צו ביי־ליעס רעד, מאכט אַ בעוועגונג עפּעס צו זאָגען איהר, מאכט מיט דער רעכטער האנד אין קעשענע, טשמאָקעט מיט די ליפּען, בלינצעלט מיט די אויגען: „נישטאָ, הייסט עס, מיט אַ אידענע וואָס צו רעדען"; דאן פרעגט ער). נא, ווי געהט עס דיר, פּיניע?

פּ י נ י ע (שטעלט אויף איהם אַן זיין בליק און הערט אַן לאנג־זאָם צו רעדען). דער הימעל איז געשטאָרבען, די ערד איז גע־שטאָרבען, גאָט איז געשטאָרבען...

גאָלדין. שאַ, שאַ, פּע, וואָס רעדסטו פאַר אַ ווערטער! פאַר וואָס לאָזט מען איהם רעדען אַזעלכע ווערטער?

ביילע. פאַר אונז איז גאָט געשטאָרבען.

גאָלדין (אויפגעבראכט). וואָס איז — וואָס איז — וואָס איז עס פאַר אַ ווערטער? ווי רעדט עס אַזוי אַ מענש?

ביילע. עט, אַלץ איינס.

גאָלדין. טפּוי, אויף מיין וואָרט! ווי־ווי־ווי.... אַה, נו! נע.... דערפאַר שטראָפט עס אַזוי גאָט...

ביילע (ווישט זיך די אויגען מיט'ן שפּיץ פון איהר קאָפּ־טיכעל). אַזוי אָדער אַזוי, אונזער לעבען איז שוין סיי ווי סיי פערשפּיעלט.

גאָלדין (דרעהט מיט'ן קאָפּ און מיט די אַקסלען). נאַ! (געהט צו דער טיר.) טיק זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל, איך וועל קיין סך נישט וואַרטען. קומסטו נישט היינט־מאָרגען צו דער אַרבייט, זעע איך אַן אַנדערען אויף דיין אָרט. איך־איך־איך... נאַ! (קושט די מזוזה און געהט אַוועק.)

שווייגען.

ביילע. אַט דאָס וועט נאָך זיין דער סוף, אַז ער וועט אַוועקזעצען אַן אַנדערען און מיר וועלען נאָך בלייבען אָהן ברויט.

איציק. דו קלאָג נאַר. ער וועט קיין אַנדערען ניט אַוועקזעצען.

ביילע. אַ ודאי וועט ער קיין אַנדערן נישט אַוועקזעצען! אָהן דיר, הייסט עס, קאָן ער דאָך נישט אויסקומען. ער מוז דיך דאָך שטאַרק האָבען. ווי וועט ער עס גאָר זיין אָהן דיר!

איציק (אויפהעבענדיג צו איהר דעם בליק, ליידענד און פעפּט). נו, וועט ער אַוועקזעצען אַן אַנדערן און הער אויף צו ריפּען מיר אויפ'ן האַרצען. איך בין שוין באַלד פאַרטיג. זיי כאָטש אַ ווייַלע שטיל.

ביילע (ווישט זיך די אויגען און רעדט פאַר זיך). אַ מענש

האָט זיך אויסגעטאָן פון דער גאַנצער וועלט און וואָלט איהם כאָטש עפּעס א האָר אָנהעבען צו ארען.

שווייגען.

פּיניע (העבט אָן לאַנגזאַם אַרומצוגעהן איבער'ן צימער, שטעלט זיך אָב אַ פּאָר מאָל, קוקט אויף די פּאָדלאָגע, שטעלט אָן זיין בליק אין די ווייטענים, בעטראַכט דעם אַרום און געהט ווייטער. ענדליך בלייבט ער שטעהן לעבען דער קאָמאָד, קוקט אויף איהר א ווײלע און קערט זיך אום מיט'ן רוקען צום אויזוען, שטעלט אָן זיין בליק אויף די פּאָדלאָגע און זאָגט לאַנגזאַם אַרויס). געשטאָרבען. דער הימעל. די ערד. די גאַנצע וועלט.

ביילע (וויינט און רעדט פאַר זיך). וואָלט עס כאָטש געווען אמת, וואָלט שוין געוועזען א מעשה מיט א סוף.

פּיניע. און גאָט.

ביילע (מאַכט אַוועק פערצווייפעלט מיט דער האַנד).

פּיניע. אַלץ איז געשטאָרבען.

ביילע. איך בין נאָך ערגער ווי א געשטאָרבענע.

פּיניע. אַלץ. טויט.

ביילע. אין גיהינום שטעהט מען זיך נישט אויס, וואָס איך שטעה מיך אויס.

פּיניע. געשטאָרבען. געשטאָרבען.

ביילע. אז דער אויבערסטער וואָלט מיך צוגענומען צו זיך, וואָלט איך דאָמאָלסט געוואוסט, אז עס איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט.

פּיניע. טויטטט. אַללץ.

ביילע. איך וואָלט עפּיס אויסגעלויזט געוואָרען...

איזיק (בלייך, אויפגערעגט, שווער עטמענדיג, קרעכצענדיג). אָך, זאָל כאָטש א ווײלע שטיל זיין, א ווײלע שטיל זיין! (לעגט פערצווייפעלט ביידע הענד אויפ'ן ברעג טיש און פיהרט אום מיט די אויגען אין אויסדרוק פון גרויסע יסורים. — באַלד דריקט ער איין די

שטערן מיט ביידע הענד, אָנשפּארענדיג זיך מיט די עלענבויגענס אָן טיש.)

**פּיניע** (העבט אויף דעם קאָפּ, בויגט אָן דאָס לינקע אויער, פערוואונדערט און נייגיריג צוהערענדיג זיך צו אייזיקס געשריי, און דאן לאָזט ער אראָב דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּיס בעקלערט, און געהט לאַנגזאם צו זיין אָרט).

**ביילע** (ווישט זיך די אויגען).

שווייגען. — הינטער דער וואנד אָכצעט און קרעכצט די זאָקענ־מאַשינע.

**וויכנע די קרעמערין** (קומט אַריין. אַ אידענע פון אַ יאָהר פיערציג, אין אַ העלער ציצענער קאָפּטע, פון אונטער וועל־כער עס שטעקט אַרויס פאָרנט און אַנדערע אַ טונקעלע, מיט אַ גרויסען פארטוך אַרום זיך, איינגעריכט אין מעל, בעדעקט מיט פלעקען פון קעראָסין און אויל. אויפ׳ן קאָפּ אַ גלאַטער פּאריק פון שווארצע האָר, דורך וועלכען עס קריעכען אַרויס ערטערווייז איהרע אייגענע שוין גרויע האָר. איבער איהר ברייטען מויל ליעגט אַ זיסער שמייכעל און מיט איהרע אויגען שיעסט זי אין אַלע זייטען. די לינקע האַנד האַלט זי אין דער לעדערנער קעשענע, וועלכע הענגט אונטער דעם פארטוך, און קלינגט מיט די מטבעות). גוט מאָרגען אייך!

**ביילע** (טרויעריג). גוט יאָהר אייך, וויכנעטשקע!

**וויכנע.** איך בין געוועזען ביי דאָבען, זאָג איך מיר, אז מען איז שוין דאָ, דארף מען שוין אריינגעהן צו ביילען א קוק טאָן, וואָס הערט זיך נייס.

**ביילע.** אך, נייס.

**וויכנע** (זעצט זיך אויפ׳ן שטול ביים טיש לינקס). ווי שטעהט עס מיט זיין ארבייט?

**ביילע.** זאָל איך אזוי וויסען פון איהם.

**וויכנע** (נעמט אַראָב איין האַנד אייזיק׳ס פון זיין שטערן). רב פּאני שעפּטעל, איהר ווילט גאָר אפילו נישט א קוק טאָן אויף מיר? איהר קוקט נישט אויף ווייבער?

אייזיק (סטארעט זיך צו שמייכלען, עס געלינגט איהם אבער נישט. ער וויל בעפרייען זיין האנד).

וויכנע (קוקט זיך אין איהם שארף איין און לאזט ארויס זיין האנד).

אייזיק (שטעהט אויף און הערבט אן ארומצוגעהן איבער'ן צימער).

וויכנע (זעצט זיך איבער אויף זיין שטול. צו ביילען מיט א האלבען קול). וואס איז ער עפים אזא צוקראכענער?

ביילע. וואס איז ער אזא צוקראכענער, דער משוגענער!

וויכנע. ער איז דאך עפים גאר א מטושטשער!

ביילע. א משוגענער ווי זיין טאטע. אז עס שפארט איהם עפים אן, ווערט ער מטושטש און מבולבל און ווייס נישט אויף וואסער וועלט ער איז. יעמאלט מאג ברענען און ציטערן און ער וועט גאר נישט הערען.

וויכנע (קוקט נאך דעם ארומגעהענדען אייזיק). אן עבירה די שטיוועל, אייזיק.

ביילע. איהם ארט טאקי א סך.

אייזיק (אין געדאנקען). די שטיוועל זיינען מעהר נישט ווערט.

וויכנע. און אז מען טראכט שוין אויס מאשינעס, דארף מען דאך אלץ זיין א מענש. (צו ביילען.) דעם באנקיר מאגיד־סאנס זוהן טראכט אויך אויס מאשינעס. ער איז אן אינזשעניער, האט זיך געלערנט אין מאסקווע, און אלע פראפעסארען האבען גע־זאגט, אז דער מענש איז... אה! ער האט אויף זיך א מורא'דיגען קאפ. און זיינע מאשינעס, וואס ער טראכט אויס, זאגט מען, זיי־נען... פשוט צו משגע ווערען. און ער איז געזונט און פעט, און זיין רויטקייט אין די באקען איז אויף אלע מיינע גוטע פריינד גע־זאגט געווארען. מילך און בלוט. און זיינע מאשינעס זיינען מסתמא א ביסעל בעסערע אויך, הע! צעהנדליגע טויזענדער בע־קומט ער פאר זיי...

ביילע. וואָס איז פראן וואָס צו רעדען, וואָס? א מענש האָט געשטודירט.

וויכנע. ניין, איך זאָג עס אקעגען דעם, אז אַ טראכט א מענש אויך אוים מאשינעס און איז נישט מטושטש און איז נישט מבולבל און איז א מענש מיט אלעמען צוגלייך.

ביילע. געפונען וועגען וועמען צו רעדען. (אין אייזיק'ם זייט.) ער איז אויך מיר א מענש.

וויכנע (בעטראכט די ארבייט אויפ'ן טיש). וועט ער כאָטש קריגען פאר דאָס א גוטע מטבע?

ביילע. א גוטע! ער וועט קריגען א גוטע מטבע! ער וועט עס אריינטראָגען צו גאָלדינ'קען און וועט נעמען, וואָס יענער וועט געבען.

וויכנע (צו אייזיק'ען). זייט איהר דאָך, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, גאָר קיין מענש נישט.

אייזיק (געהט אום און זאָגט גאָר נישט).

וויכנע (צו ביילען). איז ער דאָך גאָר קיין מענש נישט. ווי קאָן מען דאָס אזוי זיין? גאָלדין גיט א שלעכטען מקח, טראָגט מען אריין די מאשינע צו באשקעוויטשען אָדער לעווינען.

ביילע. הערט, דאָס האָבען מיר אלע דאָך מיט איהם גע'טענ'עט: „טראָג עס אריין און טראָג עס אריין צו באשקעווי־טשען אָדער צו לעווינען. וואָס דוקא האָט דיר אָנגעשפארט גאָל־דינקען?“ און ער — ניין. ער מוז זיי האָבען לעבען זיך. ער ארבייט ביי גאָלדינ'ען, מוזען זיינע מאשינעס דאָרטען אויך זיין. ער קאָן זיך מיט זיי נישט צושיידען.

אייזיק (בלייבט שטעהן און לעגט ארויף די רעכטע האַנד אויף די שטערן. באלד געהט ער צו אויף גיך צום טיש, שאַרט דאָרט אַריבער אַלע רעדלעך און קלעצלעך אויף די לינקע זייט, זעצט זיך און הערט אָן צו ארבייטען. — וויכנע און ביילע בעגלייטען איהם מיט די אויגען).

וויכנע. אָט אזוי אָ, זייט א מענש, זעצט זיך אנידער און ענדיגט אייער ארבייט און זעהט בעקומען פאר איהר א גוטע

מטבע. די מאַשינקע מאַג כאָטש אוועקפאָהרען אונטער די הרי חושך. דאָס געלד וועט אייך צוניץ קומען, נישט קשה. וועט מיר אָבצאָהלען, וואָס מיר קומט — איהר ווייסט, אז איהר שטעהט שוין ביי מיר אין זעקס רובעל?

ב י י ל י ע (מיט שרעק). אין זעקס רובעל?!

ו ו י כ נ ע. יאָ, יאָ, אין זעקס רובעל. וואָס דען האָט איהר געמיינט? מאָנטאָג פאר אכטטאָגען, געדיינקט איהר, איז געוועזען פיער רובעל און זיעבציג קאָפּיקעס, געדיינקט איהר?

ב י י ל ע. איז שוין זעקס רובעל?!

ו ו י כ נ ע. וואָס דען האָט איהר געמיינט? און איך האָב אייך טאקי געוואָלט זאָגען, אז איך וואָלט טאקי וועלען זעהן פון אייך א פּאָר רובעל. און טאקי גאָר אין גיכען. ווארום באלד וועט שוין זיין זיעבען רובעל און אכט רובעל... ווויכנע איז אפילו א גוטע און גיט, אָבער באלד וועט זיך ביי ווויכנען אויך אויסנעמען. איך האָב נאָך קיין קלויסטערס נישט אויסגע'גנב'עט. (צו אייזיקען.) ווען איך וואָלט אויסגעטראכט מאשינקעס, וואָלט איך אפשר אויסגעטראכט א געלד־מאַשינקע, אָבער אזוי...

ב י י ל י ע (קוקט זיך איין אין אייזיק'ען, וועלכער ארבייט זעהר פלייסיג און הערט דאכט זיך גאָרנישט). זעהט איהר דאָך, אָט זיצט ער, אָ, און וואָלט ער כאָטש געהערט.

ו ו י כ נ ע. ער הערט, נישט קשה. (קלאַפּט אייזיק'ען איבער'ן אקסעל.) איז ארבייט טאקי, מאכט אויף א גוטע מאשינע, בעקומט פאר איהר א סך געלד און צאָהלט זיך טאקי מיט מיר פערנאנדער. (שטעהט אויף.) נאָ, און איך וועל שוין יעצט געהן. שוין א צייט, אז איך בין אוועק פון קראָם. דאָ א ביסעל זיצען און דאָ א ביסעל זיצען און אזוי פערפליהט די צייט. נאָ, א גוטען טאָג אייך!

ב י י ל י ע. א גוט יאָהר אייך, ווויכנעטשקע!

ו ו י כ נ ע (טרייסלענדיג אייזיק'ען). א גוטען טאָג אייך, אייזיק. ענטפערט אָב, אז מען זאָגט אייך א גוטען טאָג.

א י י ז י ק. א גוטען טאָג אייך, ווויכנע, א גוטען טאָג!

**וויכנע.** נא, א גוטען טאָג. (געהט ארויס.)

שווייגען.

**ביילע** (ווישט זיך די אויגען). שוין זעקס רובעל. — באלד וועט זי אויפהערען. עס איז א גוטסקייט פון איהר, אז זי האָט אָנגעגעבען אויף אזויפיעל. — (וויינענדיגער.) און די שטע... אויך נאָך אָנווערען. (צואווויינט זיך.)

שווייגען.

**אייזיק** (ארבייט נערוועז).

**ביילע** (ווערט שטילער און שטילער).

**גישינקע** (לויפט אריין). מאמע, איך וויל עסען.

**ביילע** (טריקענט זיך די אויגען).

**גישינקע** (הערבט זי אָן צו ציהען פאר דאָס קליידעל). איך וויל עסען. גיב מיר עפּיס עסען.

**ביילע** (א שטויס טוענדיג זי פון זיך). אוועק פון מיר!

**גישינקע** (דערשראָקען). איך וויל עסען.

**ביילע.** נא, געה, אונטערן אלמער שטעהט דער טעלער מיט'ן מישיאק, נעם און עס דאָס אויף, וועל איך כאָטש פון דיר פּטור ווערען.

**גישינקע.** איך וויל קיין מישיאק נישט. איך וויל עסען. מישיאק איז פאר מייז. גיב מיר עפּעס. איך וויל א שטיקעל ברויט. (שלעפּט ווייטער ביילען פאר דאָס קלייד.)

**ביילע.** זאָלסט אוועקגעהן פון מיר, הערסטו! (גיט זי א שטויס.)

**גישינקע** (פאלט און צוואווויינט זיך שטאַרק).

**אייזיק** (לעגט אוועק די ארבייט, בליך, אויפגערעגט, ווארפט א בייזען בליק אויף ביילען, שטעהט אויף, געהט צום שראנק, נעמט ארויס דאָס ברויט, שניידט אָב א שטיקעלע און גיט גישינקען). נא, גישינקע, און וויין נישט, באלד וועלען מיר עסען וואַרמעס. שטעה אויף און וויין נישט. (ער העבט זי אויף און געהט צוריק אויף זיין

אָרט. ער האַלט אַ ווײַלע דאָס געזיכט אין בײַדע הענד און דאַן נעמט ער זיך ווידער צו דער ארבייט.)

גישינקע (אין איין האַנד דאָס ברויט, די אַנדערע אין פּער־פּעל, געהט צו צו אייזיקען, שפּאַרט זיך אָן אָן זיין קני און עסט שלוכ־צענדיג).

ביילע (ווישט זיך די אויגען, דעם קאָפּ אויסגעדרעהט צו דער וואַנד). זי וועט זיך נאָך אָנווייגען, אז זי וועט באַלד גאָר נישט האָבען וואָס צו עסען. אָי, מיין לעבען, מיין לעבען! (ברעכט אויס אין א יאמער.)

אייזיק (ארבייט צוערסט זעהר נערוועז, דאַן לעגט ער אוועק זיין אַרבייט מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ און שפּאַרט זיך אָן אָן ווענטעל פון זיין שטול, קוקענדיג פאר זיך אין די ווייטענים, מיד און אָבגעמאַטערט, די הענד אַריינגערוקט אין די הויזענקעשענעס).

ביילע (האַלט איין דאָס וויינען און טריקענט זיך די אויגען).

גישינקע (וויינט שוין נישט מעהר און עסט רוהיג איהר ברויט).

שווייגען.

גישינקע. וועלען מיר באַלד עסען וואַרמעס?

אייזיק (שווייגט).

גישינקע. טאַטע, וועלען מיר באַלד עסען וואַרמעס?

אייזיק (זעצט זיך אויף). יאָ, גישינקע, יאָ. (העבט ווידער אָן צו אַרבייטען.)

שווייגען.

גישינקע. טאַטע, מאַכסט א מאַשינקע? —— —— א גוטע מאַשינקע מאַכסטו? —— —— וועלען זיך די רעדעלעך דרעהען? —— —— וועסט מיר בעווייזען די מאַשינקע? (נעמט דאָס לאַנגע שטעקעל מיט די לעבעלעך.) וואָס איז דאָס, טאַטע?

אייזיק. לאָז ליגען, טשעפּע נישט.

גישינקע. דאָס איז אויך א מאַשינקע? (עסט איהר ברויט.)

שווייגען.

ג י ש י נ ק ע. וועלען מיר באלד עסען ווארמעס?

א י י ז י ק. יא, גישינקע, יא. שטעה נאָר רוהיג.

ב י י ל י ע (בייז). געה אוועק פון איהם! וואָס האָסטו דיך אוועקגעשטעלט דורען דעם קאָפּ?

ג י ש י נ ק ע (בלייבט אַ ווײלע שטעהן אַנגערוקטערהייט און דאַן געהט זי אָב פון אייזיקען, העבט אויף איהר קוקלע, זעצט זיך צו לעבען אייזיקען אויף דער ערד, שפּיעלט זיך און רעדט דערביי צו). באלד ווארמעס עסען... דיר אויך געבען.. שטיל זיין... (באלד העבט זי זיך אויף און געהט אַרויס.)

שווייגען.

צ י פּ ע (בעווייזט זיך אין איהר טיר, בלייבט שטעהן און רעדט אריין אין איהר צימער). עס מוז שוין זיין פארטיג. איך האָב דאָך מעהר קיין צייט נישט. (געהט צום אויווען, עפענט איהם אויף און וויל אריינרוקען א ווילקע.) זעה, ווער האָט זיך שוין א קער געטאָן? (וואַרפט א גיפטיגען בליק אין ביילי׳עס זייט.) וואָס זאָגט מען דערצו? דאָס איז דאָך... (עוסקט זיך אין אויווען.) אָבדארען זאָלען יענעם די הענד, רבונו של עולם! דאָס איז דאָך א מין רשעות, וואָס פער־לויפט זיך נישט. נעמען און לכתחילה ארויסרוקען מיין טעפּעל נאָר פון פאָרענט. יעצט געה, נעם, עס. איך דארף שוין אוועקגעהן און דאָס פלייש האָט נאָך נישט אָנגעהויבען צו קאָכען. (שטעלט אוועק די ווילקע.) איך וואָלט מעהר נישט וועלען ווייסען, וועמעס מלאכה דאָס איז.

ב י י ל י ע (מיט כעס). און ווי נעמט מען עס און מע רוקט פארנאנדער אלע טעפּלעך און רוקט אריין אייער טעפּעל אין רעכ־טען סאמע זשאר!? דעם אנדערענס טעפּעל דארף זיך גאָר ניט קאָכען? מ י ר דארפען שוין גאָר קיין ווארמעס נישט עסען?

צ י פּ ע (מיט שטעכענדיגער איראָניע, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ). אָי, ביילינקע, ביילינקע! מען דארף דאָך האָבען א הארץ פון א גזלן...

געליע (א מיידעל פון א יאָהר פינף און צוואנציג, אין אן אויפגעשפּיעלעטער ווייסער בלוזע מיט א גישט־געענדיגטער זאָק אין די הענד, בעווייזט זיך אין ציפּעס טיר). וואָס איז עפּעס שוין ווייטער?

ציפּע. מיינסטו, אז דער ווארמעס איז שוין פארטיג? וואו, עס העבט זיך גאָר נישט אָן! ווארום וואו, מיינסטו, איז גע־שטאנען אונזער טעפּעל? קום זעה א טשיקאווע. איך עפען אויף דעם אויוועז — דאָס טעפּעל שטעהט אויפ׳ן רעכטען פּריפּעטשיק...

בייליע (שטעהט אויף און לעגט אריין עלינקען אין וויגעל. עלינקע צושרייט זיך, און זי וויעגט איהם). און איך וועל דאָס אלע מאָל אזוי טאָן. די אנדערע זיינען אויך מענשען, דארפען אויך עסען.

דאָבע (קומט אריין). וואָס איז שוין עפּעס דאָ מיט די טעפּלעך?

ציפּע. איהר פערשטעהט, איך דארף שוין אוועקגעהן, קום איך צו צום אויוועז, שטעהט מיין טעפּעל...

בייליע (לויפט צו צו דאָבען). האָט פארנאנדערגערוקט אלע טעפּלעך, און אריינגעשטעלט איהר טעפּעל אין רעכטען סאמען זשאר... (לויפט צוריק צום וויגעל און וויעגט.)

דאָבע (רוקט זיך צו צום אויוועז און עפענט איהם אויף). זעה, און מיין טעפּעל שטעהט שוין גאָר לעבען זאסלינקע! מיין טעפּעל דארף זיך שוין גאָר נישט קאָכען.

בייליע (אָנווייזענדיג אויף ציפּען). דאָס איז זי יעצט גע־ווען ביים אויוועז.

ציפּע (מיט היץ). זאָל איך אזוי לעבען, ווי איך האָב מיך צו אייער טעפּעל נישט צוגעריהרט...

בייליע (אָבגעהענדיג פון וויגעל צו דאָבען). וואָלט איהר זעהן, האָט פערנאנדערגערוקט אלע טעפּלעך... (געהט צוריק צום וויגעל.) ווי איהר זעהט מיך לעבען, אז איך זאָג אייך קיין ליגען נישט.

געליע. און ווען זי האָט אריינגעשטעלט דאָס טעפּעל אין

זשאר, איז וואָס? זי מוז דאָך אוועקגעהן און איהר זייט א היי־מישע. איהר דארפט היינט אייזיקען נישט טראָגען עסען. (אי־ראָניש.) ער זיצט דאָך מיט זיינע מאשינעס.

ביילע (אומגעהענדיג אויפגערעגט לעבען וויעגעל, פעררו־קענדיג דאָס האָר און פערבינדענדיג בעסער דאָס קאָפּטיכעל). די אנדערע זיינען אויך מענשען, דארפען אויך עסען! (צו גיטעלען.) און זיינע מאשינעס זיינען נישט אייער קאָפּוועהטאָג, פערשטעהט איהר מיך!

דאָבע (בעשעפטיגט מיט איהר טעפּעל). איך ווייס מעהר נישט, אז מיין טעפּעל האָט זיך נישט אָנגעהויבען צו קאָכען.

געליע (שטעכעדיג). זעה, אקאָרסט, ווי זי איז דאָס אויפ־געבראכט געוואָרען, מען האָט אָנגעריהרט איהר מאנס מאשינעס...

ביילע. וועגען מיין מאנס מאשינעס דארפט איהר נישט רעדען.

געליע. אי, אי, אי...

הינדע און סאָסיע (מיט האנד־ארבייט אין די הענד קומען אריין פון דער הינטערטיר. הינדע איז א מיידעל פון א יאָהר איין און צוואנציג, סאָסיע איז פון א יאָהר זיבעצעהן. הינדע איז קאָקעט פער־קעמט. איהר שווארצע מיט גרויסע ווייסע פּינטעלעך, בלוזע און איהר קלייד זיינען שוין היבש אָבגעטראָגען, אָבער גיהען צום געזיכט. דער הויכער קראגען פון דער בלוזע נעמט ענג ארום איהר האלז און איז געקנעפּעלט לינקס אויפ׳ן אקסעל. סאָסיע מאכט נאָך אין אלץ דער על־טערער שוועסטער, זי איז נאָר א ביסעל אָבגעלאָזען).

הינדע. שא, וואָס איז עס פאר א מין חתונה!

ביילע (אלץ נאָך נישט פארטיג ווערענדיג מיט איהרע האָר). זי רעדט אויך וועגען זיינע מאשינעס!

דאָבע (צו די טעכטער). מיר צאָלען שוין גאָר קיין דירה־געלד נישט. אונזער טעפּעל דארף שוין גאָרנישט צונעשטעלט ווערען.

ביילע (אָנווייזענדיג אויף ציפּען). דאָס איז זי אלץ, אלץ זי. האָט פערנאנדערגערוקט אלע טעפּלעך...

צ י פ ע. זאָלט איהר אזוי האָבען אייערע הענד...

אָ ר ק ע  ג אָ ל ד י ן (בעוויזט זיך אין דער הינטערטיר. א בחור פון א יאָהר פינף — זעקס און צוואנציג, אָנגעטאָן מעשה פראנט, געגאָלט, מיט פערדרעהטע וואָנסעלעך, אין א גרויעם געהראָק און העלע קאַמאַשען, דער געלער הארטער קאַפּעליוש אויף א זייט, א שטעה־קראגען מיט א בונטער קראוואטע, אין וועלכען עס שטעקט א דימענטענע שפּילקע; אויף די פינגער פון ביידע הענד רינגען, און אין די הענד א גראָבער שטאָק מיט א גרויסען הירשענהאָרענעם קאָפּ. ער בלייבט שטעהן אין דער טיר און רופט אויס). א הו, א הו, וואָס איז דאָס פאר א ירידל׳!
(דאָס געשריי פון די ווייבער לעגט זיך. געליע פערשווינדט צו זיך אין צימער, ציפּע נעמט ארויס דאָס טעפּעל און געהט אוועק נאָך געליען. דאָבע שטופּט די טעכטער צו דער טיר, נאָר זיי מאכען זיך בעשעפטיגט מיט זייער ארבייט און בלייבען שטעהן. ביילע נעמט ארויס עלינקען, וועלכער האָט שוין דערגרייכט די העכסטע טענער, זעצט איהם אוועק אויף די לינקע האנד און קלאַפּט איהם אן אין די ווייכע טיילען, דאן לעגט זי איהם אוועק אויף די הענד און שאָקעלט איהם, אומגעהענדיג איבער׳ן צימער. אייזיק בויגט זיך נאָך מעהר איבער זיין ארבייט.)

אָ ר ק ע (ארויגטרעטענדיג אין צימער, לוסטיג). עס איז דאָך דאָ גאָר פרעהליך!

ה י נ ד ע (לאכט).

ס אָ ס י ע (האלט איהר אונטער).

ב י י ל י ע. אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען אונזער פרעהליכקייט! אז גאָט וויל אימיצען שטראָפען, שמייסט ער איהם מיט אלע בייטשען... טאָמער האָבען נאָך אונז געפעהלט גוטע שכנים...

אָ ר ק ע (וועלכער איז דערווייל צוגעגאנגען צו אייזיק׳ען). און ער זיצט און ארבייט און ס׳ארט איהם גאָרנישט. מאַלאדיעץ! ווי שטעהט עס מיט דיין ארבייט?

א י י ז י ק (שוואך ארויסרעדענדיג). איך ווייס נאָך נישט.

ב י י ל ע. דער שד וויים עס. ע ר וויים טאקי א סך זאכען!

ס אָ ס י ע. אז ער וואָלט נישט וויסען, וואָלט ער דאָך נישט געארבייט.

ב י י ל י ע. דער משגענער!

אָ ר ק ע (בויגט זיך איבער איבער'ן טיש). בעוויז נאָר, וואָס מאכסטו אזוינס. — דאָס איז פאר טעמליאקעס? — (העבט אויף א רעדעל.) וואוהין געהערט דאָס? (העבט אויף נאָך א טייל און פאסט צו צום רעדעל.) דאָס געהט אהער? — נו, רב משה, גיב ווערטער.

ה י נ ד ע (לאכט).

ס אָ ס י ע (האלט אונטער).

א ר ק ע. שטעהסט יעצט שמנה עשרה, טאָרסט נישט רעדען?

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע (לאכען נאָך מעהר).

ב י י ל י ע. אנדערע מאָגען רעדען און לאכען, וויפיעל זיי ווילען, וועט ער זיך דערפון נישט אויסמאכען. אָט איך זאָל זאָגען א וואָרט, וועט ער אויף מיר גלייך אָנפאלען, ווי א משגענער הונט.

א ר ק ע (נעמט א קיילעכדיג העלצעל און שפארט ערגיץ אין א לאָך פון דער מאשינקע, וועלכע אייזיק האלט אין דער האנד).

א י י ז י ק (נעמט עס ארויס פון ארקעס האנד, לעגט עס אוועק און טוט זיך אינם).

אָ ר ק ע (קוקט זיך ווייטער צו צו דער ארבייט).

ב י י ל י ע. קיינער שטערט איהם נישט, נאָר איך שטער איהם.

ד אָ ב ע (אין טיר צו די טעכטער). וואָס שטעהט איהר דאָ? איהר האָט קיין שטוב נישט? געהט זעצט זיך ביי אייך אין שטוב און זיצט.

ה י נ ד ע. גוט, גוט. (ווענדט זיך צו ביילען, ווייזענדיג איהר איהר ארבייט.) זעהט נאָר א העמד...

דאבע (פערשווינדט בורטשענדיג). האבען זיך אוועקגע־שטעלט...

ארקע. ווארט, ווארט... דאס נעם אהער... ניין, דו מאכסט שלעכט. אך, איך זאג דיר, דאס נעם אהער... וואס ארט דיך, הער מיך, איך זאג דיר... (האלט אייזיקען מיט דער לינקער האנד און מיט דער רעכטער נעמט ער די מאשינקע.)

אייזיק (מיט איינגעהאלטענעם כעס און שטארק ליידענד). אך, לאז צורוה. דו ווייסט נישט, וואס איך וויל.

ארקע. דו ווייסט נישט, וואס דו ווילסט, איך פערשטעה שוין גראד.

אייזיק. ארקע, גנה, זעה, איך בעט דיך.

ארקע (קלאפט איהם איבער'ן קאפ). ביזט א חמור, האסט א פערשטאפטען קאפ. (צו די מיידלעך.) ווי איך בין א איד, אז איך פערשטעה שוין די מאכעריי בעסער פאר איהם. ער וואלט מיך געלאזען, וואלט איך עס איהם אויפגעמאכט אין איינס און צוויי.

הינדע (קאקעט). דאס דוכט זיך אייך נאר אזוי.

ארקע (העזה'דיג). ווילט איהר, וועטען מיר, אז איך בע־ווייז אייך נאך א גרעסערען קונץ.

הינדע. דהיינו.

ארקע. צופיעל מענשען אין שטוב.

הינדע און סאסיע (ווערען רויט און מאכען בעשיידענע און בעליידיגטע געזיכטער. הינדע מאכט מיט'ן מויל און ווענדט זיך צו ביילען, ווי זי וואלט איהר עפיס וועלען זאגען).

ארקע (קוקט אויף די מיידלעך מיט נצחון און קוועלט, בע־מערקט פיניען און ווענדט זיך צו איהם שקאצעוואטע). נו, רב פיניע, ווער איז געשטארבען?

פיניע (העבט אויף איהם אויף די אויגען און לאזט זיי גלייך ווידער אראב און רעדט ארויס שנעל). דער הימעל איז געשטארבען.

ארקע. און ווער נאך?

פ י נ י ע (שנעל). די ערד איז געשטאָרבען, גאָט איז גע־שטאָרבען...

א ר ק ע. זייט איהר געוועזען ביי זיין לויה?

פ י נ י ע. געוועזען.

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע (לאַכען).

א ר ק ע. וואו האָט מען איהם באַגראָבען?

פ י נ י ע. אין מיטען הימעל.

א ר ק ע. און בעשאָטען?

ב י י ל י ע. אייער טאַטע האָט דאָס געדראַפט הערען.

א ר ק ע. מיין טאַטע וואָלט דער ערשטער אריינגעוואָרפען עפּיס אין צדקה־פּושקע, אז גאָט וואָלט געשטאָרבען.

ב י י ל י ע. כיידען אזוי. (צו די מיידלעך העפטיגער.) און וואָס „לאַכעט" איהר? מען מאָג דען גאָר אויסהערען אזעלכע ווערטער? לאַכען!

ה י נ ד ע (לאַכט). ניין, ווי דער אלטער ענטפערט אָב.

ב י י ל י ע (בייז). איז וואָס איז פאַראַן צו לאַכען פון וואָס א משגעגער רעדט?

ד אָ ב ע (קומט אריין, אָנגערוקט). האָבען זיך אוועקגעשטעלט און שטעהען. (געהט צו צום אויוועז.)

ב י י ל י ע. יענער רעדט און זיי לאַכען.

ד אָ ב ע (צו די טעכטער). וואָס שטעהט איהר דאָ? איך וועל נעמען די ווילקע, וועל איך אייך...

ה י נ ד ע (שאַרף). דו ווילסט דאָך עפּיס טאָן אין אויווען, טיק טו, וואָס דו ווילסט.

א ר ק ע. די מאַמע קען געבען מיט דער ווילקע, הא?

ד אָ ב ע (נעמט אַרויס דאָס טעפּעל). נו, קומט עסען, קומט. (אין טיר.) איך גיס שוין אריין אין טעלער.

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע (געהען נאָך אהן חשק).

א ר ק ע (שרייט זיי נאָך). מיט א גוטען אפּעטיט!

הינדע און סאָסיע (אין טיר, לאַכענדיג). א דאנק! (אָב.)

ביילי ע. האָבען זיך אוועקגעשטעלט די...

אַרקע (קוקט ווידער אריין אין איזיקס ארבייט). נו, ווען וועט שוין ביי דיר זיין א סוף?

איזיק (דריקט מיט די אקסלען).

ביילי ע. דריקט מיט די אקסלען, דריקט ער.

אַרקע. האָסט נישט וואָס צו דריקען מיט די אקסלען. היינט אָדער מאָרגען זאָלסטו קומען צו דער ארבייט. מען דארף נישט דיינע מאשינעס, פערשטעהסטו מיך. און אז מען וועט דארפען, וועט מען אויסקלערען אָהן דיר. זאָלסט קומען ארבייטען. (צו ביילי׳ען.) איהר זאָלט זעהן, אז ער זאָל קומען ארבייטען, מען וועט געווים אוועקזעצען אן אנדערען.

ביילי ע. איך טען׳ע שוין מיט איהם די גאנצע דריי טעג.

אַרקע (העבט זיך אויף אוועקצוגעהן, איראָניש). די „מאַשינע“, אז ער וויל שוין, קאָן ער מאכען ביי דער נאכט, מאָג כאָטש די גאנצע נאכט זיצען.

ציפּע (בעוויזט זיך אין טיר מיט ביידע קאָשיקעס). זאָלסטו שוין געהן.

געליע (בעוויזט זיך אויך אין טיר מיט דער לינקער זייט, צוקנעפּענדיג אויף זיך א בלוזע און ווארפט א בליק אויף ארקען). גוט, גוט, זעהסט דאָך, אז איך טו מיך אָן.

ציפּע (שפּרייזט ארוים בורטשענדיג). נו, אן עסען איז דאָס געוועזען. אליץ רוי!

אַרקע (זעצט זיך ווידער. צו געליען). וואָס זייט איהר עפּים ענטלאָפען, פריילין?

געליע. איך האָב געוואָלט ענטלויפען, בין איך ענטלאָפען.

אַרקע. מיידלעך ביים איך נישט.

געליע. איך האָב פאר בייסען קיין מורא נישט, איך האָב אליין ציינער. (פערשווינדט צו זיך אין צימער.)

אַרקע (קלאפּט איזיק'ען מיט'ן עלענבויגען). דו האָסט דאָך עפּיס גאָר נישקשה'דיגע שכנות. מען דאַרף גאָר אָנהעבען ווערען ביי דיר אַן אָפּטער אַריינגעהער.

ביליע. יענמאָלט וועלען זיי שוין גאָר נישט אַרויסגעהן פון אונזער צימער.

אַרקע (דרעהט זיך די וואָנסעלעך). בין איך ווירקליך טאַקי אַן אינטערעסאַנטער קאַוואַליער?

ביליע. אָט ביי זיי מאַכט עס אַ ודאי אוים — אַ גאַנז, אַן ענדיג, אַבי אַן עוף...

אַרקע (צו איזיק'ען). דיין ווייב קאָן גאָר קיין קאָמפּלימענטען נישט מאַכען.

ביליע (שטעכעדיג). איך האָב ליעב צו זאָגען דעם אמת.

געליע (אין אַ געלען היטעלע, בלויען קלייד און העלער פּעלערינע געהט דורך פון איהר צימער, מיט אַ קליינעם פּעקעל אונטערן אָרם).

אַרקע (שטעהט אויף). נו, טו זאָלסטו קומען צו דער אַרבייט. ביזטו מאָרגען אין דער פריה נישטאָ, קאָנסטו זיכער זיין, אַז מיר זעצען אַן אַנדערן און מאָגסט שוין גאָר נישט קומען. (איילט אַרויס נאָך געליען.)

ביליע (בלייבט שטעהן אין דער היבטערטיר, שטאַרק פּעראינטערעסירט, ווי זיי וועלען ביידע צוזאַמען אַרויסגעהן).

אַרקע (עפענט אויף די גאַסטיר און לאָזט אַרויס געליען פאָראויס). ביטע זעהר, אַ דאַמע פאָראויס.

הינדע און סאָסיע (קומען אַרויס פון זייער צימער).

אַרקע (נעמט אַראָב דעם הוט און פערבויגט זיך). גוטען טאָג,

הינדע און סאָסיע (לאַכען). גוטען טאָג, גנעדיגער הערר!

ביליע (דרעהט זיך אַוועק פון דער טיר מיט כעס און עקעל, אויסשפּייענדיג, און שלינגט אַראָב אַ זידעלוואָרט).

הינדע און סאָסיע (קומען אַריין).

ביליע (געהט אום און קוקט אפילו אויף זיי נישט).

הינדע. דאָס איז דאָך דער יונגער גאָלדין?

ביילע (ענטפערט נישט און קוקט נישט אויף איהר).

הינדע. אזא מין פראנט איז ער. גאָר נישט ווי זיין טאַטע.

ביילע. זיי זיינען ביידע זעהר גוט. אזא יענע וועלט זיי.

הינדע. געגאָלט, גערדרעהטע ווענצעלעך... (מאַכט א בעוועגונג מיט ביידע הענד איבער דער אויבערסטער ליפּ, גלייך זי וואָלט זיך פערדרעהט די וואָנצעס.) די שליאַפּע אויף א זייט. (מאַכט א בעוועגונג מיט ביידע הענד איבער'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט אַנגעבויגט דעם הוט אויף א זייט.)

סאָסיע. גאָר מעשה פּריץ.

הינדע. מיט רינגען אויף די הענד. האָט איהר געזעהן, וויפיעל רינגען ער טראָגט?

ביילע (אונגעדולדיג בייז). איך האָב אנדערע דאגות אויפ'ן קאָפּ, ווי צו צוקוקען זיך, וויפיעל פינגערלעך ער טראָגט.

הינדע (ווי נישט זי מיינט מען). און וואָס פאר א שטיבעלעטלעך...

ביילע (אויסשרייענדיג). און איהר האָט שוין קיין אנדער קאָפּ־וועהטאָג ניט!

דאָבע (בעווייזט זיך אין דער טיר, צו די טעכטער). וואָס האָט איהר זיך שוין ווידער דאָ אוועקגעשטעלט? איהר האָט נישט וואָס צו טאָן?

ביילע. האָבען זיך אוועקגעשטעלט ארומשרייבען, ווי גאָלדינס בן־אָקעל איז אָנגעטאָן. קיין אנדערע דאגות האָבען זיי שוין נישט.

דאָבע (ארויסטרייבענדיג די טעכטער). געהט, טוט, וואָס איהר דארפט טאָן, ווארום איך וועל נעמען א ווילקע...

ביילע. ווי זיי דערזעהן א פּאָר הויזען, ווערען זיי פערברענטע. (געהט אום און שיעסט בליקען אויף איזיקען.)

א קורץ שווייגען.

**א י י ז י ק** (קוקט מיט פערצווייפלונג אויף די מאשינקע אין זיינע הענד, זיפצט). עס געהט נישט און געהט נישט.

**ב י י ל י ע** (בלייבט שטעהן צווישען טיש און בעט און שיעסט ארויס). נו, וואָס זאָגסטו איצטער? ער וועט נישט זעצען קיין אנ־דערען?

**א י י ז י ק** (אין פערצווייפלונג, קוקט מיט לעבלאָזע אויגען אויף זיין ארבייט).

**ב י י ל י ע** (שארפער). איך זאָג דיר, אייזיק, איך וועל שוויי־גען ביז א צייט...

**א י י ז י ק** (פערצווייפעלטער). עס געהט נישט, און געהט נישט.

**ב י י ל י ע** (נאָך העפטיגער). איך וועל כאפּען דיין גאנצע מא־כעריי און וועל דאָס צוברעכען אויף פּיצ־פּיצ־פּיצלעך. איך וועל דאָס אין פייער אריינוואָרפען. איך...

**א י י ז י ק** (ביטער). הם. (שאָקעלט פערצווייפעלט מיט'ן קאָפּ.)

**ב י י ל י ע**. איך וועל דיר בעווייזען, אז איך האָב נאָך אויך א שטיקעל דעה. איך וועל דיך נישט לאָזען טאָן, וואָס דו ווילסט, און מיר זאָלען שטארבען פאר הונגער. (אויף גאָר הויכע טענער.) דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר, אָדער נישט?! איך וועל...

**א י י ז י ק** (בלייך, ציטערנדיג אין גאנצען קערפּער, מיט צו־נויפגעדריקטע ציין, וואַרפט מיט'ן גאנצען כח די ארבייט אויף דער ערד, שפּארט זיך אָן אָן ווענטעל פון שטול, ציהט אוים די פיס, לעגט אריין די הענד אין די קעשענעס און קוקט טעמפּ אויף דעם ברעג פון טיש).

**ב י י ל י ע** (בלייבט מיט א וואָרט אויף די ליפּען און קוקט דער־שראָקען אויף איהם).

**פ י נ י ע** (קוקט א ווײַלע אויף די רעדלעך און קלעצלעך, וועלכע זיינען פערפלויגען צו איהם, און הערט אָן לאנגזאם אראָבלאָזען זיך צו זיי).

# צווייטער אַקט.

גאָלדינס ווערקשטאַט. אַ גרויס, ברייט צימער. לינקס צוויי וועבשטולען, הינטער דעם צווייטען אַ הויכער קאמין. אין דער רעכטער וואנד צוויי פענסטער, אונטען מיט ניט דורכזיכטיגע שויבען. דאָס הינטערסטע פענסטער איז פערשטעלט מיט אַ דריטען וועבשטול. ביים פאָרדערסטען פענסטער שטעהט אַ טיש מיט צוויי שטולען ביי די זייטען. צווישען דעם טיש און דעם וועבשטול שטעהט אייזיקס פרעס און פעטליצעסמאַשינקע. אין דער הינטערוואנד די טיר, וועלכע פיהרט רעכטס אין הויף און לינקס אין געשעפט. צווישען דעם קאמין און דער טיר שטעהט אַ טישעל און אַ שטול צווישען איהם און דעם קאמין, אין מיטען צימער, פון פאָרנט, אַ טיש מיט פיער שטולען אַרום איהם. רעכטס פון דער טיר אין ווינקעל שטעהען גרויסע לעדער, אַ פּאָר אַלטע שוידען פון לאַנגע שווערדען, גרויסע בויגען קאַרדאָן. איבער דער הינטערסטער וואנד ציהען זיך פּאָליצעס, אויף וועלכע עס ליעגען אַלערליי קאַרדאָנס, קעסטעלעך, שטיקלעך געוואַנד פון אַלערליי פארבען, אַלטע עפּאָלעטען און טרעסען. די פּאָדלאָגע איז שמוציג און בעדעקט מיט שטיקלעך פּאַפּיער, קאַרדאָן, געוואַנד, נאָדלען, גאָלדענע פעדים, פליטערלעך, שטיקלעך גאלונעס א. ז. וו. אויף דעם פאָרענסטען טיש שטעהען פיער געוואנדטעצעלעך, אויף וועלכע עס ליעגען אָנגעשניטענע ווייסע און געלע זילבערנע פעדים און פליטערלעך און עפּאָלעטען, פארטיגע און נאָך נישט פארטיגע, אויפ׳ן הינטערסטען טיש ליעגען צוגעשניטענע קאַרדאָנס צו טרעסען און רויט און בלוי געוואנד.

עס איז מיטאָג־צייט. לעבען טיש אין מיטען צימער מיט׳ן רוקען צו דער טיר זיצט ז ע ל י ג און ענדיגט זיין עסען; פינף־און־צוואנציג־יעהריג; לאנגע, נישט פערקעמטע דונקעל־בלאָנדע האָר; אַ גאַנץ קורץ

אָבגעשאָרען בערדעל און קליינע וואָנצעס; א גרוי אויסגענעהט העמד איבער די הויזען, ארומגעבונדען מיט א רויטען שנור מיט קוואסטען. ער ענדיגט זיין עסען; פאר איהם שטעהט א טעלער מיט לעפעל, גאָפּעל און מעסער. אויפ'ן פאָרנסטען האלב־אָפענעם פענסטער זיצט ס ע נ ד ע ר, קוקט ארוים אין הויף און פייפט אונטער. פון זעליג'ס עלטער; קאשטאניענ־פארביג, מיט א שויטעל פריזירט האָר, ריין געגאָלט, מיט דיקע, פער־דרעהטע רויטליבע וואָנצעס; אין פאָרהעמד און קראגען און קליינער קראוואטע, אין וועסט און רעקעל. צווישען די ביידע וועבשטולען ליגט מ י ב ע ל דער אלטער, גאנץ גרוי מיט א מישונג פון געלע האָר, אָהן א ראָק, אין אן ארבע כנפות איבער'ן העמד, וואס איז אָפען אויף דער ברוסט. ביים הינטערסטען טיש זיצט י אָ ש ק ע, א אינגעל פון א יאָהר 14—15, דעם קאָפּ אוועקגעלעגט אויף דער לינקער האנד, און דרעהט אום אויפ'ן טיש מיט א בלייפען, וועלכע ער האלט אין דער רעכטער האנד. ער טראָגט גרויסע שטיבלעטען פון א דערוואקסענעם. — פון געשעפט הערט מען אָפט דאָס קלינגען פון א גלעקעל, וואס איז צוגע־שלאָגען צו דער גאסטיר.

ז ע ל י ג (ענדיגט דאָס עסען, שפּארט זיך אָן אן ווענטעל פון שטול, רייניגט זיך די ציין מיט א שוועבעלע, בלאָזט פון זיך און ווענדט זיך צו יאָשקען אויף „דייטשמעריש", מאכענדיג אן ערנסט געזיכט). קעלנער, א פלאשע פּאָרטוויין! — אבער שנעל, איך קאן ניכט ווארטען. אבער, קעלנער!

י אָ ש ק ע (קוים ריהרענדיג זיך). זאראז, פּראָשע פּאנא. (זוכט ארוים פון צווישען קאמין די קעראָסין־פלאש און ברענגט זי איהם, פויל געהענדיג און שטארק קלאפּענדיג מיט זיינע גרויסע שיך.) דא האָ־בען זי, שמעקט נאָר א ביסעל מיט קעראָסין.

ז ע ל י ג (מאכט אן אונצופריעדענע מיענע). מיין הערר, וואס ערלויבען זי זיך! ווען זי קיין פּאָרטוויין האבען, דא ברינגען זי מיר באָרדאָ אָדער שאטא לאפּפּיק.

י אָ שׂ ק ע. שאדע, לא־פּפוי־איק? זאראז, פּראָשע פּאנא, דאָס האָבען מיר פון דעם בעסטען סאָרטע.

זעליג. אבער שנעל!

יאשקע (שוועהר און קוים בעוועגליך, שלעפט ארויס פון הינ־טער דעם קאמין א פון בוימאויל שמוציגע ביערפלאש, פון וועלכער דער אויבערסטער טייל איז אבגעבראכען). דאס וועט אייך זעהר געפעלען זיין, פראשע פאנא.

זעליג (צושרייט זיך מיט נישט דייטליכע טענער און ענדיגט מיט). לאבוזיע, פסיא קרעוו!

מיכעל (אויפגעוועקט פון שלאף). הא, זעליגעל האט זיך שוין צושפיעלט.

זעליג (בלייבט זיצען מיט א וויכטיגען ערנסטען געזיכט, דרעהט זיך די וואנצעס און קוקט בייז אויף יאשקען).

יאשקע (שטעלט צוריק אוועק די פלאש און זעצט זיך אויף זיין ארט, אננעמענדיג די פריערדיגע פאזע).

שוויגען.

סענדער (פייפט אב א פאר מאל, ווי ער וואלט עמיצען געגע־בען א צייכען).

זעליג. נא, איך זאל נישט האבען מיין ווין נאכ'ן עסען! נע, מעהר געה איך שוין אין דעם רעסטאראן ניכט עסען! (שטויסט דעם טעלער פון זיך.) קעלנער, צאהלען!

מיכעל. א פגירה זאל ער איננעמען, דער קאמעדיאנט, ווי ער לאזט מיך נישט שלאפען.

זעליג (דרעהט זיך זיינע וואנצעס מיט א שטרענגער מיענע).

סענדער (שרייט ארויס פון פענסטער הויך, אבער איינגע־האלטען, מאכענדיג מיט די הענד). וואו האט איהר געשטעקט? ערשט אבגעגעסען? א פנים זיעבען געריכטען?

זעליג (שפרינגט אויף). וואס? די דיקע? (שפרינגט צו צום פענסטער, וואו סענדער זיצט, קוקט ארויס און העבט אן צו מאכען אלערליי פערבויגונגען.) גוטען טאג, ווי געהט עס? (צו סענדערן.) זי ווערט, דאכט זיך פון טאג צו טאג דיקער.

סענדער. נעכטען זייט איהר נישט געוועזען ביי דרא־

ביטשען אין דער טאנץ־שול? ניין? געוועזען? א סך גע־
טאנצט?

**זעליג** (צו סענדערן). פרעג ביי איהר, וואו איז באשע.
(שרייט ארויס מיט אן איינגעהאַלטענער שטימע.) וואו איז באשע?
באַ־אַ־שע! — די לאנגע! אין צווייטען צימער? שיקט זי אהער.
אהער שיקט זי — (אין דעם זעלבען אָטעם שטילער) — אין דיין
טאטען אריין! — פערנומען? יעצט פערנומען?

**סענדער.** לאָז, איך וויל זי רופען אויף היינט פאר נאכט
אין גאָרטען. (שרייט.) וואָס האָט איהר היינט ביי נאכט צו טאָן?

**זעליג.** בעט זי אויף שבת אין גרויסען וואלד.

**סענדער** (שרייט). טאָ קומט אין גאָרטען. אין דער לאנ־
גער אלעע. אין דער לאנגער אלעע! אין דער לאנגער!

**זעליג** (העלפט שרייען). אין דער לאאאנגער — (אין דעם
זעלבען אָטעם שטילער) — אין דיין טאטען אריין מיט דער מאמען
פערביסען! (הויך.) און שבת אין גרויסען וואלד!

**סענדער** (שרייט). ניין, שבת צו דראָביטשען.

**זעליג** (שלאָגט איהם). אין ד'רערד גען, אין וואלד איז
בעסער. (שרייט.) אין וואלד איז בעסער! אמת, בעסער? ניין?
צו דראָביטשען? (טייטעלט מיט'ן פינגער.) באשע אויך? אויך?
איז גוט. טאָ טאנצען מיר. (הערבט אָן צו טראָמפּייטען מיט די ליפּען דעם וואלצער „די דאָנוי וועללען" און טאַנצט. די הענד אויפגעהויבען און וויגענדיג אין דער לופטען, דעם אונטערקערפּער אראָפּגעצויגען און די פיס אונטערגעבויגען, דרעהט ער זיך איבער'ן צימער, ביז ער טאַנצט צו צום אלטען מיכעל און פאַלט אויף איהם אַרויף.)

**מיכעל** (הערבט איהם אָן אָפּצושטויסען און צו בעארבייטען מיט די פיס).

**זעליג.** פּאַרדאָן, פּאַרדאָן... טפררר! אָי, אָי, אָי... נישט
בריקען זיך, נישט בריקען זיך.

**מיכעל.** איך וועל דיר דעם קאָפּ צושפּאלטען, קאָמעדיאנט!

**זעליג** (אויפשטעהענדיג און אָבשטויבענדיג זיך). ער ברי־

קעט זיך דאָך גאָר. (לויפט צו צום פענסטער, וואו סענדער האָט עפּעס אָבגערעדט מיט זיין וויזאַווי אויף די פינגער, און שרייט אַרויס.) אָי, אַן אַלט פערד האָט מיך ערשט געבריקעט!

מיכעל (מורמעלט). אַ פּגירה אויף איהם.

זעליג (צו סענדערן). דערווויילע האָסטו דאָ שוין עפּעס אָבגעמאַכט מיט איהר. (העבט אויך אָן צו רעדען אויף שטום־לשון. פון הויף לאָזען זיך הערען אַ סך קולות און געלעכטער און גלייך קומען אַריין בערע, הילִיע, לייוויק, מלכה און טעמע.)

זעליג (רייסט איבער זיין שטום געשפרעך און ווענדט זיך צו די אַריינקומענדיגע אין דעם אַלטען גאָלדינס קול). וואָס איז — וואָס איז — וואָס איז פאַר אַן אופן? ווי קומט מען אַזוי שפּעט? נאַ, אַז מען געהט אַוועק, ווערט מען גאָר פאַרפאַלען!

מיכעל (זעצט זיך אויף). אויף אַ מינוט ווערט ער גאָר נישט שטום.

בערע (אַ יאָהר 45, מיט אַ גרויסען געלען באָרד, אַ גרויסער, דיקער, פון שנאַפּס קאַרמעזינפאַרביגער נאָז אויף אַ ברייטען קנאָכיגען פּנים, אין אַ לאַנגען, שוואַרצען, פאַר אַלטקייט גרין געוואָרענעם און צו־ריסענעם ראָק, נעמט אַראָב זיין היטעל פון קאָפּ, טוט אָן אַן אַלטע, פער־שמאָלצענע, שמוציגע יאַרמאַלקע, וועלכע ער נעמט ארויס פון בוזים־קעשענע און מאַכט זיך צו טאָן לעבען דעם וועבשטול רעבטס).

הילִיע (עטוואָס איבער צוואַנציג, מיט אַ נישט ריין געגאָלטער מאָרדע, קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך, דאָס שוואַרצע האָר קורץ אָבגעשאָ־רען, אין אויבערהעמד און קראַגען אָהן קראַוואַטע, אָנגעטאָן ריין און גאַנץ, זעצט זיך אַרויף אויף יאָשקעס טיש און נעמט זיך צונויפ־דרעהען אַ פּאַפּיראָס).

לייוויק (מיטען די צוואַנציגער, אָהן באָרד און וואָנצען, דער קאָפּ געדיכט בעוואַקסען מיט דונקעלבלאָנדע האָר, גוטמוטיגע אויגען, אָנגעטאָן ריין און גאַנץ אין אַ וויים־גרויען אַנצוג, אויבערהעמד, קראַגען און האַלזטוך, געהט צו צום פענסטער לעבען סענדערן און קוקט אַרויס).

מלכה (אן עלטערע מיידעל, קאָקעט אָנגעטאָן מיט אַן אָב־שטעהענדיגען קאָרסעט, נעמט אַראָב דעם טעלער פון טיש און שטעלט איהם אַוועק אויף אַ פּאָליצע).

טעמע (אַ יונג מיידעל, מיט אַ ביסעל פער'חלום'טען פּנים, בלייבט שטעהן מיט אַ ברייטען שמייכעל לעבען זעליגען).

זעליג (אין זיין נייער ראָלע). א נייע הויט ציהט זיך גאָר אַן אויף זיי, אז זיי דארפען נישט ארבייטען. די געהען אוועק און ווילען גאָר צוריק נישט קומען, און דער — (ווייזט מיט ביידע הענד אויף מיכלען) — לעגט זיך אוועק פּאָפען, איז איהם נישט אויפצואוועקען, וואָלט ער אָבגעפּאָפט דעם גאנצען טאָג. נא, פון היינט אָן און ווייטער איז נישטאָ נישט קיין וואַרמעס עסען און נישט קיין שלאָפען.

מלכה. ווער איהר מסתמא העכערען די שכירות, הערר מייסטער?

זעליג. וואָס? וואָס? וואָס נאָך וועסטו וועלען? שכירות וועל איך אייך העכערן!

לייוויק און סענדער (לויפען אָב פון פענסטער מיט געלעכטער).

זעליג (שטאַרק פעראינטערעסירט, פאַלט אַרויס פון זיין ראָלע). וואָס איז דאָרטין געוועזען? וואָס איז דאָרטין געוועזען? (לויפט צו צום פענסטער, זעהט אָבער גאָר נישט און ווענדט זיך וויעדער צו די לאַבענדיגע סענדער און לייוויק.) איז די אלטע צוגעגאנגען צום פענסטער? — וואָס לאכט איהר? רעדט! (נעמט וויעדער אָן גאָלדינס טאָן.) און די וואָלטען א גאנצען טאָג געשטאנען ביים פענסטער און איבערגעקוקט זיך מיט מיידלעך! א חברה איז עם! נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי.

לייוויק (אויפהערענדיג צו לאכען). פערשטעהסט, די אלטע איז דורכגעגאנגען, האָט ער...

מלכה און טעמע (פון לעבען פענסטער). אייזיק געהט, אייזיק געהט! (אלע איילען צום פענסטער. מיכעל שטעהט אויף פון

דער פּאָדלאָגע. (מען שרייט:) ברוך הבא, איזיק! — שלום עליכם, איזיק! האָסטו די מאַשינע?

סענדער. ער געהט דאכט זיך אָהן א מאַשינע.

היליע. ער געהט מיר עפּעס מיט אן אראָבגעלאָזענער נאָז. (אלע שטעלען זיך אויס געגען טיר.)

זעליג. מיר וועלען איהם מקבל זיין מיט א הורראַ און מיט א מאַרש.

איזיק (קומט אריין, בלייך, טרויעריג, נידערגעשלאָגען. א פרעהליכער „הורראַ!" בעגריסט איהם).

זעליג (העבט אָן צו טראָמפּייטען מיט די ליפּען א מאַרש, מאַכענדיג מיט די הענד ווי א קאַפּעלמייסטער).

יאָשקע און טעמע (זינגען אונטער).

איזיק (געהט אַרויס פון דעם רעדעל נאָך טרויעריגער און נידערגעשלאָגענער און געהט צו דעם פאַרנסטען װערבשטול לינקס. קעמפּפט מיט זיך, נישט צו צושרייען זיך).

בערע. וואָס איז עס מיט דיר, איזיק? — וואו איז דיין נייע מאַשינע?

איזיק (ענטפערט נישט).

היליע. הפנים, אז מיט דער מאַשינע איז עס שוואך.

איזיק (אראָבוואַרפענדיג פון זיך דעם קאַפּעלוש, בייז און ביטער). שרייט „הורראַ", שרייט!

לייוויק. איז נאָך די מאַשינע נישט פאַרטיג?

היליע. איז זי נ אָ ך נישט פאַרטיג אָדער וועט זי קיינמאָל נישט פאַרטיג געוואָרען?

זעליג. אָדער האָט די פּלונית'טע ארויסגעטריבען פון שטוב?

סענדער. אָדער דו ביזט שוין טראָגעדיג מיט א נייער מאַשינע?

איזיק (עוסקענדיג זיך אַרום דעם שטול, בייז). וואָס זייט איהר צוגעשטאַנען? וואָס איז עס אייער דאגה?

מיכעל. טאקי, וואָס? וואָס? וואָס?

זעליג. שאַ, אונזער אינזשענער איז נישט צו שפּרעכען. ששש, שטיל.... (געהט אויף די שפּיץ פינגער, הויך העבענדיג די פיס. — אַ וועקער קלינגט: צייט צו ארבייטען. מען צוגעהט זיך צו די פּלעצער. זעליג, הילע, מלכה און טעמע ביים מיטעלטיש: זעליג לינקס, מלכה רעכטס, טעמע נאָך הינטען, הילע נאָך פאָרנט; סענדער און לייוויק לעבען טיש ביים פענסטער: לייוויק נאָך הינטען, סענדער נאָך פאָרנט; יאָשקע ביים הינטערסטען טיש. מיכעל און בערע בלייבען לעבען איזיקען, זיי קוקען זיך אין די בערד פערזאָרגט און רעדען נישט קיין וואָרט.)

איזיק (זעצט זיך צו דער ארבייט).

מיכעל (קוקט איהם טרויעריג אָן). איז גאָר נישט? — וואָס, אַ שווערע מאַשינקע? — דאַרף אַ סך דרייען? (אַז ער קריגט נישט קיין ענטפער, זיפצט ער אָב און לאָזט ווידער אראָב די אויגען אין באָרד.)

בערע (זיפצט אויך אָב. דאַן געהען זיי ביידע צו זייערע ווערבשטולען; מיכעל לעבען איזיקס שטול, בערע צום ווערבשטול רעכטס).

ארקע (בעוויזט זיך אין דער טיר. בעמערקענדיג איזיקען גוט ער אַ מאַך מיט'ן קאָפּ ווי: „אַהאַ, ער איז דאָ!" מאַכט אַ בעוועגונג אריינצוגעהן אין צימער, דערמאָנט זיך אָבער עפּעס און געהט אַוועק צוריק אין געשעפט).

זעליג (מיט אַ לוסטיגען זיפץ). אָך, די מאַשינע האָט זיך ניט אויסגעמאַשינקעט.

מלכה. דערווייל דריטהאלבען טעג נישט געארבייט.

הילע. זאָל זיך איהם נישט ווען זיין קיין אויסטראַכטער.

לייוויק. דאָס איז לייכט צו זאָגען. עס ווילט זיך נישט, עס ליעגט שוין אַזוינס אין דעם מענשען. איך ווייס, אַז איך בין

געוועזן א קליינער אינגעל, האָט זיך מיר שטארק געוואָלט ווערן א מאָלער...

סענדער. אפשר א מיהלער און מאָלען מיט די ציין?

לייוויק. וואו איך פלעג קריגען א שטיקעל פּאפּיער, פלעג איך מאָלען: מענשען, סאָלדאטען, פערד...

הילִיע. זיך הייסט עס.

לייוויק. אין דער היים און אין חדר פלעגט מען מיך שלאָגען מכות אכזריות דערפאר, ווייל איך האָב גאָר נישט געטאָן און נאָר געמאָלט. אז מען האָט מיך אוועקגעגעבען צו א שמוק־לער, האָב איך געוויינט.

סענדער (וויינענדיג). הו־אום.

לייוויק. און יעצט נאָך, אז איך זעה א מאָל א גוט בילד, ווערט מיר אזוי אומעטיג. עס ציצט עפּעס אין מיר און ציהט און ציהט.

זעליג. אָי, אין מיר אויך.

הילִיע. אָך!

לייוויק. ניין, און אן אנדערס מאָל, ווען איך ליעג אזוי און טראכט, וואָלט זיך מיר געוואָלט אזוי מאָלען...

זעליג. און איך וואָלט אזוי געוואָלט זיין אן אקטיאָר.

הילִיע. אפשר א קלאאון אין צירק?

זעליג. ניין, טאקי אן אקטיאָר. ארויסגעהן אויפ'ן סצע־נע און רעדען.... (ער לעגט אָרויף די לינקע האַנד אויף דער ברוסט, די רעכטע העבט ער אויף אין דער לופטען, פערדרייסט דעם קאָפּ און דעקלאַמירט.) „ווי ליעב ביזטו מיר, מיין טייער הארץ!“

סענדער. אָך, און מיר אויך.

זעליג. „דו, ענגעל...“

טעמע. מיר ווילט זיך טאקי אויף צו־נ־אמת שפּיעלען אויפ'ן סצענע.

מלכה. ווי געפעלט אייך די ארטיסטקע?

הילי ע. ווייסט איהר וואָס, פאַרט איך ביידע צונויף און מאכט — א טרופע.

זעליג (לאָזט זיך פלוצלונג אראָב אויף די קני פאר טעמען).

טעמע (דערשרעקט זיך). אָי!

זעליג (שפרייט אויס די הענד). קום אין מיינע אָרעמס, די קרוין פון מיין קאָפּ! (מען לאכט.)

מיכעל און בערע (בעטראכטען די סצענע מיט קאָפּ־שאָקלען. הינטער דער טיר דערהערען זיך טריט).

זעליג (שפרינגט אויף. — מען ארבייט).

מיכעל. א חברה איז דאָס א ביסעל.

בערע. אין גם אחד צווישען זיי.

מיכעל. נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי.

בערע. לאבוזעס, ליידאקעס.

ארקע (קומט אריין און געהט גלייך צו צו איזיקען). נו, וואָס הערט זיך מיט דיין מאשינע?

זעליג. האָט זיך ניט אויסגעמאשינקעט.

ארקע. וואָס? עס קומט טאקי גאָר נישט ארויס? האָסט דו זי דאָ?

יאָשקע. דער הערר אינזשענער איז נישט צו שפרעכען.

בערע. דו שוויג, דו!

זעליג (שלעפט דעם שטול פון אונטער איזיקען).

איזיק (אויפגעבראכט). דו, קאָמעדיאַנט, זאָלסט זיצען רוהיג!

ארקע. אָבער איך האָב איהם גלייך געזאָגט, ווי איך האָב נאָר א קוק געטאָן אויף זיין מאכעריי, אז ער האָט נישט וואָס צו זיצען און רייבען די צייט. איך האָב גלייך בעמערקט, אז עס איז אן עברה זיין טרחה. און אז איך האָב איהם געוואָלט עפּעס בעווייזען....

לייזיק. ווער? איהר האָט איהם שוין עפּעס געוואָלט בעווייזען?

ארקע. אויף מיין עהרענוואָרט. אז ער וואָלט מיך געלאָזען, וואָלט איך איהם עס געמאכט אין איינס און צוויי.

זעליג (קרעהט אויס). קוקערעקו האָן!

יאַשקע. א פּטשיק!

לייוויק. ווי לאנג זייט איהר דאָס געוואָרען אזא מאכער?

סענדער. ער קאָן עסען, קאָן ער.

איזיק (דרעהט אויס דעם קאָפּ צום צימער). פרעגט ביי איהם... (האקט אָב און רעדט נישט מעהר.)

הילע. נו, נו, גיב ווערטער.

ארקע (זעצט זיך אויפ'ן ברעג טיש לעבען זעליגען). אָבער האָט ער מיידלעך שכנות!... (געפינט גאָר קיין ווערטער נישט פאר ענטציקען און מאַכט מיט דער רעכטער האַנד און מיט'ן קאָפּ.)

סענדער. אָט יעצט הערט מען פון דיר א לעבעדיג וואָרט.

מיכעל און בערע (קוקען זיך איבער, שאָקלען מיט די קעפּ און זיפצען טיעף אָב. — אין געשעפט קלינגט דאָס טיר־גלעקעל).

ארקע (לויפט ארויס).

זעליג (שרייט איהם נאָך). דוקא ביי די אינטערעסאַנטעסטע.

לייוויק. אָבער ווי ער איז עס מיט א מאָל געוואָרען א פערשטעהער.

מלכה. ער קען דאָך א קאַץ אן עק נישט פערבינדען.

בערע. דאָס איז פון די בעל גאוה'ס, וועלכע עס איז גוט צו שלאָגען.

מיכעל. דער אלטער אויך אזוי: ער קאָן אויך אלץ.

מלכה. נאָר מיט'ן מויל.

לייוויק. האָט ער דיר טאקע געוואָלט עפּעס בעווייזען, איזיק?

מלכה. ער איז היינט נישט צו שפּרעכען, דער מאשינענמאכער.

זעליג. ניין.

לייוויק. איך שטעל מיר פאָר, ווי ער האָט איהם דאָר־טין גוט דערעסען.

בערע. ער קאָן שוין דערעסען.

הילע. מיר דערעסט ער נישט.

טעמע. דיר זאָל ער נאָך דערעסען!

הילע. וואָס ווערסטו רויט?

טעמע. אז איהר וועט זיך נאָך א מאָלביידע צו מיר צו־טשעפען, וועט איהר שוין ביי מיר גוט קריעגען.

זעליג (נעמט ארום טעמען). וואָס, מיין טעמינקען טשע־פעסטו? (גלעט זי איבער דער באק.) טעמינקע, דערצעהל מיר, וואָס האָבען זיי געוואָלט פון דיר.

טעמע (שטויסט איהם אָב). לאָזט אָב, קאָמעדיאַנט.

ארקע (קומט אריין).

מלכה. נו, אויף גיך וועגען די שכנות.

הילע. וואָס ווילט זיך אייך? (צו ארקען.) איהר ווילט זיך אויך.

ארקע (פערדרויבערט אַ פּאַפּיראָס; ציהענדיג, זי זאָל זיך גוט פערנאַנדערברענען, געהט ער צו צום מיטעלטיש און זעצט זיך אַרויף אויפ'ן עק לעבען זעליגען). אָבער איך זאָג אייך, עס איז פאראן אויף וואָס צו קוקען. ער וואוינט פשוט אין א גן עדן. (צו אייזיקען.) ווי הייסט די מיידעל, מיט וועלכער איך בין אוועק?

זעליג. מיט איינער איז ער שוין געגאנגען!

אַרקע. אָבער עף־עף! ווי הייסט זי, אייזיק? — וואָס ביזטו משגע, אייזיק? קאָנסט נישט ענטפערן? (לאָזט איהם אַראָב אַ שטאַרקען פּאַטש איבער דאָס קני.) ענטפער, זאָג איך דיר.

אייזיק (אַ צוק טוענדיג מיט'ן קערפּער פאר וועהטאָג, מיט קוים איינגעהאלטענעם כעס). לאָז מיך צו רוה! האָסט זי געזאָלט פרעגען....

ארקע. ער מאכט מיר עפּעס צופיעל קוראזש.

איזיק. און זיי מיר נישט קיין פאני בראט און פאטש מיר נישט איבער'ן קני.

ארקע. צופיעל קוראזש מאכט ער מיר עפעס.

בערע און מיכעל (מאכען מיט די הענד און בעטען איהם שטום, ער זאל שווייגען).

מלכה. איך קען דאך זיינע שכנות. די צוויי שוועסטער, הינדע און סאסיע — דו קענסט זיי דאך אויך, טעמע — זיינען גאנץ שיינינקע. אבער די אנדערע, די געליע, געפעלט מיר נישט. א גרוים מויל...

ארקע. זי פערשטעהט טאקי א סך זאכען. (צו מלכה'ן.) איהר זייט א שיינע, ווי?

מלכה. יענע האט דאך זומער־שפרענקלעך אין געזיכט! וואס זאגסטו, טעמע?

טעמע. זאל איך אזוי לעבען.

זעליג. דאס האט ער פערזעהן.

ארקע. אך, גוט, זיי ווייסען ביידע א סך וואס זיי רעדען. אז איך זאג אייך...

מלכה. אט הינדע און סאסיע זיינען טאקי שיינע מיידלעך.

ארקע. אז איך זאג אייך, מען דארף ווערען אן אפטער אריינגעהער צו איהם.

זעליג. מאך א באל...

ארקע. לכבוד דער מאשינקע, וועלכע ער האט נישט גע־מאכט.

מיכעל (בייז). וואס? וואס? וואס? נא־א! (דריקט מיט די פלייצעס.)

זעליג. און פעררופ אונז אלעמען.

בערע. דו, קאמעדיאנט, מאגסט שוין אויפהערען צו קא־לאטירען.

ארקע. וואס איז דאס אייך פאר א דאגה? ארבייט! וואס נעמט איהר זיך אן פאר אייזיקען?

בערע און מיכעל (מאכען פערצווייפעלט מיט די הענד).

איזיק (איינגעהאלטען). איך בעט קיינעם נישט פאר מיר זיך אנצונעמען. (עס קלינגעלט און געשעפט.)

ארקע (לויפט ארויס).

שווייגען.

בערע. דאָס איז א זוהנדעל!

מיכעל. מ־מ־מ־נא־א!

מלכה (לאכט). איהם געפעלט די געליע! א גרויס מויל, זומער־שפּרענקלעך, לאנג און דאר... אָט די שוועסטער...

זעליג. איהם געפעלען דאָך אלע דריי.

סענדער. ביי מיר פון מויל ארויסגענומען.

הילע. מיר וועלען זיך פערלאָזען אויף איזיקס מבינות. איזיק, וואָס זאָגסטו? מיט אונז מאָגסטו דאָך רעדען. הא? ווי? דאָס איז דאָך זעהר וויכטיג?

מיכעל. זאָל אייך שוין זיין גענוג, גענוג זאָל אייך שוין זיין! דער אויך! ארקעס קאָמפּאניאָן!

שווייגען.

זעליג, סענדער, מלכה, טעמע און יאָשקע (זינגען, אלע בעזונדערע ניגונים).

סענדער (איבעררייסענדיג דאָס זינגען). איזיק, דיין פלונית׳טע געהט.

מלכה (לאָזט זיך צום פענסטער). טאקי, און זי טראָגט...

זעליג (גיט איהר אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל און איילט צוריק אויף זיין אָרט).

מלכה (שרייט אויס). אַי! (קוקט זיך ארום.) ווער האָט מיך א שטאָך געטאָן, הא? — — איך זעה שוין, אז דאָס איז זעליגעל. (העבט איהם אָן צו שלאָגען.)

זעליג (אָבבאָרענדיג זיך). וואָס? וואָס? ווער האט אייך געשטאָכען?

ב י י ל י ע (קומט אריין. אין די הענד א טעפעל איינגעבונדען אין א טיכעל, וואס איז נאס פון דעם טעפעלס אינהאלט. אויף איהר „גוט מארגען“, ענטפערט מען איהר: „גוט יאהר“, „גוט מארגען“, „באן זשור“, „דיען דאברי“).

א י י ז י ק און ה י ל י ע (שווייגען).

ב י י ל י ע (צוגעהענדיג צו אייזיקען). נא, איך האב דיר געבראכט דעם ווארמעס. זאלסט עסען, זאלסטו, הערסטו! (ביטערער.) נעם שוין און עס. (נאך ביטערער.) הער מיך שוין אויף צו פוילען.

א י י ז י ק (שטיל). איך וויל נישט עסען.

ב י י ל י ע (פערצווייפעלט). ווי הייסט, דו ווילסט נישט עסען! פון וואס ביזטו זאט, פון וואס?

ט ע מ ע. איז ער גאר אוועקגעגאנגען אהן ווארמעס?

ב י י ל י ע. אהן ווארמעס! און אזוי האט ער עפיס געגעסען? איז אויפגעשטאנען, ווי עס איז נאר געווארען ליכטיג און גענומען זיך צו זיין אונגליקליכער מאשינע, האט ער נאך גאר נישט אין זיין מויל געהאט. (צו אייזיקען מיט טרערען.) נעם און עס, נעם!

ב ע ר ע. מאך דיך נישט נאריש, אייזיק. נעם און עס. וואס איז דאס פאר אן אופן? פע, ד׳לעבען!

ב י י ל י ע (וויינט). די גאנצע דריי טעג אזוי: נישט געשלאפען און נישט געגעסען און נאר געוועזען בעשעפטיגט מיט זיין אונגליקליכער מאשינע. (צו אייזיקען.) וועסטו עסען צו נישט?

א י י ז י ק (ווי פריער). איך וויל נישט עסען.

ב י י ל י ע. נו, זאגט איהר שוין אליין, קאן מען עס אריבערטראגען? (יאמערט.) איך קאן עס שוין נישט אריבערטראגען.

מ ל כ ה. וואס ארט אייך, אז ער עסט נישט. פששש, מיך וואלט דאס טאקי א סך ארען.

ב י י ל י ע. ווי הייסט, א מענש עסט נישט א גאנצען טאג.

ב ע ר ע (לעגט אוועק די ארבייט, געהט צי צו אייזיקען און נעמט

איהם אַן פּאר אַ האַנד). נו, זיי נישט קיין נאַר, לעג אוועק די אר־בייט און וואַש דיך און עס.

א י י ז י ק. אַך, לאָזט מיך, איך קאָן נישט עסען.

ב ע ר ע. ווי הייסט, דו קאָנסט נישט עסען? וואָס איז דאָס פאר ווערטער? שיק נאָך א שנאַפּס, נעם אַ ביסעל בראַנפען, וועסטו קענען עסען. גאה, יאַשקע, ברייננ איהם א שנאַפּס.

ב י י ל י ע (האלט איין דאָס וויינען). שיק טאַקי נאָך א שנאַפּס.

א י י ז י ק. איך האָב קיין געלד נישט און וויל קיין שנאַפּס נישט.

ב ע ר ע. געלד אויף א זאַך. וועט זיך מסתמא ביי וועמען געפינען. רב מיכעל, האָט איהר וואָס?

מ י כ ע ל (דריקט מיט די אַקסלען). א גראָשען נישט.

ז ע ל י ג (קערט אוים די קעשענעס און פייפט; קלאַפּט הילי׳ען מיט׳ן פּוס). דו האָסט דאָך מסתמא?

ה י ל י ע. ביזט ביי מיר געוועזען אין קעשענע?

ל י י ו ו י ק. איך קאָן דיר לייען, אייזיק. (נעמט אַרוים א רובעל.) איך קאָן דיר לייען דעם גאַנצען רובעל.

ב י י ל י ע (נעמט ביי איהם דעם רובעל; צו אייזיקען). וועסטו שיקען נאָך א שנאַפּס?

ב ע ר ע. נישטאָ וואָס צו פרעגען. גאה, יאַשקע, ברייננ א סאַראַקאָוואָושקע.

י אַ ש ק ע (קוים ריהרענדיג זיך, נעמט דאָס געלד). סמיר־נאָווקע?

ב ע ר ע. סמירנאָווקע, סמירנאָווקע, מאַך עס נאָר אויף גיך. (שטופּט איהם ארוים און רעדט פערגניגט.) אָט אזוי אַ, וועסט נעמען א שנאַפּס, וועסט פרעהליכער ווערען און וועסט עסען. (זעצט זיך צו דער ארבייט און רעדט, צופריעדען מיט זיך אליין.) א שנאַפּס איז די בעסטע סגולה. ביי מיר איז עס די ערשטע זאַך. דאָס, יענעס, קאַפּוועהטאָג, הארצוועהטאָג — א שנאַפּס און פארטיג.

(ווענדט זיך צו אייזיקען.) און דו זאָלסט טאקי קיין נאר נישט זיין און אריינקערען די גאנצע סאראקאוואושקע, ווענסטו בעסער עסען.

בײליע. שוין פון דריי טעג, אז ער האָט כמעט ווי גאָר־נישט געגעסען. איך ווייס גאָר נישט, מיט וואָס ער האָט געלעבט.

מלכה. מיט דער מאשינקע.

בײליע. סיידען מעהר נישט ווי מיט דער אונגליקליכער מאשינקע.

זעליג. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דער מאשינ־קע? נישט געמאכט זי?

בײליע. וואו מאכען! געארבייט און געארבייט, די גאנצע דריי טעג האָט מען איהם נישט געקאָנט אָברייסען פון טיש און פלוצלונג כאפט ער און גיט זי א וואָרף, אז־ז־ז, עה...

לײוויק (שטאַרק פערוואונדערט). הם!

בײליע. עס האָבען אין מיר גענומען ציטערן אלע אברים, הענד און פיס. א פערטרייסעלטע בין איך געבליעבען. און ער איז געבליעבען זיצען מיט אויסגעלופּעטע אויגען...

מלכה. א משגענער.

לײוויק. נע־ע, דאָס איז דוקא נישט משוגעת. דאָס איז... דאָס איז...

בײליע. וואָס איז עס? (לאכט איראָניש.) נישט קיין משוגעת איז עס!

אייזיק. טו מיר א טובה און געה א היים.

בײליע (ווארפט אויף איהם א בייזען און דערשראָקענעם בליק). נישט קיין משוגעת איז עס!

בערע. געהט טאקי א היים, וועט זיין א סך גלייכער. (ווינקט איהר, זי זאָל געהן.)

מיכעל (ווינקט אויך).

בײליע (גרייט זיך צו אוועקצוגעהן, בעליידיגט). איך מעהר נישט מאך איהם שטענדיג אייגנ. (בייז.) זאָלסטו עסען, משוגענער!

בערע. ער וועט שוין עסען, געהט א היים, וואס ארט אייך. וועט נעמען א שנאפס און וועט עסען.

בייליע. און זאלסט ברייננען דאס טעפעל.

בערע. גוט, גוט, וועט שוין ברייננען.

בייליע (אין טיר). משוגענער! (געהט אוועק.)

מיכעל. א אידענע בלייבט א אידענע.

מלכה. איך האב נאך געקענט די בייליען מיט אכט יאהר צוריק, אז זי איז נאך געוועזען א מיידעל. אה, איז זי געוועזען א לעבעדיגע זאך! איצט ווי זי זעהט א ביסעל אוים. מען קאן דאך אויף איהר נישט א קוק טאן.

בערע. און ווי האט ער אויסגעזעהן מיט אכט יאהר צוריק! א משוגענער אפילו איז ער שטענדיג געוועזען, אבער אזוי איז דאס געוועזען...

יאשקע (קומט אריין מיט בראנפען).

בערע (לעגט אוועק די ארבייט, געהט איהם ענטקעגען, נעמט ביי איהם צו דאס פלעשעל מיט דעם רעסט פון רובעל און ווענדט זיך צו אייזיקען). נא, וועסט נעמען א ביסעל בראנפען און וועסט עסען, וועסטו ווערען גאר א נייער מענש, דער אמאליגער אייזיק. (נעמט אראב א גלעזעל פון פאליצע.) טאמער האסטו פערגעסען דעם אמאליגען אייזיק, וועל איך דיר דערמאנען. געדענקסט אונטער שטאדט, אין קאראבאנאווקע? (גיסט אן דאס גלעזעל, קוקענדיג מיט תאוה אויף דעם פליסענדיגען געטראנק.) געדענקסטו, ווי דו... נא, נעם, נו... נא, נעם דאך. (שטעלט אוועק דאס פלעשעל, נעמט אייזיקס הוט און טוט איהם אן אייזיקען אויף'ן קאפ.) נא, נו, מאך א ברכה און טרינק. (נעמט וויעדער דאס פלעשעל.) נעם דאך, אייזיק, זיי נישט קיין נאר. אייזיק, זעה.

מיכעל. אייזיק, פע! לאז דיך נישט בעטען. נעם און טרינק און עס. וואס מאכסטו דיך נאריש, וואס?

בערע (אונטערטראגענדיג דאס גלעזעל צו אייזיקס ליפען). טרינק, זאג איך דיר, פערד!

זעליג. אז נישט, טרינקט ער אוים.

אייזיק (וויל אָבקעהרען דעם קאָפּ און פלוצלונג כאַפּט ער דאָס גלעזעל און קעהרט עס אין זיך אריין).

בערע (פערפאַלגט מיט אַ תאוה'דיגען קוק יעדע בעוועגונג אייזיקס און די בעוועגונג פון דעם שנאַפּס. ער טשמאַקעט מיט די ליפּען, מאכט אַ קרום געזיכט, ווי ער וואָלט געפיהלט די קיהלקייט און ביטערקייט פון דעם שנאַפּס). אַט אזוי ביזטו א מענש, אַ. אַט אזוי האָב איך דיך האָלט. (נעמט דאָס לעדיגע גלעזעל ביי אייזיקען.) און נאָך איינס. (העבט אָן אָנגיסען און שמעקט דעם בראנפען.) און טאקי גלייך.

אייזיק (האלט איין זיין האנד. פינסטער). גיט מיר דאָס פלעשעל. (נעמט אַרוים דאָס פלעשעל פון בערעס האַנד, שטעלט עס צו צו די ליפּען און טרינקט עס אוים אויף איין מאָל.)

בערע (וועלבער האָט אַרויסגעלאָזען דאָס פלעשעל אָהן חשק, קוקט נאָך יעדע בעוועגונג, אויסציהענדיג דעם האַלז. ווען אייזיק ווערט פאַרטיג מיט'ן פלעשעל, נעמט ער עס ביי איהם צו און טראָגט איהם אונטער דאָס גלעזעל). און יעצט שוין דאָס ביסעל אין גלעזעל, וועט זיין א פּאָלנע מאָס. — ווילסט נישט? נו, טיק יעצט עסען. (שטעלט אַוועק דאָס גלעזעל מיט'ן פלעשעל און רוקט צו דאָס טעפּעל מיט'ן ברויט.) טיק יעצט עסען.

אייזיק (שפּאַרט זיך אָן מיטביידע הענד אויפ'ן וועבשטול און בעהאַלט דאָס געזיכט אין די הענד).

בערע. עסען, עסען, אייזיק. אָבער גלייך. דאָס עסען איז שוין קאלט...

אייזיק (לעגט אוועק דעם קאָפּ אויף דער לינקער האַנד).

בערע. נא, וואָס האָסטו זיך אוועקגעלעגט? איך זאָג דאָך דיר, גלייך עסען. (וויל איהם אויפהעבען.)

אייזיק (שטופּט איהם אַוועק מיט דער פרייער האַנד).

בערע (בעליידיגט). נא, פון מיינעטוועגען ליעג. איך הייס דיר עסען, דו ווילסט נישט, טיק טו, וואָס דו ווילסט. (נעמט דאָס

פלעשעל, בעטראכט עס, קוקט תאוה׳דיג אויף דאָס ביסעל בראנפען אין גלעזעל.)

הילי ע. נו, בערע, לחיים!

בערע. עס נישט. איך וועל מיך מיט דיר מעהר נישט עוסק׳ן. (געהט צו צו זיין שטול.)

לייוויק. עס דאָך, אייזיק. דו מוזט דאָך פערעסען.

בערע (בעליידיגט). אזא פערד האָב איך גאָר אויף מיין לעבען נישט געזעהן.

זעליג. מיר דוכט, אז ער וועט גאָר איינשלאָפען.

מיכעל. זאָל ער שלאָפען, דאָס איז דאָס בעסטע.

בערע. נע־ע! איך וויים, אז איך נעם א ביסעל בראנ־פען, בין איך... ווער איך... ציהט זיך אויף מיר אָן א נייע הויט. און ער האָט דאכט זיך אויך געקאָנט אריינגיסען! נע־ע, איך וויים גאָר נישט, וואָס מיט איהם איז געוואָרען.

לייוויק (צו זעליגען). שלאָפט ער טאקי איין, זעליג?

זעליג. דאכט זיך. (טרייסעלט איהם.) אייזיק, דו שלאָפסט?

לייוויק. קאָמעדיאנט!

היליע (זינגט). „שלאָף מיין פויגעלע, מאך־זשע צו דיין אויגעלע...“

מיכעל. נא, א חברה!

טעמע. דאָס עסען וועט דערווייל קאלט ווערען. (שפּרינגט אויף.) איך וועל עס אריינטראָגען צו אידע׳ן און אריינשטעלען אין אויוועז.

אייזיק (זעצט זיך אויף און נעמט אַרויס זיין טאַשענטיכעל).

טעמע (מיט שרעק). זעה, ער האָט דאָך געוויינט!

לייוויק, בערע, זעליג, מלכה (שפּרינגען אויף פון זייערע ערטער מיט אַן אויסגעשריי). געוויינט! (טרעטען צו איהם צו און קוקען אויף איהם מיט שרעק.)

מיכעל (דרעהט אוים דעם קאָפּ און זאָגט אַרוים מיט אַ טאָן פון ביטערקייט, אונצופריעדענהייט און עקעל). געוויינט.

הילִיע און סענדער (קוקען נייגיעריג פון זייערע ער־טער און טוען זייער אַרבייט).

יאַשקע (טרעט אָב פון זיין טיש און קוקט נייגיעריג, מיט דעם קלייפּענזיל אין דער האַנד).

בערע. ביזט דאָך עפּעס גאָר קיין מענש נישט. פּע, אויף מיין וואָרט. ווען איך וואָלט געוואוסט, אז אָסור, אויב איך וואָלט דיך צוגערעדט צו טרינקען. ביזט דאָך עפּעס גאָר קיין מענש נישט.

הילִיע. זאָל ער געהן א היים און אויסשלאָפען זיך.

בערע. געה טאקי א היים און שלאָף דיך אוים. וואָס וויינסטו? פּע, אויף מיין וואָרט, עס איז גאָר א בושה און א חרפּה. געה, פּאָלג מיך, א היים. ווּעסטו היינט אויך נישט ארבייטען, מילא. זאָל דוכטען, אז דו זיצסט נאָך איבער דיין מאשינע. געה, געה, נא, און דאָ האָסטו דעם רעסט פון רובעל. נא, נעם צו. זעהסט, איך לעג דיר איהם אריין אין קעשענע. איז עס א גאנצע קעשע־נע? (בעטאפּט די קעשענע.) א גאנצע. נו געה.

איזיק (לאָזט זיך ווידער אַראָב אויף דער האַנד. זיין גאַנ־צער קערפּער טרייסעלט זיך פון דעם שטילען געוויין).

לייוויק. אָבער, איזיק, ביזט דאָך טאקי...

בערע. אָה, דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען מאכט זיך מיר דאָס צו זעהן.

הילִיע (צו סענדערן). זעה נאָר, טעמע וויינט אויך.

טעמע (טריקענט די אויגען). הילִיענקע, דו האָסט דאָך א גזלניש הארץ.

לייוויק (ציהענדיג איזיקען). אָבער איזיק, אך, פּע....

איזיק. לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך מוז... איך מוז...

בערע (ציהענדיג איזיקען). וואָס מוזטו, וואָס? מוזט גאָר נישט. געהערט עפּעס ווערטער, ער מוז גאָר וויינען.

איזיק (בייז). לאָזט מיך צו רוה!

בערע (מאַכט מיט דער האַנד). נאַ, העב זיך אָן מיט אַ משגענעם. (מען צוגעהט זיך אויף די ערטער.)

לייוויק (טרויעריג). הם!

בערע. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען...

מלכה. פע, איך קאָן נישט זעהן, אז א מאנסביל וויינט.

זעליג (געריהרט). נע־ע־ע!

טעמע (נעמט דאָס טעפּעל און געהט מיט איהם ארויס).

שווייגען.

אייזיק (ווערט שטילער און שטילער און בלייבט צולעצט רו־היג ליעגען אויף זיין האַנד. מען קוקט זיך אָפּט אום אויף איהם).

גאָלדין (קומט אַריין, געהט אין אייזיקס זייט, מאַכט מיט'ן קאָפּ). נאַ, וואָס ליעגט ער עפּעס?

מלכה. ער האָט ערשט געוויינט.

גאָלדין. געוויינט? וואָס ער האָט עפּעס געוויינט? וואָס פון זיין מאשינע האָט זיך גאָר גיט אויסגעלאָזען? (וועקט אייזיקען.) דו, אייזיק, וואָס האָסטו געוויינט? שטעה אויף. (דערזעהט די בראנפּען־פלאש.) ווער האָט עס געטרונקען? דאָס האָט ער געטרונקען?

מלכה. ער האָט נאָך גאָר נישט געגעסען, האָט מען איהם געהייסען נעמען א ביסעל בראנפּען.

גאָלדין. האָט ער זיך הייסט עס פשוט אָנגעשכור'ט. טע! צוערשט האָט מען איהם נישט געקאָנט ארויסטרייבען פון שטוב, וויל ער האָט זיך געפּאַרקעט איבער א שטיקעל מאשינע און יעצט, אז ער איז שוין געקומען ארבייטען, האָט ער זיך אָנגעזויפּען ווי א חזיר און ליעגט.

אייזיק (מאַכט אַ נערוועזע בעוועגונג, גיט אַ העב דעם קאָפּ און לעגט איהם גלייך אוועק צוריק).

גאָלדין. ביזטו שיכור, טאָ געה א היים און לעג זיך שלאָ־פען. איך דארף דאָ קיין שיכורים נישט. — וואו איז טעמע?

אייזיק (הערבט זיך לאנגזאם אויף). איהר זייט אין כעס, וואס איך האב אייך נישט געבראכט א דריטע מאשינע?

גאלדין. פערד! איך דארף דיך אויף כפרות מיט דיינע מאשינעס צוזאמען. — — וואו איז טעמע, וואו?

מלכה. דא איז געוועזען זיין ווייב און האט איהם געבראכט זיין ווארמעס, האט טעמע ארויפגעטראגען דאס טעפעל, עס זאל ניט קאלט ווערען, צו אידע׳ן.

גאלדין. מעהר האט זי שוין נישט וואס צו טאן, ווי מיט זיינע טעפלעך?!...

אייזיק. אז איך וואלט אייך געבראכט די מאשינע, וואלט איהר נישט אזוי אין כעס געוועזען.

טעמע (קומט אריין).

גאלדין. וואוהין געהסטו ארום, וואוהין? דו דארפסט זיצען און ארבייטען און ניט עוסק׳ן זיך מיט זיינע טעפלעך. איך האלט נישט פון זיינעטוועגען קיין משרתים.

אייזיק (מיט קוים איינגעהאלטענעם כעס). איך האב זי נישט געבעטען.

טעמע. דאך א ווייל נאר געדויערט.

גאלדין. א מינוט אויך נישט. ער מעג עסען קאל־טע אדער גאר נישט עסען, דאס איז נישט דיין דאגה. דו דארפסט זיצען און ארבייטען.

אייזיק. אזוי שטארק האט אייך געאינטערעסירט מיין מאשינקע?

גאלדין (צושרייט זיך). איך דארף דיך אויף כפרות מיט דיין מאשינקע, האב איך דיר שוין איינמאל געזאגט, פערשטעהסטו מיך! דו קאנסט שוין...

ארקע (איילט אריין). וואס האסטו זיך דא אזוי צושריען?

גאלדין. איז געקומען, האט זיך אנגע׳שכור׳ט....

אייזיק (א קלאפ טוענדיג מיט דער האנד אן וועבשטול).

אייזיק (האלט מיר אויפהערען מיט דעם „אָנגע'שכור'ט“, פערשטעהסט איהר מיך צו נישט!

גאָלדין (בלייבט שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל. אלע רייסען איבער די ארבייט).

ארקע. טע, טע, טע, ער איז דאָך טאקי גאָר שטארק אין כעס.

אייזיק. מיר דארפט איהר נישט רעדען וועגען אָנשיכור'ן זיך. דאָס רעדט אייער ארקען.

גאָלדין. דו עזות מחוצף פנים! דו שטיק שייגאץ!

מיכעל און בערע (רינגלען ארום גאָלדינען).

לייוויק און זעליג (האַלטען אָב אייזיקען).

מיכעל. הער אויף, נאָטע, זעהסט דאָך.

לייוויק. בערוהיג דיך, בערוהיג דיך, אייזיק.

ארקע. וועגען מיר דארפסטו נישט רעדען!

בערע. ארקע, אך, נע־ע...

לייוויק (צו אייזיקען). בערוהיג דיך, בערוהיג דיך.

גאָלדין. דו וועסט שוין ביי מיר מעהר נישט ארבייטען.

אייזיק. איך טראַכט עס שוין. אָבער איהר וועט מיר צוערסט אוועקגעבען מיין פרעס מיט מיין פעטליצעס־מאשינקע.

ארקע (שטעלט אָן די האַנד צום אויער). וואָס, וואָס זאָל מען דיר אוועקגעבען? איך האָב נישט געהערט, חזר איבער נאָך א מאָל.

גאָלדין. דיין פרעס מיט דיין מאשינקע? פאר דיין פרעס מיט דיין מאשינקע האָט מען דיר בעצאָהלט גוט געלד.

אייזיק (מאַכט אַ בעוועגונג).

לייוויק און זעליג (האַלטען איהם אָב).

זעליג. רוהיג, רוהיג.

גאָלדין. זיינע מאשינעס זאָל איך איהם אוועקגעבען! זיינע איז עס. אז איך האָב דיר בעצאָהלט, זיינען זיי מיינע, נישט דיינע.

אַרקע. זײַן פּרעס און זײַן מאַשינקע! די מוראַ־דיגע ערפינדונגען, גרויסע קאַפּטשיק! האָסט בעוויזען, וואָס דו קאָנסט. געפּאַרקעט זיך און געפּאַרקעט זיך דרײַ טעג...

אײזיק. גרויסע קאַפּטשיק — — דו קאָנסט בעסערע?

אַרקע. פּששש... אָבער וואו איז דײַן נײַע מאַשינע?

אײזיק. איך פרעג בײַ דיר, דו קאָנסט בעסערע?

אַרקע. אָבער דײַן נײַע מאַשינע וואו איז?

גאָלדין. וואָס רעדסטו מיט איהם? געה, יאָשקע, רוף שמערלען. זאָג איהם, אז דער שטול איז לעדיג. ער קאָן שוין קו־מען זעצען זיך ארבײַטען. — אָט וועט זײַן גענוג צו רעדען.

יאָשקע (מאַכט לאַנגזאַמע הכנות).

אײזיק (שטעהט אויף, קנעפּט זיך צו דעם רעקעל, און העבט אָן לאַנגזאַם צו געהן צו דער טיר, בעגלײַט פון די איהם בערוהיגענדיגע לײַוויק און זעליג. פּלוצלונג גיט ער זיך אַ לאָז צו דער פּרעס, העבט זי אויף, וואַרפט זי אַרויף אויף דער פּעטליצעס־מאַשינע און טרעט זײַ מיט די פיס, אז עס פליהען שפּענדלעך און רעדלעך, צורעדענדיג דערבײַ). יעצט קאָן איך געהן, יעצט קאָן איך געהן.

לײַוויק, זעליג, בערע (ווילען איהם אָבהאַלטען).

גאָלדין. געהט רופט אַ גאָראָדאָוואָי, געהט רופט. אַרקע, געה נאָך אַ גאָראָדאָוואָי.

אַרקע. היליע, געה נאָך אַ גאָראָדאָוואָי.

אײזיק (טרעט נאָך מיט די פיס). יעצט קאָן איך געהן.

(רײַסט זיך אַרויס פון די הענד און געהט אַרויס ווי מעגליך רוהיג.)

גאָלדין און אַרקע (וואַרפען זיך נאָך איהם. מען האַלט זײַ אָב).

גאָלדין. זאָל מען גיהן נאָך א גאַראַדאָוואָי, זאָל מען גיהן.

איציק (פון הויף). נא דיר! (אַ שטיין פליהט אין פענ־סטער מיט גרויסער קראַפט, צוברעכט אלע שויבען און טרעפט ארקען אין זייט. פון עולם רייסט זיך אַרויס אַן „אך!“)

ארקע. ער האָט מיך גע׳הרג׳עט!

גאָלדין. א גאַראַדאָוואָי!

# דריטער אקט

א י י ז י ק ׳ ס  ו ו א ו י נ ו נ ג. שפעט אין אָוועגד, אויפ׳ן טיש ברענט א קליין לעמפעל מיט אַ שטאַרק פערדרויכערטען גלאָז. אין צימער איז האַלב־דונקעל. עס זעהען זיך נאָר די שאָטענס, די שוואַרצע סילו־עטען פון אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ.

ג י ש י נ ק ע (זיצט אין פאָרנסטען בעט און וויינט מיד). מאמע, מאמע.

פ י נ י ע (שטעהט איבער איהר און ברומט אונטער). געשטאָר־בען, געשטאָרבען.

ג י ש י נ ק ע (בייז). נישט געשטאָרבען! מ א מ ע נישט געשטאָרבען! דו ביזט געשטאָרבען!

פ י נ י ע. אלע געשטאָרבען. טויט.

ג י ש י נ ק ע (וויינט שטאַרקער). ניין, נישט געשטאָרבען!

פ י נ י ע. געשטאָרבען. טויט. דער הימעל. די ערד. און גאָט. און גאָט. בעגראָבען אין טויטען הימעל. בעשאָטען מיט דער טויטער ערד. און אלץ איז קאלט און פינסטער. און קאלט. און פינסטער...

ג י ש י נ ק ע. מאמע־ע־ע! וואו די מאמע?

פ י נ י ע. געשטאָרבען. אלע געשטאָרבען.

ג י ש י נ ק ע (צושרייט זיך אויפ׳ן קול). ניין, נישט גע־שטאָרבען! נישט געשטאָרבען! די מאמע איז נישט געשטאָר־בען!....

ג ע ל י ע (קומט אריין פון איהר צימער, און באַלד נאָך איהר ה י נ ד ע פון איהר צימער. ביידע זיינען אָנגעטאָן אין אונטערריק און איינגעוויקעלט אין גרויסע פאַטשיילעס).

געליע (צו פיניען). וואָס שטעהט איהר און שרעקט זי? געהט אין אייער רוה. (צו גישינקען.) וויין דאָך נישט, גישינקע. די מאמע וועט באלד קומען.

פיניע (געהט לאַנגזאם אָב און זעצט זיך אויף זיין אָרט. פון צייט צו צייט לאָזט ער אַרויס וויינענדיגע טענער).

הינדע. וואָס האָט זי זיך אזוי צושריען?

גישינקע (וויינט). וואו איז די מאמע?

געליע. דער אלטער האָט זיך אוועקגעשטעלט איבער איהר...

גישינקע. נישט געשטאָרבען?

געליע. ...און...

הינדע (צו גישינקען). די מאמע וועט באלד קומען.

געליע. זי וועט צוריסען שרייענדיג.

הינדע. עפּעס איז נישט גלאט מיט אייזיקען. גאָלדין האָט איהם געמוזט איינשפּארען. אָבער וואָס קומט זי נישט?

גישינקע (וויינט). די מאמע קומט נישט.

געליע. לעג דיך שלאָפען, גישינקע, די מאמע וועט גלייך קומען. מיר וועלען זיצען לעבען דיר, גוט?

גישינקע. איך וויל די מאמען.

געליע (איינלעגענדיג זי און אוועקזעצענדיג זיך לעבען איהר). אָט אזוי ליעג, גישינקע, מיר וועלען זיצען לעבען דיר. זעהסט, אָ, הינדע האָט זיך אויך געזעצט. און די מאמע וועט באלד קומען.

הינדע. שלאָף, גישינקע, שלאָף.

גישינקע (אַ ביסעל רוהיגער). די מאמע נישט געשטאָרבען.

געליע. וואָס עפּעס די מאמע געשטאָרבען? די מאמע איז נישט געשטאָרבען.

גישינקע. נישט געשטאָרבען?

געליע. ניין, ניין, נארעלע. די מאמע איז נישט געשטאָרבען. שלאָף.

הינדע. דער אלטער מאכט אלעמען קראנק מיט זיין „שטארבען".

גישינקע. דער טאטע אויך נישט געשטאָרבען?

געליע. שלאָף, שלאָף, גישינקע. קיינער איז נישט געשטאָרבען.

הינדע. ווער ווייס, וואָס מיט אייזיקען איז? איהר האָט דאָך געהערט, וואָס עס האָט זיך היינט צו טאָן אין ווערקשטאט? ער האָט געוויינט...

געליע. חברה האָט איהם א פריער אָנגעטרונקען.

גישינקע. ווען וועט קומען די מאמע?

געליע. וועט באלד קומען. שלאָף דערווייל.

הינדע. ...און האָט צובראָכען זיין פרעס מיט דער פעטליצעס־מאשינע.

סאָסיע (קומט אריין, אין אונטערראָק און יאקע, די הענד צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט. עס פריערט זי). נו, וואָס הערט זיך? (טרעט צו נעהנטער צום בעט.) זעה, דאָס איז גאָר געליע. איך האָב געמיינט, אז דו רעדסט דאָ מיט ביילין. איז נאָך ביילע אלץ נישטאָ?

געליע. נישט ביילע, נישט אייזיק.

סאָסיע. א מאָדנע זאך.

גישינקע (צו סאָסיען). די מאמע נישט געשטאָרבען.

הינדע. וואָס דאָרטין האָט זיך א ביסעל צו טאָן!

גישינקע (צו סאָסיען). און דער טאטע אויך נישט געשטאָרבען.

געליע. שלאָף, שלאָף. אז דו וועסט נישט שלאָפען, וועלען מיר אוועקגעהן.

גישינקע. ניין, נישט אוועקגעהן.

געליע. טיק שלאף. (קראצט איהר אין קאפ און זינגט שטיל א ליעד.)

הינדע. שרעקליך האט דארטין געמוזט זיין. מיט א גרויסען שטיין האט ער צושלאגען עטליכע שויבען...

סאסיע. דו דערצעהלסט פון אייזיקען?

געליע. דערפאר רעכען איך, אז גאלדינקע האט איהם גע־ווים איינגעזעצט.

הינדע. עס קאן זעהר זיין. פון גאס געווים איהם צו־גענומען.

סאסיע (טרייסעלט זיך). בררר... ווי דער בן־אקעל איז עס פריער אריינגעפאלען אין שטוב מיט'ן גאראדאוואי, אריינגעקוקט צו אונז אין צימער...

געליע. און צו אונז אויך.

הינדע. עס האבען מיר געטרייסעלט הענד און פיס.

געליע. איך האב איהם געוואלט געבען מיט עפיס אין קאפ...

הינדע. א בן'אקעל!

געליע. א לאבוז עפיס.

הינדע. סאר א מין פראנט. געגאלט, געדרעהטע ווענ־צעלעך, די שליאפע אויף א זייט, מיט רינגען אויף די פינגער...

סאסיע (טרייסלענדיג זיך). און ווי ער איז דאס אנ־געטאן!

געליע. אין דער פריה, אז מיר זיינען ביידע ארוים פון שטוב, איז ער צוגעשטאנען צו מיר, וואוהין געה איך און איך זאל איהם געבען טראגען דאס פעקעל, און וואס טו איך און ווען שפא־ציר איך...

הינדע. איהר האלט איהם פאר א שיינעם? איך האלט איהם נישט פאר קיין שיינעם. די אויגען זיינען עפיס...

געליע. און וואו שפאציר איך און מיט וועמען שפאציר

איך. און אַלץ מיט אַזעלכע בעוועגונגען און פערבויגונגען... (קרימט איהם נאָך.) טע־טע־טע און טע־טע־טע...

סאָסיע (צו הינדען). ווייסט, נאָך וועמען ער זעהט אויס?

הינדע (טראַכט אַ ביסעל). נאָך וועמען?

סאָסיע. נאָך קאָפּעליאָוויטש'ען.

הינדע. פּאַ, קאַפּענע שמערל, עס העבט זיך אפילו נישט אָן. יענער איז העכער, האָט בלאָנדע האָר...

סאָסיע. יאָ, אָבער עפּיס... די נאָז... די ליפּען...

הינדע. אי, געה, דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט.

געליע. און ביז וויכמאַנס טיר — איך בין געגאַנגען צו וויכמאַנען אָבטראָגען זאַקען — איז ביז וויכמאַנס טיר האָט ער מיך בעגלייט. איך האָב מיך פון איהם נישט געקאָנט אָבטשעפּען.

הינדע. און דערצו איז ער אַזאַ מין גראָבער יונג.

סאָסיע. פע, רעדט אַזעלכע גראָבע זאַכען.

געליע. מיר האָט ער גראַד קיין גראָבע זאַכען נישט גע־רעדט. ער וואָלט שוין פון מיר געלייזט. אָבער אַלץ אַזעלכע קאָמפּלימענטען געמאַכט. (קרימט איהם ווידער נאָך.) טע־טע־טע און טע־טע־טע. „דאַס פריילין איז אַזוי קלוג, דאַס פריילין איז...“ (מען קלאַפּט אין גאַסטיר. זיי שפּרינגען אויף.)

הינדע. מסתמא בייליע.

סאָסיע (געהט אויפעפענען די טיר, טרייסלענדיג זיך). ברורר, ברורר...

הינדע. איך וואָלט שוין אַזוי וועלען וויסען, וואָס טוט זיך מיט אייזיקען.

סאָסיע (שרייט אויס). אי!

זעליג (אין פּאַרהויז). שאַ, שרעקט זיך נישט. איך בין געקומען זעהן, צי איז אייזיק שוין אין דער היים.

סאָסיע (קומט אַריין, געהענדיג אויף הינטען).

זעליג (נאָך איהר. ער טראָגט יעצט אַ שוואַרץ רעקעל איבער דעם אויסגעבעהטען העמד).

געליע און הינדע (פעררינכטען זייער טואלעט. אלע דריי מיידלעך שטעלען זיך צוזאמענגעדריקט אין א קאקעטער פאזע, זובענדיג פאר זייערע שלעכט פערדעקטע גליעדער א שיינע שטעלונג).

זעליג. איז ער שוין געקומען?

הינדע. ניין, ער איז נאך נישטא.

געליע. און ביילע איז נאך אויך נישט געקומען.

זעליג. מסתמא זוכט זי איהם נאך. איך בין געווען ביי עטליכע בעקאנטע, דורכגעגאנגען עטליכע גאסען — מען הערט איהם נישט און מען זעהט איהם נישט.

געליע. דער מענש, אויב מען האט איהם נישט איינגע־זעצט, האט זיך געווים א מעשה אנגעטאן.

סאסיע. דא איז געווען גאלדינס בן'אקעל מיט א גארא־דאוואי.

זעליג. איך ווייס. און וואס מיר האבען איהם אבגע־האלטען!

הינדע. אריינגעפלויגען... (מאכט נאך ארקען.) „וואו איז ער?! אייזיק זאל מיר שוין זיין! איך וועל איהם...“

סאסיע. און האט איהם אומעדום געזוכט.

זעליג. ארקעלע האט געוואלט מאכען א ביסעל קוראזש. (מאכט נאך ארקעס שטימע.) „וואו איז ער?! איך וועל איהם!“...

סאסיע (צו די אנדערע). אוי, טאקי אזוי האט ער גע־שריען.

זעליג. צו איך קען איהם! (מאכט נאך ארקעס בעוועגונ־גען.) „וואו איז ער? אייזיק זאל מיר שוין זיין! איך וועל איהם!...“

אלע (לאכען).

סאסיע (צו די אנדערע). אבער טאקי פונקט אזוי.

זעליג. איהר האט איהם דא, דאכט זיך, היינט אין דער פריה אויך געהאט?

געליע (מאַכט אַן איראָנישע בעוועגונג מיט דער האַנד און דריקט צוזאַמען די ליפּען). געהאַט די עהרע.

זעליג. און מיט איינער פון אייך איז ער געגאַנגען.

געליע (מיט דערזעלבער בעוועגונג און מיט א געמאַכטען שטאָלץ). מיט מיר אליין.

סאָסיע (צו די אַנדערע). אָבער ווי מען ווייס עס אלץ.

זעליג. ער האָט שוין געוואָלט ווערען אַן אָפּטער אריינגעהער ביי אייך.

הינדע. נאָך וואָס האָט אונז געפעהלט.

געליע (איראָניש). מען דאַרף איהם טאַקי נויטיג האָבען.

זעליג. איז ער דען א מיאוסער קאַוואַליער?

געליע. א שיינהאַיט!

הינדע. פּע, עפּיס אַזוינע אויגען.

זעליג. ער נעמט דאָך אַזוי אויס ביי מיידלעך.

געליע (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און דריקט צוזאַמען די ליפּען). מ־מ־מנא!

הינדע. ער?!

סאָסיע (קוקט אויף די אַנדערע און לאַכט פאַר פערוואונדערונג).

געליע. ער איז צוגעשטאַנען צו מיר אין גאַס, האָב איך נישט געוואוסט, ווי פּטור צו ווערען פון איהם.

זעליג (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). אַך, אַרקע, אַרקע, א מפּלה אויף דיר...

סאָסיע. איך וואָלט שווערען, אז עמיץ טאַפּט די טיר.

(די טיר ווערט געעפענט.)

זעליג. יאַ, עמיץ קומט. (זיי מאַכען אַ פּאָר שריט צו דער טיר.)

בערע (קומט אַריין. ער זעהט אויס אומעטיג און פערזאָרגט, ווי ער וואָלט זיך געפיהלט שולדיג אין דעם פאָרגעקומענעם).

זעליג. גאָר בערע!

בערע. זעליג! (קוקט זיך אַרום.) איז איזיק שוין געקומען?

זעליג. נישטאָ נישט איזיק און נישט זיין ווייב.

בערע. זי לויפט מסתמא ארום. און ער איז נישטאָ? ליעגט מסתמא ערגעץ־וואו א שיכור'ער.

געליע. אויב גאָלדין האָט איהם נישט ארעסטירט.

בערע. מיט א שעה צוויי צוריק, א זייגער ניין, איז ער נאָך געוועזן ביי ריבה שיינין אין שיינק.

זעליג. פון וואנען ווייסט איהר עס?

בערע. איך האָב איהם אומעדום געזוכט, בין איך שוין פערגאנגען צו ריבה שיינין אין שיינק אויך.

הינדע. דאָס איז דאָך דאכט זיך אין עק שטאָדט.

זעליג (קלאפט בערען איבער'ן אַקסעל). אָ, וואו א שיינק איז, ווייס ער שוין!

בערע. פערד! איך בין ארייגעגאנגען זעהן, צו איז איי־זיק דאָרטין נישטאָ, פערד! — און ער איז דאָרטין טאקי געוועזען, איז אָבגעזעסען א פּאָר שעה, מיט קיינעם א וואָרט נישט גערעדט און געטרונקען. זיי זאָגען, אז ער איז געזעסען אזוי אָנגערוקט. זיי האָבען געמיינט, אז דאָס איז א משוגענער. פון דאָרטין איז ער אוועקגעגאנגען שטארק בעטרונקען. וואוהין, ווייסען זיי נישט.

זעליג. מוז מסתמא ליעגען אין א קאנאווע.

הינדע (קאָקעט). פּ־פּע.

סאָסיע (טרייסעלט זיך). ברררר.

זעליג. איז אייך קאלט?

סאָסיע. אזוי עפּיס... ברררר...

זעליג. א יונג מיידעל דארף נישט קאלט זיין.

הינדע. פּטור, זי פריערט שטענדיג.

סאָסיע. איך ווייס נישט, מיר איז עפּיס... ברררר...

בערע (וועלכער איז געשטאַנען פערטראכט מיט די אויגען צו

דער פאַדלאָגע). און ווייטער ווייס איך נישט, וואו צו זוכען. איך בין געוועזען אין נאָך עטליכע שיינקען...

זעליג. זעלבסטפערשטענדליך.

בערע (מיט פעראכטונג). טפו, קאָמעדיאַנט! (די גאַסטיר ווערט געעפענט.)

ביילע (לויפט אריין). וואָס? ער איז שוין דאָ? (בעמערקט גלייך, אז איזיק איז דאָ נישטאָ.) נאָך נישטאָ? (צוואווייגט זיך.) ער האָט זיך א ודאי עפּים אָנגעטאָן. רבונו של עולם, אַן אומגליק איז מיר...

הינדע. ניין אַ זייגער האָט מען איהם נאָך געזעהן ביי ריבה שיינין אין שיינק.

בערע. א זייגער ניין איז עס געוועזען. פון דאָרטין איז ער אוועקגעגאַנגען א בעטרונקענער. וואוהין, ווייס איך נישט. איך האָב איהם געזוכט.

זעליג. איך האָב איהם אויך געזוכט. נאָר די שטאָדט איז דאָך נישט קליין.

ביילע (דורך טרערען). איך בין אויסגעוועזען אומעדום. איך האָב געמאכט אַזאַ סקאַנדאַל ביי גאָלדינען. איך האָב מיך געוואָרפען אויף דר'ערד און געשריען מיט בענומענע קולות: אייזיקען זאָלען זיי מיר אוועקגעבען, זיי זאָלען מיר זאָגען, וואו איז אייזיק. די אַלטע האָט מיר געשוואָרען מיט טויזענדער שבועות, אַז זיי האָבען איהם נישט אריינגעזעצט. (יאָמערט, פערברעכענדיג די הענד.) ער האָט זיך געווים עפּים אָנגעטאָן, ווי לעב איך גאָר אויף דער וועלט!...

געליע. אָך, ניין, ער ליעגט ערגיץ א בעטרונקענער.

הינדע. ערגיץ אין א קאַנאַווע.

סאָסיע. ברורר.

ביילע (קלאָגט). שיין איז מיר, גוט איז מיר, דאָס זיך נאָך דערלעבט.

בערע. זיי זאָגען דאָרטין, אז ער איז געוועזען זעהר שיכור, קוים געהאלטען זיך אויף די פיס.

ביילע (ווי פריער). שיין איז מיר, גוט איז מיר... נאָך געליהען א רובעל.

בערע. און איך אליין האָב איהם אריינגעלעגט דעם רעסט פון רובעל אין קעשענע. איך וואָלט וויסען אזא סוף...

זעליג. וואָלט איהר איהם אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע.

בערע (בייז). ע, ע, ע, קאָמעדיאנט! שטענדיג ליעגען איהם נאָר וויצען אין קאָפּ.

זעליג, הינדע און סאָסיע (לאכען).

ביילע (ארומלויפענדיג איבער'ן שטוב). א פייער זאָל דאָרטין כאפּען ריבה שיינין מיט איהר שיינק צוזאמען. זאָל אין איין נאכט פון איהר קיין שריד און פליט נישט בלייבען. מען זעהט, אז א איד וויל זיך אָנ'שיכור'ן, פערקויפט מען איהם קיין בראנפען נישט.

געליע. דעם שיינקער איז א ודאי א דאגה, ווער עס וויל זיך אָנ'שיכור'ן.

הינדע. איהם ארט א ודאי — א איד, א קריסט.

זעליג. אבי געלד אָדער א גוטער משכון. זאָגט, בערע?

בערע (בייז). וואָס זאָל איך דיר זאָגען, וואָס?

זעליג, הינדע און סאָסיע (לאכען).

ביילע (אומלויפענדיג). און וואו זאָל איך איהם זוכען, וואו זאָל איך איהם אָנהעבען צו זוכען? וואו זאָל איך איהם אָנהעבען צו זוכען? (יאמערט.) עס איז געקומען, איך זאָל מיר א מעשה אָנטאָן, רבונו של עולם! (די גאסטיר ווערט געעפענט. מען לאָזט זיך ענטקעגען.)

לייוויק און סענדער (קומען אריין).

לייוויק. נו, ער איז שוין דאָ?

ביילע. וואו! זאָל ער אזוי זיין אויף דער וועלט...

זעליג (צו סענדערן). ווי קומסטו אהער? האָסט דאָך גע־דאַרפט זיין...

לייוויק. פּעטרוש דער סטרוזש האָט מיר געזאָגט, אַז היינט ביי טאָג ארום צוויי־דריי א זייגער האָט ער געזעהן א יונגען מאַן אין גרויסען וואלד. יענער איז אומגעלאָפען, געשלאָגען די בוימער מיט די הענד, געריסען פון זיי די קאָרע, געביסען זיי, גע־שלאָגען זיך אָן זיי מיט'ן קאָפּ. ווי ער האָט מיר אָבגעמאָלט, איז עס אייזיק.

ביילע (כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ). אַי, ער איז א ודאי משוגע געוואָרען. אַי, אַי, אַי!

לייוויק. האָב איך גערופען סענדערן און מיר זיינען ביידע געגאַנגען אהין, וואו ער האָט מיר אָבגעמאָלט, און האָבען גאָר נישט געפונען.

סענדער. איך האָב א פריער געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו געהן. אין גרויסען וואלד וועט ער אַזוי גיך געפינען א מענשען און נאָך ביי דער נאכט.

לייוויק. פון דעסטוועגען וואָלט איך נאָך געזוכט. א העלע נאכט...

סענדער. האָסטו געזאָלט בלייבען.

הינדע. ניין א זייגער איז ער געוועזען ביי ריבה שיינין אין שיינק.

בערע. נו, דאָס איז דאָך טאַקי לעבען גרויסען וואלד.

ביילע (וויינענדיג). ער איז נאָך א ודאי צוריק אוועק אין וואלד. וואו זוכט מען איהם? וואו געפינט מען איהם?

זעליג. שטאַרק א בעטרונקענער. בערע דערצעהלט, אַז ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. אַזוי שיכור...

בערע. איך האָב איהם נישט געזעהן. אַזוי האָט מען מיר געזאָגט.

ביילע. וואו זוכט מען איהם? וואו געפינט מען איהם?

הינדע. נאָך אפשר טאקי צוריק אוועק אין גרויסען וואלד.

ביילע. האָט זיך אָנגעטרונקען און אָנגעטאָן זיך עפּעס. (יאמערט.) וואָס טוט מען? וואָס העבט מען אָן צו טאָן? לאָ'מיר לויפען אין גרויסען וואלד.

סענדער. הא! רעדט ווי א קינד. אין גרויסען וואלד וועט זי זוכען ביי דער נאכט א מענשען. און אָט געהען מיר דאָך פון דאָרטין.

לייוויק. מיר וואָלטען אלע געהן.

זעליג (צו די מיידלעך). ווילט איהר אין וואלד?

הינדע און סאָסיע (קוקען אויף געליען, וואָס וועט זי זאָגען).

געליע. אך, אבי געהן. אָן עברה די טרחה.

בערע. טאקי, וואו וועט מען געהן?

סענדער. און אָט געהען מיר דאָך פון דאָרטין.

זעליג (קלאפּט סענדערן מיט'ן עלענבויגען, מאַכט מיט די אויגען און מיט די ליפּען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין זייט פון די מיידלעך).

סענדער (קרימט זיך). אי!

ביליע (ברעכענדיג די הענד). וואָס טוט מען? וואָס העבט מען אָן צו טאָן? וואָס העבט מען אָן צו טאָן?

בערע. ער וועט זיך אויסשלאָפען ערגעץ און וועט קומען א חיים.

געליע. און ווער ווייס, אז ער איז געוועזען אין וואלד?

לייוויק. ווי פּעטרוש מאָלט אָב. פון מיטעלען וואוקס, א בלאָנד בערדעל, א שליאפּע אויפ'ן קאָפּ.

סענדער. האָסט געהערט די סמנים! וועניג מענשען זיינען פון מיטעלען וואוקס און טראָגען א שליאפּע אויפ'ן קאָפּ.

ביליע (אומלויפענדיג). וואָס טוט מען? וואו זוכט

מען איהם? ווי געפינט מען איהם? (זעצט זיך אין תּינטערסטען בעט און וויינט.)

שווייגען.

סענדער (זאָגט עפּיס לייוויקען, קוקענדיג אויף די מיידלעך).

לייוויק (הערט איהם צושטרויט).

זעליג (צו די מיידלעך). ווי געפעלט אייך היינטיגע נאכט?

געליע (זיפצט). יאָ, א נאכט.

הינדע. אה, א נאכט.

סאָסיע (טרייסעלט זיך). ברור.

זעליג (צו לייוויקען און סענדערן). האָט איהר געזעהן א יונגער מיידעל זאָל אזוי קאלט זיין?

סענדער. טאקי א ביטערע רחמנות.

שווייגען.

ביילע (וויינט שטיל).

בערע (שטעהט און קראַצט זיך דעם באָרד).

סענדער און זעליג (שטעהען ענטקעגען די מיידלעך, ווילען אָנהעבען א געשפּרעך, אויף וואָס די מיידלעך וואַרטען שוין, זו־כענדיג דערווייַלע בעסערע פּאָזען פאר זייערע קערפּער און וואַרפענדיג רחמנות'דיגע בליקען אויף ביילען).

לייוויק (קוקט אפילו אויף די מיידלעך, אָבער ער איז צו־שטרויט).

זעליג (צו די מיידלעך). איך האָב היינט געזאָגט אייזיקען, ער זאָל מאכען א באל און פעררופען אונז צו זיך.

ביילע. האָט ער געמאכט א באל. (יאמערט שטארקער.)

הינדע. וואָס איז, פאר וואָס האָט ער עפּיס געזאָלט מאַ־כען א באל?

זעליג (לאכט און קוקט אויף סענדערן).

געליע (פּרעסט איין די ליפּען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און פער־דרעהט איהם אָן א זייט).

ס ע נ ד ע ר (צו זעליגען און לייוויקען, אָנווייזענדיג מיט'ן קאָפּ אויף געליען). זי פערשטעהט שוין פּאר וואָס.

ג ע ל י ע (ווי פריער). פראן דאָ וואָס צו פערשטעהן.

ל י י וו י ק. איך טראכט אלץ, וואו זוכט מען איהם.

ב ע ר ע. מען האָט יעצט גאָר ניט וואָס צו טאָן. מען דארף אָבוואַרטען ביז מאָרגען אין דער פריה און גאָר, און יעצט דארף מען געהן א היים.

ב ײ ל י ע (יאמערט).

שווייגען.

ב ע ר ע. נא, איך וועל געהן. א גוטע נאכט אייך. וואָס וועל איך דאָ אויסזיצען? א גוטע נאכט אייך. (געהט אַוועק.)

ז ע ל י ג (צו סענדערן). מיר וועלען אויך געהן?

ס ע נ ד ע ר. וואָס דען וועלען מיר מאכען?

ז ע ל י ג. און דו, לייוויק?

ל י י וו י ק. מען דארף געהן. וואָס זאָל מען מאכען?

ז ע ל י ג (צו די מיידלעך). נא, ווי מיר איז נישט אנגענעם...

ב ע ר ע (דרויסען). איזיק! איזיק! (אלע לאָזען זיך צו דער טיר. דאָס צימער ווערט לעדיג.)

ס אָ ס י ע (בלויז בלייבט שטעהן אין טיר און טרייסעלט זיך).

פ י נ י ע (קוקט נייגיעריג נאָך, וואַיעט און רעדט אַרויס). ווײסט! ווייסט! (וואַיעט ווידער.)

א י י ז י ק (געפיהרט פון בערען און לייוויקען, קומט אַריין, בעטרונקען, קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס).

ז ע ל י ג (געהט פאָר הינטען, אונטערשפּרינגענדיג און מאכענדיג מיט די הענד). ער איז דאָ, ער איז דאָ, ער איז דאָ, ער איז דאָ.

ב ע ר ע (אויפגעמונטערט, רעדט פריי און פרעהליך, ווי ער וואָלט אויסגעקויפט זיין זינד). איך געה ארויף אויף די טרעפּ, זעה איך, עמיצער שטעהט אזוי אָנגעשפּארט אָן וואנד, איין האנד דאָ, די אנדערע דאָרט, און קוקט אויף דער לבנה, אזוי אָ. איך טו א קוק: איזיק!

אייזיק (מיט אַ בעטרונקענער און טרויריגער שטימע). איז וואָס האָט איהר זיך אזוי דערפרעהט?

בערע. ווי הייסט, מען זוכט דיך ארום שוין די גאנצע נאכט. שטעהט ער גאָר, פערשטעהט איהר, און קוקט, אזוי אַ...

ביילע. וואו האָסטו דיך ארומגעשלעפּט שיכור׳ער־הייט?

אייזיק. דאָרטין בין איך שוין נישטאָ.

בערע. איך טו א קוק... ווער קאָן עס שטעהן, זאָג איך מיר.

ביילע. איך וועל כאפּען עפּיס, וועל איך דיר צושפּאל־טען דעם קאָפּ. מיין שווער הארץ וועל איך אויסגיסען צו דיין קאָפּ, צו דיין ליב און לעבען... (מען העבט זי אָן איינצושטילען.)

בערע. אָבער, ניין, הע־הע... איך געה נעהנטער צו — רבונו של עולם, ווער קאָן דאָס אזוי שטעהן שפּעט אין אָווענט, זאָג איך מיר... געה איך נעהנטער צו — —

ביילע. ער וועט לייען רובעלם און וועט פערטרינקען.

בערע (מאַכט איהר מיט כעס, זי זאָל שווייגען).

ביילע (זעצט זיך אויף דאָס הינטערסטע בעט, וויינט און רעדט פאר זיך, פלוכענדיג און שעלטענדיג).

לייוויק (צו אייזיקען). ביזטו געוועזען אין גרויסען וואלד?

אייזיק (לאָזט זיך פלוצלונג אראָב אויפ׳ן שטול לעבען דער קאמאד און צוואוויינט זיך).

זעליג (צו די מיידלעך). ער האָט שוין היינט געוויינט אין ווערקשטאט אויך.

ביילע. זאָל ער וויינען נאָך זיין קאָפּ, נאָך זיינע יאָה־רען און טעג. די מאשינקע איז ביי איהם טייערער ווי דאָס ווייב און די קינדער.

ציפּע (א פערשלאָפענע, בעוויזט זיך אין דער טיר פון איהר צימער). וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?

געליע (איילט צו איהר). גאָר נישט, גאָר נישט.

ציפּע. איז ער שוין געקומען? דאָס וויינט ער אזוי? וואָס וויינט ער?

געליע (שטופּט זי צוריק אין צימער). גאָר נישט, גאָר נישט. וועסט מאָרגען וויסען, געה שלאָפען.

ציפּע. וואָס גערהסטו נישט שלאָפען? עס מוז שוין זיין שפּעט.

געליע. גערה, איך גערה באלד.

ציפּע. וואָס איז עס דאָ פאר אן עולם? א חתונה׳א גאנצע.

געליע (שוין שטאַרק אונגעדולדיג). זעה, וואָס האָסטו זיך אוועקגעשטעלט דאָ קראַצען! (שטופּט זי אַריין אין צימער און פערמאַכט די טיר.)

ציפּע (הינטער דער טיר). וואָס שטופּסטו מיך, וואָס?

געליע (קערט זיך צוריק אום אויף איהר אָרט, בעגלייט פון סענדערס און זעליגס שמייכלענדיגע בליקען).

איזיק (אויפהעבענדיג די הענד איבער׳ן קאָפּ). מיר איז שווער, מיר איז שווער, מיר איז שווער...

ביילע. איהם איז שווער! שווער זאָל איהם זיין צו לעבען. האָט זיך אָנגעשיכור׳ט...

איזיק. לייוויק, מיר איז שווער, מיר איז שווע־ע־ר! (רייבט זיך די ברוסט.)

לייוויק. דו ביזט דאָך עפּיס גאָר א קינד, אייזיק.

בערע. אויף מיין לעבען האָב איך גאָר אזא מענשען נישט געזעהן.

איזיק. לייוויק, מיר איז שווער.

לייוויק. וואָס שווער, וואָס? אי, געה.

סענדער. מאַך דיך נישט נאַריש און לעג דיך שלאָפען.

סאָסיע (טרייסלענדיג זיך). טאַקי, דאָס איז די בעסטע זאַך.

איזיק. מיר איז שווער, ליוויק. — דו פערשטעהסט מיך אויך נישט.

ליוויק. איך פערשטעה דיך גאנץ גוט.

ביילע. איהם דארף מען גאר בעזונדערס פערשטעהן.

איזיק. מיר איז שווע־ע־ר, ליוויק! — — איך בין געוועזען אין גרויסען וואלד, איך בין דארטין געוועזען...

ליוויק. פעטרוש דער סטרוזש האט מיר געזאגט, אז ער האט דיך דארטין געזעהן. מיר זוכען דיך דאך שוין א גאנצע נאכט.

ביילע. געדארפט איהם נויטיג זוכען, דעם שיכור.

בערע (מאכט מיט דער האנד, זי זאל שווייגען). נא, און איך געה יעצט א היים. שוין צייט צו שלאפען. נא, ווער געהט? קיינער געהט נישט? געה איך אליין. א גוטע נאכט. איך זאג אייך, איהר זאלט זיך צוגעהן און לאזען איהם לעגען זיך שלאפען. דאס איז די בעסטע זאך. נא, א גוטע נאכט. (געהט אוועק.)

ליוויק. איך וועל שוין אויך געהן. טו דיך אוים, איי־זיק, און לעג דיך שלאפען.

איזיק (האלט ליוויק'ס האנד). מיר איז שווער, מיר איז שווער.

ליוויק (קוקט אויף די אנדערע און דריקט מיט די אקסלען).

זעליג (צו די מיידלעך). עס ווילט זיך גאר נישט שלאפען. איך וואלט גאר אומגעגאנגען יעצט שפאציערען. א שיינע נאכט. ווער וויל?

געליע. ניין, איך וועל בעסער געהן שלאפען. א גוטע נאכט אייך. (לויפט צו זיך אין צימער.)

זעליג און סענדער (מיט פערבויגונגען). א גוטע נאכט, פרייליין!

זעליג. זאל איך מיך אייך חלום'ען. (צו הינדען און סאַ־סיען.) נו, און איהר?

סאסיע (קוקט אויף הינדען, וואס וועט זי ענטפערן).

הינדע (צו סאָסיען). דו ווילסט?

סאָסיע. עפּיס שוין צו שפּעט.

הינדע. נא, וועלען מיר אויך געהן שלאָפען. אַ גוטע נאכט.

סענדער. מיר געהען אויך.

זעליג. דו בלייבסט, לייוויק?

לייוויק (צייגט מיט דער האַנד, אַז אייזיק לאָזט איהם נישט, און דריקט מיט די אַקסלען).

סענדער, זעליג, הינדע און סאָסיע (געהען אַרויס. זיי בלייבען אין פאָרהויז, שושקען זיך און לאכען).

ביילע (שטעהט אויף פון איהר אָרט און געהט צו צום פאָרנסטען בעט, צורוקענדיג אַהין דאָס וויעגעלע; זי דרעהט איין אַ ביסעל די לאָמפּ, טוט אויס די שיך, רוקט צו גישינקען צו דער וואַנד, לעגט זיך אַריין אין בעט און דעקט זיך איבער).

לייוויק. לעג דיך שלאָפען, אייזיק, לעג דיך.

אייזיק. מיר איז שווער, מיר איז שווער.

ביילע. ניכטער דיך אויס, וועט דיר ווערען גרינג.

אייזיק. איך בין געוועזען אין גרויסען וואלד. גלייך פון ווערקשטאט בין איך געגאנגען אהין. דאָס הייסט, איך האָב נישט געוואָלט גראָד אהין. נאָר איך בין געגאנגען. איך האָב גענדארפט געהן. איך האָב געמוזט געהן. געהן, געהן, געהן.

ביילע. נו, רעדט ער נישט איצטער ווי זיין משוגענער טאטע?

לייוויק. האָסט נישט בעדארפט טרינקען דעם בראנ־פען, וואָס בערע האָט דיר געגעבען.

ביילע. לייען געלד און אָנ'שיכור'ן זיך.

אייזיק. איך וואָלט נישט געטרונקען. נאָר ער האָט מיר צוגעטראָגען צו דער נאָז, און דער ריח האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ, צוגאנגען זיך איבער אלע גליעדער, און איך האָב געמוזט טרינקען.

ביילע. געמוזט טרינקען! טרינקען האט ער געמוזט. מען האט איהם געגנוט פון קהל.

לייוויק. האסטו בעדארפט געהן א היים און לעגען זיך שלאפען.

איזיק. איך האב געמוזט געהן. איך בין געגאנגען אי־בער די גאסען. און אזוי בין איך ארוים אין וואלד. אין די גאסען איז מיר געווען אזוי איינג; אין די גאסען האב איך גאר נישט געקאנט טראכטען. נאר אז איך בין ארוים אויף דאס פרייע פעלד, האב איך מיך דערפיהלט פריי, גרוים און ברייט. און דענסמאל איז מיר געווארען אזוי שווער אויפ'ן הארצען. שווער, שווער, שווער.

ביילע (בייז). געה שלאפען, געה, און לאז מיך אויך שלאפען.

איזיק. דער קאפ האט אנגעהויבען קאנען טראכטען, פערשטעהסט. און איך האב דערפיהלט, און איך האב דערפיהלט! (אין פארצימער ווערט געלאכט.)

ביילע. יענע קישניען דארטין, די...

דאבע (אין פארצימער). וואס טוט זיך דא, וואס אזוינס? (די גאסטיר ווערט אויף גיך צוגעמאכט.)

הינדע (אין פארצימער). אייזיק איז געקומען....

דאבע. ווער איז דאס יעצט ארוים? (עס ווערט שטיל.)

איזיק. איך האב מיך דערפיהלט פאר א יתום, וואס איך האב צובראכען מיין פרעס און מיין מאשינקע.

לייוויק. נו, ביזטו נישט א נאר? דו וועסט דאך קאנען...

איזיק. און אין הארצען האט מיר געגאגט און געגאגט דאס, וואס איך קאן נישט, דאס, וואס איך קאן נישט, דאס, וואס איך קאן נישט! פערשטעהסט, איך וויל און קאן נישט. איך וויל, פערשטעהסט, און קאן נישט. און איך קאן דאך יא! פער־שטעהסט, איך וויים, אז איך קאן דאך יא! און... און... און... דו

האָסט היינט געזאָגט אין ווערקשטאַט, אז דו זעהסט אַ מאָל אַ גוט בילד, ווערט דיר אַזוי אומעטיג און עס זיצט אין דיר עמיץ און ציהט און ציהט.

לייוויק. זעהסט דאָך, און פון דעסטוועגן גאָרנישט. ציהט, ציהט ביז עס הערט אויף. מען דאַרף דאָך זיין אַ מענש...

ביילע (איבערקערענדיג זיך מיט'ן געזיכט צו דער וואַנד). ער איז מיר אויך אַ מענש.

איזיק. איך בין אַן אנדער מענש. איך האָב אויפגע־הויבען די הענד אין פרייעם פעלד און אָנגעהויבען שרייען, שרייען, שרייען־ן־ן...

ביילע. שריי אויף די ציינער! וואָס האָסטו דיך צו־שריען? לאָז שלאָפען! וועט נאָך אויפוועקען די קינדער.

איזיק. איך האָב עפּעס געוואָלט ארויסשרייען פון מיר. פאַר די אויגען זיינען מיר געשטאַנען די פערד און די פעטליצעס־מאַשינע, צובראָכענע, צושאָטענע, צו... צו... צו.. מיין פערד מיט מיין מאַשינקע.

לייוויק. נו, נו, נו, ביזטו נישט אַ נאַר?

איזיק. נאַר דאָס איז גאָר נישט אַקעגען דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט.

ביילע. געהט, לייוויק, אַ היים, וועט ער זיך אויך לעגען שלאָפען.

איזיק. אַז איך בין שוין אריין אין וואַלד, האָב איך גע־נומען שלאָגען די בוימער, בייסען זיי, רייסען זיי, געשלאָגען אין זיי מיט'ן קאָפּ, מיט די הענד, מיט די פיס. און עס איז מיר אַ האָר נישט לייכטער געוואָרען. איך האָב מיך אַ וואָרף געטאָן אויף דר'ערד, געדרעהט זיך, געוואָרפען זיך...

לייוויק. הע!

איזיק. איך האָב געריסען דאָס גראָז און געביסען די ערד. און דאָ האָט זיך ארויסגעקייקעלט פון קעשענע אַ פּאָר מטבעות... (הערט אָן מידער צו רעדען.) און אַז איך האָב דער־

זעהן דאָס געלד, האָט זיך מיר פערוואָלט טרינקען, טרינקען, טרינקען.

לייוויק. ניין, איך האָב פון דיר מעהר געהאלטען.

ביילע (כראָפּעט און רעדט עפּעס פון שלאָף).

פּיניע (העבט זיך אויף און העבט אָן אַרומצוגעהן איבער'ן צימער).

לייוויק. נא, יעצט וועל איך געהן און דו וועסט זיך לע־גען שלאָפען. און זיי א ביסעל מעהר מענש. מען דאַרף נישט גלייך אראָבלאָזען די נאָז.

אייזיק. דאָס טרינקען האָט מיך נישט בעפרייט. עס נאָגט און נאָגט אין מיר. איך בין אומגעגאנגען איבער די גאסען, גע... און עס נאָגט און נאָגט אין מיר. פערשטעהסט, איך האלט מיך קוים אויף די פיס און דער קאָפּ איז מיר קלאָר.

לייוויק. וועסט דיך אויסשלאָפען, וועסט מאָרגען אַנ־דערש פיהלען.

אייזיק. דאָס קאָנסט דו דיך אויסשלאָפען. איך — (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) — ניין. איך וועל מיך נישט אויסשלאָפען. מאָרגען און איבערמאָרגען און איבער־איבערמאָרגען וועט מיך נאָ־גען און עסען און פרעסען דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט. קייטען ליעגען אויף מיינע הענד, שווערע משאות אויף מיין מח...

לייוויק. דאָס זאָג איך דאָך, אז איך האָב דיך געהאלטען פאר קליגער. דו ווייסט דאָך, ווי מיר האָט זיך געוואָלט ווערען א מאָלער. נאָר איך זאָג מיר: עט, נישט איז נישט! קאָנסט נישט אריבער, מוזטו ארונטער.

אייזיק. איך בין אַן אנדער מענש, איך בין אַן אנדער מענש. מיך ראטעוועט קיין בראנפען נישט, און מיך ראטעוועט קיין שלאָף נישט.

לייוויק. דאָס וועלען מיר שוין זעהן. שלאָף דיך נאָר אויס.

**אייזיק** (שטעהט אויף, שאָקעלט זיך). זעהסט, איך האַלט מיך קוים אויף די פיס, זעהסט? און אין האַרצען נאָגט און נאָגט, און דער קאָפּ האָט גאָר נישט פערגעסען. עס שווינדעלט א ביסעל, אָבער ער האָט גאָר נישט פערגעסען. (מאַכט אַ פּאָר שריט נאָך ליווויקען, וואקעלט און פאַלט מיט׳ן קאָפּ צום שראַנק.)

**ביילע** (אויפגעוואַכט). וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?

**לייוויק.** אייזיק איז געפאַלען. איך וועל איהם אויפהעבען און אריינלעגען אין בעט.

**ביילע** (ווידער איינשלאָפענדיג). פון מיינעטוועגען מאָג ער אייביג ליעגען.

**אייזיק.** העב מיך נישט, לייוויק, אזוי איז מיר גוט. לאָז מיך ליעגען. איך דאַרף נישט קיין בעט.

**לייוויק** (העבענדיג איהם). מען קאָן דאָך אָבער נישט אָבליעגען אזוי א גאַנצע נאַכט.

**אייזיק.** איך וויל דאָ ליעגען. העב מיך נישט, לייוויק. זאָל מיר די קאַלטע ערד קיהלען א ביסעל דעם הייסען קאָפּ. עס איז מיר גוט אזוי.

**לייוויק.** דו ביזט א משוגענער. נאַ, א גוטע נאַכט דיר. ווער וועט צושפּאַרען די טיר?

**אייזיק.** מאָגסט לאָזען אָבגעשפּאַרט. קיין גנבים וועלען צו אונז נישט קריכען.

**לייוויק.** טאָמער זאָל איך דיך פאָרט אריינלעגען אין בעט?

**אייזיק.** ניין, אזוי איז גוט, איך קיהל מיר דעם קאָפּ.

**לייוויק.** נאַ, א גוטע נאַכט. (געהט אַרויס.)

**אייזיק.** א גוטע נאַכט דיר, לייוויק.

**הינדע** (אין פאָרצימער). נו, וואָס, ער שלאָפט שוין?

**לייוויק.** וואו! ער ליעגט אויף דר׳ערד.

**ביידע** (בעווייזען זיך אין טיר).

הינדע. פפע! שטעהט אויף, אייזיק!

לייוויק. אייזיק, טאמער פארט...

אייזיק (ענטפערט נישט).

לייוויק (מאכט מיט דער האנד און געהט אוועק).

הינדע. גוט שכור. (פערשווינדט נאך לייוויקען.)

ביידע (בלייבען שטעהן אין פארצימער, רעדען א ווײלע. מען הערט הינדעס לאכען און לייוויקס „א גוטע נאכט" און די גאסטיר צו קלאפען. עס ווערט שטיל).

הינדע (בעווייזט זיך נאך א מאל, קוקט אויף אייזיקען, „פפע־קעט" אב און פערשווינדט. — אין צימער איז נאך פינסטערער: דאס גלאז פון לאמפ איז שטארקער פערדרויכערט געווארען. כאר א קליינער קרייז ארום דעם טיש איז בעלויכטען, און אין דעם שיין זעהט מען נישט קלאר דעם לאנגזאם ארומגעהענדיגען פיניען).

פיניע (ארומדרעהענדיג זיך א ביסעל, בלייבט שטעהן איבער אייזיקען). געשטארבען, טויט.

אייזיק (קרעכצט ארויס). יא, שטארבען, שטארבען.

פיניע (העבט אן ווידער ארומצוגעהן). געשטארבען. אלץ. טויט. פינסטער. קאלט. און פינסטער און קאלט. און בעגראבען. און צופוילט. און פון ווערים צועסען. און פינסטער. און קאלט. קאלט. (בלייבט שטעהן און גיט ארויס מאדנע טענער, שניידענדיגע, פייפענדיגע טענער, ווי א וואיענדיגער הונד.)

אייזיק (האט זיך אויפגעזעצט און אריינגענומען דעם קאפ אין די הענד. פלוצלונג דרעהט ער זיך איבער און ציהט זיך אויס אויפ'ן בויך מיט'ן געזיכט צום שראנק).

ביילע (לעגט זיך איבער אויף אן אנדער זייט און רעדט פון שלאף). איך בין גוט אומגליקליך, גוט, גוט...

פיניע (האקט אב זיין וואיען און העבט אן ווייטער ארומצוגעהן). פינסטער, פינסטער, פינסטער. (וואיעט ווידער.)

אייזיק (זעצט זיך פלוצלונג אויף מיט א שרעקליכען געשריי). ביילע, איך האב אויפגעגעסען דעם מישיאק! ביילע

אויף גיך, איך האָב אויפגעגעסען דעם מישיאק! איך האָב עס נישט געוואָלט. ביילע, איך וויל עס נישט. ביילע, אויף גיך!

ביילע (שפּרינגט אויף מיט שרעק). וואָס איז געשעהן? געוואלט, וואָס איז געשעהן?

איזיק. ביילע, איך האָב עס נישט געוואָלט! איך האָב עס נישט געוואָלט! איך וויל עס נישט!

ביילע. וואָס ווילסטו נישט? געוואלט, וואָס איז געשעהן?

איזיק (זיצענדיג אויף דער ערד, די פיס אויסגעצויגען, דעם קאָפּ אויף די פיס און די הענד אין די האָר). איך האָב אויפגעגעסען דעם מישיאק. איך האָב עס נישט געוואָלט. איך וויל עס ני־י־יששט!...

ביילע (מאַכט אַ געוואלט).

פּיניע (בלייבט שטעהן ווי ניגיעריג איבער איזיקען).

די קינדער (כאַפּען זיך אויף מיט אַ געוויין. — טירען קלאַפּען, שריט פון באַרפעסע פיס).

איזיק (שרייט). איך וויל עס ני־י־יששט!...

# „תוכחה“

א סצענע פון א שרעקליכער צייט.

(7 יוני, 1919.)

אַ גרויסער, פינסטערער קעלער. פון ערגעץ־וואו אין דער הינטערוואַנד פער’גנב’עט זיך אַ שטראַל, וועלכער לאָזט וויסען, אַז דרויסען איז העלער, זוניגער טאָג, און דעקט־אויף סילועטען פון פערשידענע פיגורען, וועלכע פילען אָן דעם קעלער. דער גרעסטער טייל פון די פיגורען ליעגט צוזאַמענגעקאָרטשעט אויף ד’ר’ערד. מען קאָן קוים דערקענען אין זיי מענשליכע געשטאַלטען. עטליכע זיצען, און דריי מענער שטעהען ווי אַ סגל אַרום דעם שטראַל: צוויי אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד, רעכטס און לינקס פון דעם שטראַל, און איינער צופוסען פון שטראַל, די הענד צובויפגעלעגט אויף דער ברוסט, דאָס געזיכט צום שטראַל געווענדט. אויף דער ערד אין דעם ליכט פון שטראַל, צווישען די דריי שטעהענדיגע מענער, זיצען אינגעלעך און מיידעלעך און קוקען אַריין אין ביכער.

עס איז שטיל. עס פיהלט זיך אָן אָנגעשטריינגקייט — מען הערט זיך שאַרף צו צום דרויסען. די שטילקייט האַלט־אָן אַ לייענגערע ווילע. דערנאָך הערט אָן דאָס געשפּרעך צווישען ליעגענדיגע און זיצענדיגע. אַ געפּליסטער פון טרוקענע, אויסגעהונגערטע, פער’חלש’טע שטימען, מיט פּאַוזען צווישען ענטפער און ענטפער.

— עס איז נאָך אַלץ שטיל דרויסען.

— ווי לאַנג האַלט שוים אָן די שטילקייט?

— צייט וויל זי וויסען! ווייסען מיר, ווי לאַנג מיר זיינען שוים דאָ?

— שוים אַ־ודאי אַ דריי־פיער שעה, אַז עס איז שטיל.

— וואָס קאָן עס זיין?

— האָט מען זיך אויפגעהערט צו שלאָגען אָדער — ?

— עפּעס ווי מען האָט זיך צונויפגערעדט. שטיל פון אלע פיער זייטען.

דער שטעהענדיגער רעכטס פון דעם שטראל. א שיינע קריאת־שמע האָבען מיר זיך דערלייענט. פון לינקס די פּאָליאקען, פון רעכטס די אוקריינער, צוקאָפּענס די רוסען, צופוסענס די רומענער...

דער שטעהענדיגער לינקס פון דעם שטראל (איראָניש). און וואו בלייבט גאָט?

א זיצענדיגער. ווען מען וואָלט זיך פריער ארומגע־קוקט נאָך גאָט, וואָלט אפשר אנדערש געוועזען.

דער שטעהענדיגער לינקס. ווי אנדערש, רבינקע? ווען האָט די אידען געהאָלפען זייער גוטסקייט און פרומקייט?

— די אידען זיינען שטענדיג געוועזען א שעיר לעזאזל.

— זיי וועלען דאָרטין דרויסען שלום מאכען און אלע צוזאמען ארויפלאָזען זיך אויף אונז.

— איינע גענגען די אנדערע און אלע געגען אונז.

— מיר העלפען אין אלע מלחמות און ווערען געשלאָגען אפילו פון די, וועמען מיר העלפען.

— ווער וויים, וואָס מיט אונז וועט זיך דאָ נאָך טאָן.

— אוי וועה! אוי וועה! (שטילער, פאַרזיכטיגער, קראַפּטלאָזער טרוקענער געוויין, ווייל די טרערען האָבען זיך שוין אויסגענומען.)

א זיצענדיגע פרוי. אַי, רבונו של עולם, אלץ, אלץ... די פיס זאָלען זיי מיר צוברעכען, די הענד זאָלען זיי מיר אויסדרעהען, א טויט זאָלען זיי מיר מאכען, נאָר נישט דאָס, נאָר נישט דאָס...

א מאן (לעבען איהר). מיט פופצעהן יאָהר צוריק האָב איך דאָס פון דיר געהערט צום ערסטען מאָל.

די פרוי. און וויפיעל מאָל האָב איך עס דערנאָך איבער־גע'חזר'ט?

אַן אַנדער פרוי. און פאַר איהר האָבען עס אַנ־
דערע אידישע טעכטער, און נאָך איהר מסתמא אויך. (קרעכצען.)

אַ שטעהענדיגער מאַן (רעכטס ביי דער וואַנד, אונ־
געזעהן דורך דער געדיכטער פינסטערניס, מיט אַ פערשטויקטער, הייזערי־
גער שטימע, פול פערצווייפלונג). פאַר וואָס? פאַר וואָס?

אַ יונגע מיידעל־שטימע (שוואַך, ווי פון אונטער
דער ערד). איז נישט ווי אַ קעלט דורכגעלאָפען?

שווייגען.

אַ אינגעלע (ביים שטראַל). איך האָב געענדיגט מיין
בוך. איצט וועל איך שטאַרק הונגעריג ווערען.

אַ מיידעלע (לעבען איהם). איך וועל זיך מיט דיר ביי־
טען. וועל דיר געבען מיין בוך.

דאָס אינגעלע. וואָס לייענסטו?

דאָס מיידעלע. אַ פוילישׁ בוך.

דאָס אינגעלע. איך קען נישט קיין פויליש. איך וועל
זיין שטאַרק הונגעריג.

דאָס מיידעלע. איך וועל דיך לערנען פויליש.

דאָס אינגעלע. אהה, יאַ! גוט־ט־ט! איצטער וועל
איך שוים נישט זיין שטאַרק הונגעריג. (ציהען זיך ביידע אויס פאַר
דעם שטראַל.)

דער שטעהענדיגער רעכטס. זעהט דאָס ביכער־
פאָלק! — און אַ פוילישער פּאָגראָמשטשיק וועט זיי צושמעטערען
די קעפּ אָן אַ שטיין.

די יונגע מיידעל־שטימע. מיר איז זעהר קאַלט.

שווייגען.

דער שטעהענדיגער צופוסען פון שטראַל.
און דרויסען איז אַ הערליכער זומערטאָג. די זון לייכט און לאַכט
און וואַרמט און —

אַ ליעגענדיגער. ווייזט וואו צו שיסען.

ד ע ר ש ט ע ה ע נ ד י ג ע ר. דאָך מיר זיינען גליקליך, וואָס מיר האָבען דאָ ביי אונז כאָטש איין שטראָל.

ד י י ו נ ג ע מ י י ד ע ל־ש ט י מ ע. וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען דאָ וואָלט געוועזען ליכטיג? איך בין גאַנץ נאַקעט. וויל מיך קיינער נישט כאָטש מיט עפּעס צודעקען?

שווייגען.

— די שטילקייט איז דאכט זיך נאָך ערגער ווי די שיסעריי. אזוי האָט מען געווארט, א באָמבע וועט איינשלאָגען און פארטיג. יעצט וויים מען גאָר נישט, וואו מי האלט אין דער וועלט.

— א שרעק אזא שטילקייט.

— עס דוכט זיך אויס, אז מען פּלאָנעוועט אָב עפּעס שרעקלי־כעס ארום הויז.

— זאָל גאָט אויסהיטען!

א א י נ ג ע ל ע.—איך וואָלט ארויסגעקראָכען און א קוק געטאָן.

ז י י ן מ א מ ע. ליעג, וואו דו ליעגסט!

ד אָ ס א י נ ג ע ל ע. זיי וואָלטען מיך נישט דערזעהן. איך וואָלט געקראָכען ווי א וואָרים.

ד י מ א מ ע. געקראָכען וואָלט ער! קאָן קוים א האנד בעוועגען.

ד אָ ס א י נ ג ע ל ע. איך בין קליין, און זיי וואָלטען מיך נישט געזעהן.

ד י מ א מ ע (שטרייננ). ליעג!

ד אָ ס א י נ ג ע ל ע (קאפּריזנע). איך בין הונגעריג!

א פ ר ו י ע נ ש ט י מ ע (זעהר שוואך). א שטיקעלע ברויט... א שטיקעלע ברויט...

ד י י ו נ ג ע מ י י ד ע ל ש ט י מ ע. איך קאָן מיין הונגער פערגעסען, אָבער נישט מיין נאַקעטקייט. כאָטש אין עפּעס איינ־וויקלען זיך.

א פ י ע ב ע ר ק ר א נ ק ע ר (צושרייט זיך). איך ברען!

איך ברען! איך — (מען האַלט איהם צו דאָס מויל. — אַ שטיל כליפּען פון פרויען.)

דער אונגעזעהענער פרעגער (ווי מיט קרעכץ). פאר וואָס? פאר וואָס?

אַ זיצענדיגער. עס העבט זיך דער מח.

אַ צווייטער. ער האָט זיך שוים אויפגעהויבען. ווי אַ דעקעל פון אַ דאַמפּקעסעל — פיו! — ארויף איז מיין שארבען, הויך, הויך, און נאָך איהם מיין מח. איך זעה איהם אָן דאָרטין הויך. אז איך זאָל איהם ווענען דערלאנגען, מוז איך האָבען אַ גרויסע לייטער. אַ זעהר גרויסע לייטער. ווי פון הימעל ביז צו דער ערד. דערפאר בין איך זעהר טרויעריג. איך האָב נישט אזא לייטער.

אַ קינד (צואווייגט זיך מיט אַ זעהר שוואכער שטימעלע). איך וויל מיין פייערלייטער.

די מאַמע. ששש...

אַ פרוי. דאָס געהט אוים פאר הונגער און וויל צאצקעס.

די מאַמע (צואווייגט זיך). ששש...

שווייגען

דער שטעהענדיגער צופוסען פון שטראָל.

ווי דער שטראָל רופט און מאַניעט. ער מאכט אָן אלץ פארגעסען. איך וואָלט דאכט זיך געקאָנט ארויף אויף איהם און וואָלט געגאַנגען און געגאַנגען... און עס שטעלען זיך אין מיר צונויף פרעהליכע פערזען. פאר וואָס זעה איך בלויז גרינע פעלדער דרויסען? און אַ פרעהליכע, ליכטיגע וועלט? און אַ גליקליכע שטילקייט?

— אַ „גליקליכע שטילקייט", יאַ!

— מי וואָלט דאָך געמוזט געוואָהר ווערען.

דאָס אינגעלע. איך וויל ארויסקריכען.

— מיר האָבען אלע געדארפט ארויסקריכען, צו וואָס בעהאַלטען זיך? צו וואָס מאַטערן זיך? זאָלען זיי אונז אויס'הרג'ענען און אַ מעשה מיט אַ סוף.

— כל זמן שהנשמה בקרבי, ווילט זיך לעבען.

— לאנגזאם אויסגעהן מיט האָפנונגען אויף בלייבען לעבען, אָבער נישט די געוויסהייט פון טויט.

דאָס איינגעלע. איך וואָלט געקראָכען אויפ'ן בויך. איך וואָלט אפילו דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבען. אָט אזוי וואָלט איך געקוקט.

דער רב. מיר וועלען איבערוואַרטען דעם טאָג. אז עס וועט נאָך אַלץ זיין שטיל, וועט עמיצער מוזען ארויסקריכען און געוואָהר ווערען.

א מאַן (קוים ארויסרעדענדיג). איך וועל דעם טאָג נישט איבערלעבען. מיט מיר איז אויס.

שווייגען

די פרויענשטימע. א שטיקעלע ברויט... א שטיקעלע ברויט...

—באַלד וועלען מיר אַלע אזוי רעדען.

— וועלען אויך פאַרגעסען פאַר הונגער, ווי מיר הייסען.

— מיר וועלען שוים פון דאנען נישט ארויס.

— וואָס עס וועלען נישט אויפעסען די לייז, וועלען אויפעסען די מייז.

— עס העבט זיך דער מח.

דער געריהרטער. מיר וועלען זיך שטעלען איינער ביים אנדערן אויף די פּלייצעס און דערלאַנגען דעם מח.

א פרוי (זיצענדיג איבערגעבויגען איבער עטוואָס אין איהר שויס, קרעכצט אַרויס אין שטיקענדיגער פערצווייפלונג). אויס!... אויס!... געשטאָרבען!... געשטאָרבען מיין קינד!... צייטעלע, אברהמלע, געשטאָרבען לייזערל... געשטאָרבען אייער ברודער...

צוויי קינדער (לעבען איהר צוואווייגען זיך מיט פערשמאַכטע שטימעלעך).

די פרוי. געשטאָרבען. אזוי גוט איז איהם, אזוי וואויל איז איהם...

ש ט י מ ע ן. אך, רבונו של עולם!

— וואו טוט מען איהם אהין?

— ער וועט לאנג נישט זיין דער איינציגער, באלד וועלען מיר האָבען נאָך מתים.

— מי'ט מוזען ארויסקריכען. ווי'ט'ען דאָ קאָנען זיין?

— מי'ט דאָ מוזען אויסגראָבען א טיעפע גרוב.

— פאר אלעמען.

א א י נ ג ע ל ע (צואווייגט זיך). איך האָב מורא! איך וויל ארויס! (א האנד דריקט צו זיין מויל.)

ד ע ר פ ר ע ג ע ר (וויינט ארויס). פאר וואָס? פאר וואָס?

א ז י צ ע נ ד י ג ע ר. פאר אונזער מישען זיך אין אלץ. פאר אונזער קריכען אומעטום. פאר אונזערע רעוואָלוציעס.

ד ע ר ש ט ע ה ע נ ד י ג ע ר ל י נ ק ס פ ו ן ד ע ם ש ט ר א ל. פאר אייער געלדמאכעריי. פאר אייער עקספּלואַטאציע. פאר אייער קאפּיטאליזם.

ד ע ר ר ב. ווייל מען האָט גאָט פערגעסען.

א ז י צ ע נ ד י ג ע ר. פאר אונזער אָבגעזונדערטקייט. פאר אונזער אתה בחרתנו.

ד ע ר ש ט ע ה ע נ ד י ג ע ר ר ע כ ט ס פ ו ן ש ט ר א ל. פאר אייער מה יפית, פאר אייער אסימילאציע. פאר אייער ארויפדרייענגען זיך.

א פ ר ו י. איצטער ווילען זיי זיך אויסטענען. געפונען א צייט, ווען אויסצוטענען זיך, זיי וועלען זיך נאָך באלד צושרייען.

— לאָז מען בעסער גראָבען דאָס קבר'ל.

— מיט וואָס גראָבט מען?

— איך ליעג דוכט זיך אויף א גראָבאייזען.

— ווער האָט כח צו גראָבען?

ד י פ ר ו י. איך אליין. איך אליין וועל אויסגראָבען דעם קבר, וועל אויסגראָבען פאר צווייען. ווי לאנג וועט עס מיט מיר געדויערן? הלואי, ביז איך גראָב אויס דעם קבר.

איהרעביידע קינדער (צוזאַמען זיך ביטערליך).

די פרוי. איך וועל אויסגראָבען פאר פיערען. ווייגט נישט. איך וועל אויסגראָבען פאר פיערען. (שטעהט אויף און שלעפט זיך צו דער זייט פון דער שטימע, וועלכע האָט דערמאָנט דאָס גראָבייזען.)

די שטימע. איהר וועט מוזען אליין ארויסנעמען דאָס גראָבאייזען פון אונטער מיר, איך קאָן מיך נישט ריהרען.

די פרוי (קריגט ארויס דאָס גראָבאייזען, קעהרט זיך אום צו איהר פלאץ און העבט אָן צו גראָבען. — אין פערשיעדענע זייטען כליפען־אויף פרויען.)

די יונגע מיידעל שטימע. איך וואָלט געוואָלט די ערד אויף מיר. איך וואָלט צוגעדעקט מיט איהר מיין נאַקעט־קייט.

דער אונגעזעהענער פרעגער (מיט פער־ביסענע ציינער און בייזקייט). פאר וואָס? ! פאר וואָס? !

(שווייגען, מען הערט נאָר דאָס גראָבען. דאָ און דאָרטין א שוואכער קרעכץ. דאָ און דאָרטין אן אויפכליפען.)

א איינגעלע. איך קאָן נישט מעהר לייענען. מיינע אויגען טוען מיר וועה.

א צווייטער. מיינע אויגען טוען מיר אויך וועה. אָבער אז עס וועט ווערען פינסטער, וועט מען גאָרנישט קאָנען לייענען, יעמאָלט וועט'ן ווערען זעהר שטארק הונגעריג.

א מיידעלע. אז עס'ט ווערען פינסטער, וועלען מיר זיך לעגען שלאָפען.

ערסטער איינגעלע. מען דארף זיך לעגען אויפ'ן בויך און שטארק דריקען דעם בויך, איז'ן נישט הונגעריג.

דער צווייטער. אז איך ליעג אויפ'ן בויך, לעק איך די ערד, ווערט מיר אזוי נישט גוט...

די פרויען שטימע. א שטיקעלע ברויט... א שטיקעלע ברויט...

ד ע ר פ י ע ב ע ר ק ר א נ ק ע ר. איך ברען!... איך ברען!... איך (א האנד לעגט זיך אויף זיין מויל) ברררן!

ד י י ו נ ג ע מ י י ד ע ל ש ט י מ ע. און מיר איז קאלט, איך פריר... און ווי וועל איך ארויסקומען פון דאנען? איך בין גאנץ נאקעט.

— זי האָפט נאָך אַז זי וועט ארויסגעהן פון דאנען.

— פון דאנען איז ניטאָ שוים קיין ארויס.

— דער טויט געהט דאָ ארום... משגעת שוועבט דאָ ארום... קריכען אויף אונז ווי די לייז... איך וואָלט שווערען, לעבען מיר ליעגט א טויטער...

—אוי וועה! אוי וועה! (געוויין.)

ד י ג ר אָ ב ע נ ד י ג ע פ ר ו י. אז איך וועל פארטיג ווערען, וועל איך איבערגעבען דאָס גראָבאייזען.

ד ע ר פ ר ע ג ע ר (שרייט אויף). פאר וואָס?!

ש ט י מ ע ן (פון פערשיעדענע זייטען, דערשראָקען). ששששש...

א י י נ ע ר (נישט ווייט פון פרעגער). מיר האָבען פערגעסען ווי צו שרייען. דאָס איז עס. ווען רב ישמעאל כהן גדול, איינעם פון די עשרה הרוגי מלכות, האָט מען אָנגעהויבען אָבצושינדען די הויט פון זיין געזיכט, האָט ער זיך אזוי צושריען, אז א בת קול איז ארוים און האָט געזאָגט: „שרייסטו נאָך א מאָל אויף, מאך איך חרוב די גאנצע וועלט.“ אָט אזוי האָבען מיר געדארפט קאָנען שרייען, און זאָל די גאנצע וועלט חרוב ונחרב ווערען!

ד ע ר ד י כ ט ע ר (צופוסען פון שטראל). ניין! דרויסען איז די שיינע זון. גרוים און קיילעבדיג און ליכטיג.

ד ע ר ש ט ע ה ע נ ד י ג ע ר ר ע כ ט ס. און איהר שטראל דאָ זאָגט אונז פון א לאנד, וואוהין די אידען וועלען זיך אומקעהרען, פון פולער פרייהייט אין דער אייגענער היים, פון זוניגער זעלבסטשטענדיגקייט, פון א לעבען אָהן פערפאָלגונגען, אָהן פערד אכטונג, אָהן פאָגראָמען, פון א לעבען —

ד ע ר ש ט ע ה ע נ ד י ג ע ר ל י נ ק ס. — אָהן הערר און

קנעכט, אָהן אויסבויטער און אויסגעבויטעטע. דער שטראַל דאָ זאָגט אונז פון א נייעם טאָג און א נייער וועלט מיט א נייער גערעכטיג־קייט, מיט נייע בעציהונגען צווישען מענש און מענש, צווישען פאָלק און פאָלק.

ד ע ר ד י כ ט ע ר. טאָ לאָמיר אָנזאָמלען דעם שטראַל און ארויסרייטען אויף איהם אין דער זונינער וועלט. דאָס איז דאָך דער שטראַל פון האָפנונג. דאָס איז דאָך — (א באָמבע שלאָגט איין, בעגראָבענדיג די בעהאלטענע אונטער די חורבות פון דעם איינגעפאלענעם הויז. אָבער אויבען אויף די חורבות, אין העלען ליכט פון טאָג, ליגען ארויפגעשליידערט דער דיכטער און דער פרעגער אין זייער לעצטען אָטעמצוג.)

ד ע ר ד י כ ט ע ר (אין ענטציקונג, שטארבענדיג). די גרויסע, שיינע, ליכטיגע זון!

ד ע ר פ ר ע ג ע ר (מיט א בענומענעם, הימעל שפאלטענדיגען אויפגעשריי). פאר וואָס?! פאר וואָס?!